STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03496

DER KUPER-KENIG FUN SIBIR

B. H. Raiz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. ח. ר״ז.

B. C. Reiss.

דער קופּער-קעניג פון סיביר

(ראָמאַן)

The Cooper King of Siberia

1927

אַרויסגעגעבן דורך ש. צוקער, וואַרשא, נאָוואָליפּיע 21.

B. CH. RAJZ

Der Kuper-Kenyg fun Sybir

(ROMAN)

Wydawca Sz. Cukier.

Printed in Poland

Druk. „Renoma“ Warszawa, Karmelicka 17.

212

די ציגײנערײז גלאָשא.

ניקאַנאָר גאוורילאָוויטש באראבאנאָוו, א אָנגעזעהענער סוחר אין סריעטיענסק, האָט מיט דער עכט־סיבירער אויפריכטיגער פרײנדליכקײט בעגריסט זײן מאָסקווער געשעפטס־פרײנד מיט ביירע אויסגעשטרעקטע הענד און מיט די געוועהנליכע ביי די רוסען ווערטער:

— „וויפיעל זומערען, וויפיעל ווינטערען!”...

— שוין א יאָהר פיער, ניקאַנאָר גאוורילאָוויטש, — האָט געענטפערט דער גאסט, א פאָרשטעהער פון א מאָסקווער פירמע. — דאָס לעצטע מאָל בין איך דאָ געוועזן פונקט מיט א חודש פריהער אײדער די יאפאנער האָבען באָמבארדירט טשעמולפאָ...

— נו, ברודערקע, וועסט איצט סריעטיענסק נישט דערקענען.

— אין וועלכער הינזיכט?

— סריעטיענסק איז געוואָרען א שטאָדט מיט מיליאָנערען. זעהסטו א שילד? טאָ געה־אריין און נעהם א בעשטעלונג. אלע זענען מיר דאָ קרעדיט־פעהיג. איבעריגענס, קײנער קויפט נישט אויף באָרג, אלע צאָהלען במזומנים. ביזט געוועזן אויף דעם ברעג פון דער שילקא?

— וואָס ואיז דען דאָרט אזוינס?

— געה וועסטו זעהען, וואָס פאר א פאלאצען עס זענען לענג־אויס דעם ברעג אויסגעוואקסען אין די לעצטע פיער יאָהר.

434308

— דאָס האָט די מלחמה מיט יאפּאַן אזוי רייך געמאכט סריעטיענסק?

— נישט נאָר סריעטיענסק. גאַנץ מזרח־סיביר איז פון דער מלחמה רייך געוואָרען.. וואוהין ביסטו פערפאָהרען?

— אין האָטעל „אמוז”, ווי געוועהנליך.

— א שאָד... מיר האָבען דאָ אצינד א האָטעל „ארקאדיא”, וועט עס זיך נישט פערשעמען געגען אייער מאָסקווער „קאָנטינענטאל”. און ביי דעם האָטעל איז דאָ א קאבארעט, א ווינטער־גאָרטען, קאָן ער קאָנקורירען מיט אייער „סטרעלניא”, — האָט באראַבאנאָוו געזאָגט מיט שטאָלץ.

— און ווער האָט דאָס אייך מזכה געווען מיט אזא לוקסוס?

— אויך א מלחמה־גביר, ברודערקע. טיאפּקין רופט מען איהם, קוזמא לוקיטש טיאפּקין. פאר דער מלחמה איז ער געווען נישט מעהר ווי א פּראָסטער קעלנער אין טהאקטיר אויף דעם באזאר. ווען עס איז ערקלערט געוואָרען קריעג און עס האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבען די מאָביליזאציע, איז ער אוועק אויפן פראָנט מיט איינעם פון די פּאָלקען אלס מארקיטאנט. פון דעם פּאָלק, ברודערקע מיינער, איז נעביך קיין שריד ופליט נישט פערבליבען, און טיאפּקין האָט זיך אומגעקערט אהיים אָנגעשטאָפּט מיט געלד און איז געוואָרען א גאַנצער טהוער, א „וואשע סטעפּענסטוואָ”, א אָנגעזעהענע פיגור..

— אָט דער קוזקא מיט די רויטע קודלעס, מיטן רויטען העמדעל און מיט די אויסגעריבענע פּראָסטע ברייטע הויזען?..

— יאָ, מיין פריינד. אָט דער קוזקא, וואָס האָט זיך מיט הכנעה געבויגען ביז צו דער ערד פאר יעדען איינציגען טראַקטירבעזוכער. אָט וועסטו זעהען, וואָס פאר א האָטעל ער האָט אויפגעשטעלט און וואָס פאר א „ווינטער־גאָרטען” ער האָט אויסגעפּוצט.

— און דאָס האָט ערפאָלג דאָ, אין סריעטיענסק?

— און נאָך וועלכען ערפאָלג!... אָט וועסטו זעהען. דו ביסט היינט מיין גאַסט; איך לאד דיך היינט איין צום אָווענד־ברויט טאקי דאָרט אין „ווינטער־גאָרטען”, וועסטו זעהען, ווי דער זאל איז פול געפּאקט. נישט ווייניגער ווי דער „יאר” אין מאָסקווא.

— דאָס איז אינטערעסאַנט. מיט פערגעניגען נעהם איך אָן דיין איינלאַדונג.

— און ער האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אוועקצושטעלען דאָס געשעפט, אַט דער געוועזענער קעלנער. ער האָט נישט געשפּאָרט קיין געלד, און ווען די געביידעס זענען שוין געווען פיקס־און־פערטיג, איז ער אַוועק אין רוסלאַנד, האָט אהער אַראָפּגעבראַכט אַרטיסטען, מוזיקער, קופּלעטיסטען, טענצער, באַלאַלאַיעטשניצעס, אַ ציגיינער־כאָר און מאַכט ווידער גאָלדענע געשעפטען. סריעטיענסק, ברודערקע דו מיינער, איז אַ שטאָדט מיט גבירים־אַדירים. בפרט אין די זעקס־זיעבען חדשים פון דעם פערקעהר איבער'ן טייך שוויבעלט דאָ און גריבעלט פון אייראָפּעער און אַמעריקאַנער, פון אַגענטען און פאָר־שטעהער פון די רייכסטע וועלט־פירמעס. זעקס אַ זייגער ווערען אַלע געשעפטען געשלאָסען. געהט מען אין „אַרקאַדיא”, מען עסט אַ געשמאַקע סעודה, מען טרינקט אַ גוט גלעזעל משקה, מען זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און מען פערברענגט פרעהליך, הערענדיג און קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס טהוט זיך אויף דער עסטראַדע...

— אַזוי אַנציהענד איז דאָס פּראָגראַם?

— אַט וועסטו זעהען, — האָט באַראַבאַנאָוו געענטפערט מיט התלהבות. — דאָס זענען אַרטיסטען איינער אין איינעם. קינ־סטלער, אמת'ע קינסטלער. דאָרט איז דאָ, למשל, אַ קופּלעטיסט. דאַווידין רופט מען איהם. דאַכט זיך, אַז ער איז אַ בערדיטשעווער אידעל... נו, איז ווען אַט דער דאָזיגער פּאַרשוין קומט־אַרויס אויף דער עסטראַדע, נאָך איידער ער בעוויזט אַ וואָרט אַרויסצורעדען, ער טהוט בלויז אַ קוק אויפ'ן זאַל און מאַכט עפּעס אַ אונשולדיגע מינע, ברעכט שוין אויס דער עולם מיט אַ הארציגען געלעכטער און עס הויבט זיך אָן אַ פּאַטשעריי „בראַוואָ”... אָדער אַ „באַלאַ־לאַיעטשניצע” איז דאָ, מאַרוסיא, אַ אוקראַאינקע. גיסען זיך פון איהר האַלז זיסע טענער, און איהרע גראַציעזע ווייסינקע פינגערלעך לויפען שנעל־שנעל איבער די סטרונעס פון דער באַלאַלייקע, אַזוי אַז מען צעגעהט פּשוט פאַר זיסקייט, און זי מוז איהרע אוקראַאי־נער ליעדער ווידער־האָלען אויף „ביס” אָהן אַ שיעור...

— נו, נו.

— אָדער, למשל, די שאַנסאַניסטקע, מאַמזעל קאַקאַ. זי קומט־ארוים אויף דער עסטראַדע האַלב־נאַקעט, במעט אזוי ווי די מאַמע האָט זי געבוירען, און יעדער איינציגער פון דעם טויזענד־קעפיגען עולם האָט דעם איינדרוק, אַז דאָס קאָקעטירט זי איהם, אַז דאָס ווינקט זי צו איהם מיט איהרע גרויסע הימעל־בלויע, לײדענ־שאַפטליכע אויגען, און אין זאָל ווערט ליהודים... נו, און דער „זידע" אליין? נאַזאַר ראַפּוכאַ? דער פּאַטריאַרך פון דעם ציגיינער־כאָר?... דאָס איז, ברודערקע, א זקן פון אריבער זיעבציג יאָהר, מיט א ברייטער שוואַרץ־גרויער באָרד, מיט א הויכען געקנייטשטען שטערען, מיט ענערגישע רויט־ברוינע אויגען, און דאָס זינגט, און טאַנצט, און שפּרינגט אויף דער עסטראַדע, ווי א בחור'ע פון צוואַנציג יאָהר. אָט וועסטו זעהן...

ניקאַנאָר גאַווריליאָוויטש האָט אָבגעזופּט עטליכע שלוקען טהיי פון דער פיליזשאַנקע. ער האָט מיט די הענד אָבגעווישט און פער־גלעט זיינע געדיכטע בלאָנדע וואָנסען, און ער האָט פאָרטגעזעצט מיט א בעזונדערען עקסטאַז:

— נאָר די שטאַרקסטע אַטראַקציע אין „ארקאַדיא", ברודער־קע מיינער, איז די ציגיינערין גלאַשאַ... אָט טאַקי נאַזאַר ראַפּו־כאַ'ס אנ'איניקעל.

ניקאַנאָר גאַווריליאָוויטש האָט האַסטיג געכאַפּט נאָך א פּאָר שלוקען טהיי, און האָט זיך אָנגערופען מיט א ברען, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ:

— איך האָב שוין עפּעס געזעהען אין לעבען אויף גאָט'ס גרויסער וועלט. אין מיינע יונגע יאָהרען, ווען איך בין אלט געווען א יאָהר צוואַנציג, האָט מיך מיין זעליגער פאָטער אוועקגעשיקט קיין מאָסקווא שטודירען; ער האָט דוקא געוואָלט, איך זאָל ענדיגען די אוניווערזיטעט און ווערען א ריכטער, א פּראָקוראָר, אָדער, ווע־ניגסטענס, אנ'אַדוואָקאַט. נאָר איך, צווישען אונז גערעדט, האָב זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכענט מיט א בעזונדערען חשק צום לער־נען. בין איך טאַקי אָבגעזעסען גאַנצע דריי יאָהר אויף דעם ערשטען קורס, און דערמיט האָט זיך געענדיגט מיין שטודירען. דערפאַר אָבער האָב איך אויסגענוצט די דריי יאָהר אין מאָסקווא און האָב געהער־

ליעט אויף וואָס די וועלט שטעהט:. עס איז קיין אייין אָווענד נישט פערגאַנגען, אַז מען זאָל נישט בעזוכען די פערשיעדענאַרטיגע מאָסקווער פערוויילונגס־הייזער. דער רובל האָט נישט געפעהלט. דער טאַטע האָט געשיקט אָהן אַ חשבון. נו, האָט מען געלעבט. האָט מען זיך גענוג אָנגעהערט, און צווישען אַלע מאָסקווער ציגיינער־כאָרען האָם איך אַזאַ גלאָשאַ נישט בעגעגענט...

— אַזאַ קראַסאַוויצאַ איז זי?

— קראַסאַוויצאַ? דאָס דאָזיקע וואָרט איז צו שוואַך, צו בלאַס, צו באַנאַל. גלאַשאַ איז פול פּראַכט, פול צויבער. גלאַשאַ איז ווי די מאַיעסטעטישע שענהייט פון דער ווילדער נאַטור. אַזאַ שענהייט לאָזט זיך נישט בעצייכענען מיט ווערטער. אַזאַ שענהייט מוז מען אָנקוקען און בעוואונדערען... און וואָס מעהר מען קוקט זי אָן, אַלץ מעהר און שטאַרקער ווערט מען בעצויבערט, אַלץ מעהר פערגעסט מען, אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז, און גלייכצייטיג נעהמט דיך אַרום אַ געפיהל פון אַ רעטזעלהאַפטען רעספּעקט און ליידענשאַפטליכער ענטציקונג...

— דער סיביריאַק האָט מיט אַמאָל אויסגעלעדיגט די פּילזשאַנקע ביז צום דעק, און, אויפשפּרונגענדיג פון דער שטוהל, ווי בעריהרט פון אַ עלעקטרישען שטראָם, האָט ער אַ צעקאָכטער געזאָגט:

— עך, ברודערקע מיינער! ווען גלאַשאַ מיט דעם טאַמבורין, בעפּוצט מיט בונטע בענדער, הויבט אויף אין דער הויך איהר ענטבלויזטע געטאָקטע האַנד, שוועבט אַרוים צווישען די גרינע פּאַלמען אויף דער פאַנטאַסטיש־בעלויכטענער עסטראַדע, אין איהר געבלומטען דורכזיכטיגען קאָסטיום פון זיידענעם יאַפּאַנישען זעפיר, איהר שלאַנקע פיגור שלענגעלט זיך גראַציעז, איהרע לאַנגע געדיכטע שוואַרצע האָר בעדעקען איהר דעקאָלטירטען ביוסט, פּראַנקענדע פּערל בעציהרען איהר רייצענדען קאָפּ, איהרע באַקען ברענען, איהרע אויגען שטראַהלען, איהר ברוסט הויבט זיך, און מיט אַ שטאַרקער זאַפטיגער און קלינגענדער שטימע שרייט זי ווילד אויס:

„איך בין גלאַשאַ די פרייע, די ווילדע,
— די בייזע, די זאַנפטע, די קאַרגע, די מילדע...

ווייל איך — נעהם איך, ווייל איך — גיעב איך.
ווייל איך — האס איך, ווייל איך — ליעב איך...
גלאשא בין איך, די ציגיינערין די ווילדע!"

דאמאלסט, בּרודערקע מיינער, טראגען זיך איבער'ן זאל פייער־דיגע שטראמען, דאס בּלוט אין די אדערען ווערט אויף א ווייל פער־גליווערט, און באלד הויבּט עס אן קאכען און שלאגען אין קאפּ. אלט און יונג ווערען בּעגייסטערט, בּעצוויבּערט, בּעהערשט פון זונדער־בּארע געפיהלען, און אין זאל ברעכט אויס א שטורם, א דונער פון אפּלאדיסמענטען און געשרייען פון ענטוזיאסטישער ענטציקונג...

ניין, דאס לאזט זיך נישט בּעשרייבּען, דאס מוז מען אליין בּייוואוי־נען, אט וועסטו זעהן:..

* * *

עס איז געווען 8 א זייגער אין אווענד.

דער "ווינטער־גארטען" בּיי דעם האטעל "ארקאדיא" איז געווען העל בּעלויכטען פון דריי שטראהלענדע קריסטאלענע הענג־לייכטער און צוהאלעין... ... ...

בּעזונדערס שעהן האט אויסגעזעהען די עסטראדע.

זי איז געווען געשמאקפול רייך דראפּירט אין עכט אריענטא־לישען סטיל, און האט געשאפען אין הינטער־גרונד א פּערספּעקטיוו פון א הערליכער לאנדשאפט מיט א מאלערישען ציגיינער־לאגער. אויף בּיידע זייטען עסטראדע זענען געשטאנען דונקעל־גרינע, בּריי־טע פּאלמען, און הויך איבּער דער גאנצער עסטראדע האט זיך דער־הויבּען א קופּעל אין דער פאָרם פון א יאפּאנישען שירם, אויף וועל־כען עס האט געווימעלט פון אונצעהליגע גרויסע בּונטע שמעטער־לינגען מיט קאקעטירענדע געזיכטער פון רייצענדע גיישעס, און פון דעם דאזיגען אייגענארטיגען קופּעל זענען אויף א וואונדערבּא־רען אופן געפאלען אויף דער עסטראדע סנאפּעס ליכט און עלעקטרי־

שע שטראהלען, וועלכע האָבען צוגעגעבען דעם הערליכען בילד א צויבערהאפטען, מיסטישען קאָלאָריט.

דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. ארום די אונצעהליגע, ווייס־בעדעקטע טישען זענען געזעסען די אויפגעקומענע פּריעטענפּ־קער מלחמה־גבירים מיט זייערע בני־בית, די אלטע רייכע בירגער מיט זייערע משפחות, אָדער מיט זייערע געשעפטס־פריינד און סתם ידידים. עס זענען געזעסען גרופּעס דייטשען, ענגלענדער, אמעריקאנער, פראנצויזען און פון אנדערע נאציאָנאַליטעטען און לענדער. עס האָבען אויך נישט געפעהלט קיין כינעזער, מאָנגאָלען, בוריאטען אין זייערע בונטע, אויסטערלישע, מיט גאָלד און זילבער בעהאָנגענע, נאציאָנאַל־קליידער. די קעלנער, אין עלעגאנטע שוואַרצע פראקען האָבען זיך גאַלאַנט און לעבהאפט בעוועגט צווישען די געסט, דערלאַנגענדיג אויף פינקעלדיגע ניקעלנע טאַצען די בעשטעלטע מאכלים און משקאות. „ער“ אליין, דער אינהאבער פון „ארקאדיא“, הייסט עס, קוזמא לוקיטש טיאָפּקין, איז א צופרידענער ארומגעגאַנגען צווישען די טישען, עלעגאנט געקליידעט, מיט׳ן גלאַט פערקעמטען גלאנציג־רויטען קאָפּ האָר, מיט׳ן רויטען דיקען קארק, מיט׳ן רויטען גלאנציג־פעטען געזיכט, מיט מאסיווע גאָלדענע רינגען און סיגנעטען אויף די גראָבע, רויטע פינגער. פון הינטען איז איהם נאָכגעגאַנגען דער עלעגאַנטער מעטר־ד׳האָטעל, א געבוירענער פראנצויז, און ביי יעדען טישעל איז ער געבליבען שטעהן, בעגריסענדיג די געסט מיט א הכנעהדיגען שמייכעל און מיט א קאָמפּלימענט פאר יעדען איינעם.

ביי אלע טישען איז געווען פרעהליך. אין פערשידענע לשונות האָבען זיך געפיהרט לוסטיגע, זאָרגלאָזע געשפּרעכען. אין דער לופט האָט זיך געשלענגעלט א דופּטיגער, אָנגענעהמער בלויליכער רויך פון די טייערסטע, עכטע האוואַנער ציגארען, ווי אויך פון די ליולקעס, וואָס די רייכע אזיאטען האָבען געטשמאָקעט.

צווישען די הונדערטער בעזעצטע טישען, איז נאָר איין־איינציגער טיש אין דער רייהע נעבען דער עסטראדע געווען נישט בעזעצט, און די שטוהלען ארום זענען געווען אומגעלעגט אלס צייכען, אז דער טיש איז נישט פריי.

— שוין דער דריטער אָווענד, ווי דער דאָזיגער טיש שטעהט לעדיג, — האָט בעמערקט ניקאנאָר גאוודילאָוויטש פערוואונדערט.

— ווער זיצט דען געוועהנליך ביי דעם דאָזיגען טיש?

— דער יונגער קאַלמאר, גריגאָרי סאמואילאָוויטש. גלאשאָס פאוואָריט...

— ווער איז ער דען?

— ער איז א טאטענס א קינד.

— און ווער איז דער טאטע? אויך א מלחמה־גביר?

— אָ, ניין. סאמואיל לאזארעוויטש איז אנ׳אלטער מיליאָנער. שוין זשע איז דיר ניט בעקאנט דער נאָמען סאמואיל לאזארעוויטש קאַלמאר?..: „דער קופּער קעניג” רופט מען איהם: זיינע קופּער־גרובען ביים טייך אמאזאר זענען די רייכסטע אין אונזער בעצירק. ער לעבט זעהר ברייט. ער פיהרט א קעניגליך הויז, און פאר דעם בן־יחיד זיינעם, פאר גרישא׳ן, איז גאָרנישט פארהאן קיין טייערע זאך. אָט זעסטו דעם לעדיגען טיש? שוין דער דריטער אָווענד, ווי דער טיש איז נישט בעזעצט, און קוזמא לוקיטש הייסט זיך גוט בעצאָהלען פאר אזא בעשטעלטען פלאץ, צי דו פערנעהמסט איהם יאָ, צי דו פערנעהמסט איהם נישט. דאָס שמעקט, ברודערקע מיינער, מיט די גראָבע טויזענדער... נאָר וואָס פאר א ראָליע שפּיעלט דאָס ביי גריגאָרי סאמואילאָוויטש׳ן?

— איז ער פון שטענדיג אָן א בן־יחיד? און פון וואנען שטאמט ער אליין? ער איז דאָך, משמעות, א איד אָט דער סאמואיל לאזא־רעוויטש.

— יאָ, א איד. א טראנסבייקאלער געבוירענער. א זוהן פון א ניקאָלאיעווסקין סאָלדאט. דער פאָטער זיינער איז געווען א פּוי־לישער איד און האָט אָבגעדיענט אין נערטשינסקער גאַרניזאָן גאַנ־צע פינף־און־צוואָנציג יאָהר. אין נערטשינסק האָט ער חתונה געהאַט מיט א טאָכטער פון אַ פערשיקטען אידען און האָט מיט איהר געהאַט דעם דאָזיגען זוהן, סאמואיל׳ן. דער אַלטער, לאַזאַר סאמואילאָוויטש, איז געווען שטאַרק אָנגענומען ביי נאטשאַלסטווע. מען האָט איהם צוגעלאָזען צו פערשידענע קאַזיאָנע געשעפטען, און ווען ער איז געקומען צו געלד, האָט ער זיך בעזעצט דאָ ביי אונז

אין סריעטענסק, איז געקומען אין פערבינדונג מיט אויסלענדישע רייכע הייזער, און איז מיט דער צייט אַליין געוואָרען אַ אַנגעזעהענע פירמע. ווען סאַמואיל האָט אין טשיטאַ געענדיגט דאָס גימנאַזיום, האָט דער אַלטער געמאַכט מיט איהם אַ רייזע אין זיין אַלטע היים, קיין פוילען, הייסט עס, פון וועלכער ער האָט כל ימיו גערעדט מיט אַ בעזונדערער בענקשאַפט. פערווײלענדיג אין פוילען כמעט אַ האַלב יאָהר, איז לאַזאַר סאַמואילאָוויטש געקומען צוריק אהער, און דער זוהן איז פערבליבען שטודירען אין דער ווארשאווער אוניווערזיטעט.

— איז דער „קופּער־קעניג” אַליין אַ מאַן מיט אַ הויכער בילדונג?

— ווי זאָל איך דיר זאָגען?.. געבילדעט איז ער, אָבער די אוניווערזיטעט האָט ער נישט געענדיגט. סאַמואיל לאַזאַרעוויטש האָט זיך אין ווארשע בעקענט מיט אַ שעהן מיידעל, אַ טאָכטער פון אַ רייכען פּראָווינצער יודען, דאָס פּאָרל האָט זיך געגענזייטיג געליעבט, מען האָט חתונה געהאַט און אַזוי ווי איהרע עלטערן האָבען בשום־אופן נישט געוואָלט איינשטימען, אַז זייער טאָכטער זאָל פון זיי אוועקפאָרען אַזש קיין סריעטענסק, איז סאַמואיל לאַזאַרעוויטש געבליבען וואוינען מיט זיין ווייב אין דער פּוילישער פּראָווינץ־שטאָדט.

— ווי רופט מען די שטאָדט?

— קאָן איך דיר נישט זאָגען. עפּעס אַ מאָדנער נאָמען... דאָס אָבער ווייס איך, אַז ער האָט דאָרט געוואוינט ביי אַ צעהן יאָהר, אַז ער האָט געפירט גרויסע וואַלד־געשעפטען, אַז ער האָט געהאַט זעקס קינדער, אַז יענע שטאָדט איז אין איין נאַכט אַראָב מיט'ן פייער און קינדער האָבען זיך ביי איהם נישט געהאָדעוועט, און ווען ער איז געקומען אהער מיט זיין ווייב יוסטינאַ יוזעפאָוונאַ, האָבען זיי מיטגעבראַכט נאָר דעם איינעם גריגאָרי. ער איז דאַמאָלס אַלט געווען נישט מעהר ווי זעקס יאָהר. געווען איז דאָס מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק. זי, יוסטינאַ יוזעפאָוונאַ, האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטען. זי איז אריינגעפאַלען אין אַ מרה־שחורה און איז אין קורצען געשטאָרבען. יאָ, יאָ, ברודערקע דו מיינער, סאַמואיל לאַזאַרעוויטש איז אַ

„קעניג“, וואוינט ווי א קעניג, לעבט ווי א קעניג, און דאָך איז זעלטען צו זעהען אויף זיין געזיכט א פרעהליכע מינע...

דער גרויסער קופערנער עלעקטרישער גלאָק האָט מיט א גאנגקלאנג געגעבען א לאנג־דויערענדען סיגנאל, נאָך וועלכען עס איז ערשיענען אויף דער עסטראדע די גאנצע פערשיעדען־פארביגע טרופע „ארטיסטען“, מיט דעם אלטען נאזאר ראָפּוכא און גלאשא'ן אין דער שפּיץ, בעגריסענדיג דאָס „הויכגעשעצטע פּובליקום“ מיט דרייפאכע טיעפע פערנייגונגען.

דאָס פּובליקום ווידער פון זיין זייט האָט געמאכט די ארטיסטען א לאנג־דויערענדע אָוואציע.

— קוק אָן גלאשא'ן, — האָט זיך שטיל אָנגערופען ניקאָגאָד גאוורילאָוויטש. — זעה, ווי זי קוקט צום לעדיגען נישט בעזעצטען טיש, און ווי איהר געזיכט ווערט בלאסער און בלאסער...

דאָס צערעמאָניאל פון פאָרשטעלען זיך פון דער טרופּע האָט זיך געענדיגט, די טרופּע האָט פערלאָזט די עסטראדע, די אָוואציע איז איינגעשטילט געוואָרען, נאזאר ראָפּוכא האָט אָנגעהויבען אויסצופיהרען דעם ערשטען נומער פון פּראָגראם.

לוסטיג, מיט טענץ און געזאנג און געפּעפּערטע קופּלעטען זענען אריבער די ערשטע פיער נומערען פון פּראָגראם. יעדער ארטיסט האָט געהאט בייפאל ביים עולם. א גרויסער טייל פון איהם איז שוין געווען בגילופין און האָט זיך געפונען אין א געהויבענער שטימונג. קיין אפּלאָדיסמענטען האָט מען נישט געקארגט, אויסגעשרייען „בראוואָ“, „ביס“ האָבען נישט געפעהלט נאָך יעדען נומער, און יעדער ארטיסט האָט געמוזט עטליכע מאָל איבערחזר'ן זיין קונסטשטיק. נאָר אָט איז אראָפּ דער פיערטער נומער פון דער עסטראדע, און אין זאל איז מיטאמאָל, ווי אויף א קאָמאנדע, שטיל געוואָרען.

דער טויזענד־קעפּיק'ער עולם איז געבליבען פּלוצלינג זיצען ווי פערגליווערט. אין זאל, ביי אלע טישען האָט אויפגעהערט יעדער געשפּרעך, יעדע בעוועגונג. אלע אויגען זענען געווען געווענדעט מיט דער גרעסטער שפּאנונג אויף דער עסטראדע, אויף וועלכער עס בעדארף איצט ארויסשוועבען דער ליעבלינג פון דעם

פובליקום, די „הימליש־שעהנע", די „אונבעשרייבלעכע און אונפער־גליכלעכע" ציגיינערין גלאשא...

עס איז אוועק א מינוט נאָך א מינוט, און די עסטראדע שטעהט לעער, גלאשא בעווייזט זיך נישט.

דער עולם הויבט אָן ווערען אונרוהיג, אומגעדולדיג און איבער'ן זאל טראָגט זיך א מורמלען פון אונצופרידענהייט און ערשטוי־נונג.

— וואָס איז דאָרט געשעהען?

— פארוואָס קומט זי נישט ארויס?

— איז זי פלוצלינג קראנק געוואָרען?

— א ציגיינערין קרענקט נישט...

— אָט איז זי דאָך מיט א שעה צוריק געווען אויף דער עס־טראדע.

— דאָס איז נישט גלאטיג...

דאָס מורמלען געהט איבער אין א מהומה, אין א טומעל, אין אונגעדולדיגע אויסגעשרייען:

— גלאשא! גלאשא! גלאשא!

עס ווערט א טופעריי מיט די פיס, די מעהר בגילופינדיגע געסט קריכען ממש פון דער הויט, טראסקען מיט די פלעשער אין די טי־שען, ברילען מיט ווילדע קולות, שפרינגען אויף פון די ערטער, קלא־פען אָהן רחמנות מיט די שטוהלען, נאָר גלאשא בעווייזט זיך אלץ נישט.

קוזמא לוקיטש לויפט ארום איבער'ן זאל א אויפגערעגטער, א פערצווייפעלטער, ווי א פערסמ'טע מויז. זיין געזיכט איז רויטער ווי געוועהנליך, אויף זיין שטערען טרעטען ארויס גרויסע טראָפען שוויים, עפּעס שטאמעלט ער, נאָר קיינער הערט איהם נישט, און ער ווערט נעלם פון זאל.

אויף דער עסטראדע ערשיינט מיט זיין קאָמישער מינע דאָס „בערדיטשעווער איד'ל", דער קופלעטיסט דאווידין. ער וויל עפּעס מעלדען, נאָר מיט זיין ערשיינען רייצט ער נאָך מעהר אויף דעם צעיושעוועטען עולם. אויף דער עסטראדע הויבען אָן פליהען טעלער, פלעשער, גלעזער. דער אָרימער קופלעטיסט לויפט קוים אוועק מיט

גאנצע ביינער. איבער׳ן זאל הילכט אליין שטארקער און ווילדער די׳ער טומעל און דאָס רופען:

— גלאשא!..:

— קעניגין אונזערע!...

נאָר גלאשא רופט זיך נישט אָפּ. גלאשא בעווייזט זיך נישט.

אין זאל וואקסט דער שטורם פון מינוט צו מינוט. די רוהיג־סטע צווישען די געסט האָבען שוין אויך פערלוירען זייער געדולד. און דאָרט, אין איהר געמיטליכען גארדעראָבע־צימער, זיצט די ציגיינערין גלאשא ווי א גוף אָהן א נשמה, פונקט ווי זי הערט נישט דעם שטורם, וואָס דערטראָגט זיך פון דעם ברויזענדען זאל.

א צוזאמענגעבויגענע אין דרייען, אינגאנצען פערדעקט מיט איהרע אונגעהויער געדיכטע, לאנגע צעפלאָסענע שווארצע האָר, זיצט גלאשא אויף א פוס־בענקעל אין א ווינקעל פון איהר גארדעראָבע־צימער, איהר ברוינליך־בלאס געזיכט אָנגעשפארט אויף איהרע הענד, איהרע ברייט־אויסגעשטארטע, זאפטיגע, טונקעל־בלויע אויגען קוקען אונבעוועגליך ווייט־ווייט אין איין פונקט מיט א בליק פול טיעפער פערביטערטקייט, און פאר איהר שטעהען מיט פערצווייפעלטע געזיכטער איהר זיידע, נאזאר ראָפּוכא, און קוזמא לוקיטש טיאָפּקין.

— גלאשא... גלאפירא ניקיטישנא, — בעט זיך תחנונים קוזמא לוקיטש. — איהר הערט, וואָס דאָרט טוט זיך?... איהר מאכט מיך דאָך אומגליקליך! איהר רואינירט דאָך מיין גאנצע אונ־טערנעהמונג... גלאפירא ניקיטישנא.

נאָר גלאשא איז טויב. גלאשא איז שטום. גלאשא זיצט אונ־בעוועגליך, ווי א קאלטע מארמורנע סטאטוע.

— גלאשא... גלאפירא ניקיטישנא, — רעדט ווייטער טיאָפּקין מיט א דערשטיקטען גרימצאָרן, — פארוואָס קומט דאָס מיר? פאר וואָס מאכט איהר מיך אומגליקליך צוליעב עפּעס א פארשיוועץ זשיד?...

— שווייג, דו בייטעלשניידער! — האָט גלאשא פערהילכט דאָס צימער, מיט א ווילדען קול, און איז אויפגעשפרונגען פון איהר אָרט ווי א צערייצטע חיה, — וואג נישט צו בעליידיגען זיין נאָמען

מיט דיינע שמוציגע ליפען!... ארויס! אוועק פון מיינע אויגען!...

קוזמא לוקיטש האָט א בייזען שפּיי געגעבען און האָט מיט א רוסישער קללה פערלאָזט דאָס גאַרדעראָבע־צימער.

גלאשא איז געשטאַנען א ווײַלע מיט איהר אויסגעשטרעקטער ענבלויזטער האַנד, מיט וועלכער זי האָט דעם אינהאַבער פון „אר־קאַדיא" אַנגעוויזען די טיהר, און נאָך דעם ווי קוזמא לוקיטש האָט פערהאַקט די טיר נאָך זיך, האָט זי אַנגעהויבען לויפען הין און צו־ריק איבער'ן צימער, ווי א פערוואונדעטע חיה אין דער שטייג.

עטליכע מינוטען האָט אין צימער געהערשט א שווערע שטיל־קייט, צוליעב וואָס עס האָט זיך דייטליכער דערטראָגען דער כאַ־אָטישער געפּילדער פון דעם „ווינטער־גאָרטען". גלאשא האָט נישט אויפגעהערט צו שפּרייזען הין און צוריק, נישט שענקענדיג קיין אויפמערקזאַמקייט דעם אַלטען ציגיינער, וועלכער איז געשטאַנען מיט א אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

— גלאשא, — האָט זיך נאָזאר ראָפּוכא ענדליך אָנגערופען מיט א פערשטיקטען קול, נישט ענדערענדיג זיין פּאָזע, — גלאשא...

גלאשא האָט זיך נישט אָבגערופען. זי האָט נישט אויפגעהערט שפּרייזען איבער'ן צימער.

— גלאשא... מיר וועלען דאָך פערלירען אונזער שטיקעל ברויט... אונז וועט דאָך אויסקומען צו געהן איבער די הייזער, גלא־שא...

גלאשא ענטפערט נישט, און עס איז נאָר צו בעמערקען, ווי איהר גאַנצער קערפּער ציטערט אויף, בעת דער אַלטער ציגיינער רעדט אַרויס איהר נאָמען:

— גלאשא, גלאשא, שוין־זשע האָסטו נישט קיין רחמנות אויף מיינע אַלטע יאָהרען, אויף דיין באַבעס אַלטע יאָהרען, אויף אונזער גאַנצע משפּחה?... גלאשא...

גלאשא איז פּלוצלינג צוגעפאַלען צום אַלטען, זי האָט איינ־געגראָבען דעם קאָפּ אין זיין האָריגער ברוסט, און האָט אויסגע־בראָכען מיט א ערשיטערענדען געוויין. איהר גאַנצער קערפּער האָט פּיבערהאַפט געציטערט.

צערטליך האָט נאָזאר ראָפּוכא מיט זיין ברייטער האַנד גע־

גלעט גלאשאס קאָפּ. צוויי טרעהרען זענען פון זיינע אויגען אראָפּ־געפאלען אויף איהרע האָר, און ער האָט מיט א זאנפטער, גע־מאכטער רוהיגקייט געזאָגט:

— וויין נישט, אָרים קינד מיינס. וויין נישט, גלאשענקא מיי־נע. האָסטו דען אויף איין מינוט געקאָנט צולאָזען דעם געדאנק, אז גרישא קאָלמאר איז דיינער אויף אייביק?.. האָסטו דען אויף איין מינוט געקאָנט פערגעסען, אז דו ביסט א אָרימע, היימלאָזע, וואנ־דערנדע ציגיינערין, און גרישא איז א זון פון א מיליאָנער, פון א א י ד י ש ע ן מיליאָנער?.. ער האָט זיך מיט דיר אָנגעשפּיעלט, אָנגעפּרעהט, אזוי ווי א רייכער יונגערמאן מיט א שענער ציגיינערין, און איצט, נאָך דעם ווי ער האָט בעגעגענט א שען מיידעל פון זיין גלייכען, וויכט ער פון זיין ש פּ י ע ל צ י י ג...

גלאשא האָט אויפגעשוידערט. זי האָט פּלוצלינג אויפגעהערט וויינען. זי איז האסטיג אָבגעשפּרונגען פון דעם אַלטען, זי האָט מיט שטאָלץ אויפגעוואָרפען איהר קאָפּ און האָט ענערגיש אויסגע־שריען:

— ניין, זיידע!.. גלאשא איז נישט קיין שפּיעלצייג, גלאשא איז נישט קיין פליג, וועלכע די שפּין נאָגט אויס און וואַרפט אוועק... איך ליב גרישא'ן, אזוי ווי נאָר א ציגיינערין איז אומשטאנד צו ליעבען, און גרישא וועט געהערען צו מיר, אָדער ער וועט צו קיי־נער נישט געהערען!... דערלאנג מיר מיין דיאַדעם, זיידע... דער־לאנג מיר מיין טאמבורין... איך וויל זינגען!.. איך וויל טאנצען! איך וויל לאכען!...

עס האָט לאנג נישט געדויערט און גלאשא איז ארויסגעשפּרונ־גען אויף דער עסטראדע. אין איהר אויפגעהויבענער ענטבלויזטער האנד האָט געציטערט דער טאמבורין מיט די בונטע פלאטערענדע בענדער, איהר שלאנקע פיגור האָט זיך גראציעז געשלענגעלט, איהרע לאנגע, שווארצע האָר האָבען קוים־קוים, בעדעקט איהר דע־קאָלטירטען ביוסט, איהרע אויגען האָבען געשטראהלט, איהר ברוסט האָט זיך הויך בעוואויגען, און מיט א קלינגענדער שטים האָט זי

בעזונדערס ווילד אויסגעשריען: „איך בין גלאשא די פרייע, די ווילדע...״

און די ווענט האָבען אַ ציטער געטהון פון דעם דונער אפּלאָדיסמענטען, וואָס האָט געקנאַלט אין דעם פּולגעפּאַקטען „ווינטערגאָרטען״.

II

דאָס אונפּערגעסליכע.

אין זיין הערליכען פּאַלאַץ, וואָס זינקט אין דעם גרינס פון פּראַכטפולען גאָרטען הארט ביי דעם ברעג פון דער רוהיגער שילקאַ, זיצט אין זיין שענעם קאַבינעט דער „קופּער־קעניג״, סאַמואיל לאַזארעוויטש קאַלמאַר.

סאַמואיל לאַזארעוויטש איז אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און פופציג, מיט אַ געדיכטען בלאָנדען קאָפּ האָר, צווישען וועלכע עס גלאַנצען ערטערווייז איינצעלנע, קוים־קוים באַמערקבארע, זילבער־גרויע שפּורען פון זיין הערבסטליכער עלטער. זיין גוטמוטיג געזיכט איז בערעהמט מיט אַ רונד בלאָנדער, אויך ערטערווייז גראָהער, באָרד און זיינע העל־גרויע אויגען קוקען זאַנפט־מעלאַנכאָליש און צו גלייכער צייט ענערגיש.

סאַמואיל לאַזארעוויטש זיצט אויף דעם טאַבורעט פאַר דעם שענעם קלאַוויר, אויף וועלכען ער האָט נאָר וואָס אויפגעהערט צו שפּיעלען בעטהאָווענס „מאָנדשיין־סאָנאַטע״.

נישט ווייט פון קלאַוויר, אין אַ בעקוועמען טיעפען פאָטעל, מיט אַ דופטיגען ציגאַר אין אַ טייערען מונדשטוק צווישען די צייהן, זיצט דער „דייסטווויטעלני סטאַטסקי סאָוויעטניק״, דער שעף פון דער קייזערליכער גרובעריי־פּערוואַלטונג, סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש זוויעזדין.

סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש איז שטאַרק בעפריינדעט מיט דעם אידישען „קופּער־קעניג״. ער איז אַ גרויסער ליעבהאָבער פון מוזיק. און אַזוי ווי אין סריעטענסק איז ערנסטע קלאַסישע מוזיק נישט במציאות, ווייל קיין שום קאָנצערט־קאַפּעלע, קיין שום ווירטואָז

פערבלאָנדזשעט נישט אהער, מוז סערגיי אפאנאסיעוויטש פון צייט צו צייט שטילן זיין דורשט נאָך מוזיק דערמיט, וואָס ער כאַפּט זיך אריין צו סאמואיל לאזארעוויטש'ן, וועלכער שפּיעלט אויף זיין וואונש דאָס, וואָס זיין הארץ גלוסט.

— איהר ווייסט, ליעבסטער סאמואיל לאזארעוויטש, — האָט זיך אָנגערופען זוויעזדין נאָך א קורצע ווײַלע, — ווען איהר פיהרט אוים אָט דאָס דאָזיגע געניאלע ווערק פון דעם געניאלען מייס־טער, שלים איך מיינע אויגען, און איך האָב די אָנגענעהמע אי־לוזיע, אז דאָס שפּיעלט א יונגער טרוימער מיט א שווערמערישער און שטורמישער נאטור... נאָר ווען איך עפען די אויגען און זעה, אַז ביי דער קלאוויר זיצט א מאן פון קנאַפּע זעכציג, שטוין איך און פרעג ביי זיך: פון וואנען דערנעהמט זיך ביי דעם דאָזיגען ערנסטען, פּראקטישען, כמעט שוין אָבגעלעבטען סאמואיל לאזארע־וויטש'ן אזוי פיעל פאנטאזיע, אזוי פיעל התלהבות און אזא פייערדיגער טעמפּעראמענט?

סאמואיל לאזארעוויטש איז לאנגזאם אויפגעשטאנען פון קלאַ־וויר, ער האָט בעזאכט פערדרייכערט די ליולקע מיט דעם לאנגען ציבוך, איז עטלעכע סעקונדען געשפּרייזט איבער'ן קאבינעט און, אָב־שטעלענדיג זיך פאר דעם פּאָטעל, אין וועלכען עס איז געזעסען זיין הויכגעשטעלטער פריינד, האָט ער לאנגזאם, נאָכדענקענדיג, גע־זאָגט:

— א מערקווירדיגען רושם, סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש, א בע־זונדערע ווירקונג האָט אויף מיר די „מאנדשיין־סאָנאטע"... שוין די ערשטע אקאָרדען רופען אין מיר ארויס א טיעפע בעגייסטערונג און טראָגען מיך איבער מיט א צויבערהאפטער קראפט ווייט־ווייט פון מיינע איצטיגע יאָהרען, פון מיין איצטיגער לאגע און פון מיין איצטיגען פארבלאָזען, איינזאמען לעבען...

— און די אורזאכע? — האָט סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש גע־פרעגט פעראינטערעסירט.

— די אורזאכע? — געווים איז דאָ א אורזאכע...

סאמואיל לאזארעוויטש האָט אָנגעקלינגען און האָט זיך אראָב־געלאָזט אין פּאָטעל געגענאיבער דעם גאסט.

— דער הערר האָט בעוויליגט צו קלינגען? — האָט געפרעגט דער יונגער דיענער, וואָס איז ערשיענען ביי דער טהיר פון קאַבינעט.

— דו ווייסט אונז אריינברענגען צוויי טאסען שווארצע קאַווע און צוויי גלעזלעך בענעדיקטינער.

— „סלושאיוס" — האָט געענטפערט דער דיענער.

ער האָט אוועקגעשטעלט א קליין אכטקאנטיג יאפאניש טישעלע צווישען די פאָטעלען, אויף וועלכע עס זענען געזעסען די ביידע פריינד, און כהרף עין איז ער געקומען, טראָגענדיג אויף א זילבערנער טאַץ די בעשטעלטע קאַווע מיט דעם „בענעדיקטינער".

— הער, טימאשאָ, — האָט סאמואיל לאזארעוויטש בעפוילען, ווען דער דיענער האָט שוין געהאט אוועקגעשטעלט אויפ'ן טישעלע די טאַץ, — זאָג יעפרעם אניסימאָוויטש'ן אין מיין נאָמען, ער זאָל אזוי ליעבענסווירדיג זיין און אריבערגעהן אין „ארקאדיא" זעהען, צי גריגאָרי סאמואילאָוויטש איז דאָרט דאָ, צי ניין...

— „סלושאיו'ס", — האָט טימאָשאָ געזאָגט און איז ארויס פון קאַבינעט.

אָבזופענדיג א פּאָר שלוקען קאַווע, האָט סאמואיל לאזארעוויטש פאָרטגעזעצט דאָס אָנגעהויבענע געשפּרעך:

— געווים איז דאָ א אורזאכע, טייערסטער סערגיי אפאנאסיעוויטש. כמעט אין יעדען מענשענס לעבען זענען פארהאַן אונפערגעסליכע מאָמענטען. פרעהליכע, צי טרויעריגע, גליקליכע, צי אונגליקליכע, — אלץ איינס. דער עיקר איז דער פאקט, אז זיי ווערען קיינמאָל נישט פערטושט אין דעם ווירוואר פון לעבען, און בלייבען אונפערגעסליך ביז צו אונזער טיעפסטען עלטער.

— אמת, — האָט מסכים געווען סערגיי אפאנאסיעוויטש און האָט לאנגזאם, בנעימות, שלוקענווייז אויסגעלעהרט דאָס גלעזעל „בענעדיקטינער".

— זעהר אָפט זענען אָט די אונפערגעסליכע איבערלעבענישען צופעליג פערבונדען מיט עפּעס א געזאַנג, מיט עפּעס א מעלאָדיע, מיט עפּעס א מוזיקאלישען פראגמענט, וואָס מיר האָבען צופעליג געהערט פונקט אין יענעם מאָמענט, אין וועלכען מיר האָבען ביי-

געוואוינט דאָס וויכטיגע איבערלעבעניש, און דאָס איז געגוג, אז ווען מיר עראינערען זיך אָן דאָס געשעהענע, זאָל אָנהויבען קלינגען אין אונזערע אויערן יענע מעלאָדיע, און אומגעקעהרט, ווידער ווען מיר דערהערען, אָדער ווען מיר הויבען אָן זינגען, צי שפּיעלען יע־נע מעלאָדיע, זאָל אין אונזער זכרון ערוואכען יענער מאָמענט מיט דער גאנצער קראפט, און אין אונזער זעעלע, זאָל זיך אָבשפּיעלען דאָס זעלבע, וואָס האָט זיך אין איהר אָבגעשפּיעלט דאמאָלס, אין דער לאנג פערגאנגענער ווירקליכקייט.

— אמת, פולשטענדיג ריכטיג. — האָט דער גענעראל ווידער מסכים געווען.

— אויך מיין לעבען איז רייך מיט אונפערגעסליכע מאָמענ־טען. — האָט סאמואיל לאזארעוויטש ווייטער גערעדט, — און איי־נער פון די דאָזיגע מאָמענטען איז ענג פערבונדען מיט דער „מאנד־שיין־סאָנאטע".

— דאָס דארף זיין אינטערעסאנט, — האָט סערגיי אפאנא־סיעוויטש בעמערקט און האָט פעררויכערט א צווייטען ציגאר.

— געוועזען איז דאָס אין דער פוילישער הויפּט־שטאָדט, אין ווארשא, שוין לאנג. מיט א יאָהר אכט־און־דרייסיג צוריק. איך בין דאמאָלס אלט געווען א יאָהר ניינצעהן...

— איינס פון די געפעהרליכסטע יוגענד־יאָהרען, — האָט ווידער פילאָזאָפיש בעמערקט דער ווירקליכער שטאאטס־ראט.

— עס איז געווען א הערליכער הערבסט־טאָג. קענט איהר דעם וואונדער־שענעם פוילישען הערבסט, סערגיי אפאנאסיעוויטש?

— יאָ איך האָב געהערט... איך האָב געלייענט... דער פּוי־לישער הערבסט ווערט פון פּאָעטען פיעל בעזונגען:

— נו... בין איך אין אזא הערבסט־טאָג, ענדע סעפּטעמבער איז דאָס געווען, געזעסען ביי מיין מוזיק־לעהרער, א דייטש, א בע־ריהמטער פּיאָניסט, א פּראָפעסאָר אין ווארשאווער קאָנסערוואַ־טאָריום. ווי איצט זעה איך דאָס גרויסע, הויכע צימער אויף דעם דריטען שטאָק מיט דער אלט־פרענקישער מעבלירונג, מיט די אלט־פרענקישע, ערטערווייז אויסבלאקירטע אייל־פּאָרטרעטען און לאנד־

שאפטען, און מיט די דריי הויכע פענסטער צו דער זייט פון דער ווייכסעל.

— דער פּראָפעסאָר — האָט סאמואיל לאזארעוויטש פּאַרט־געזעצט — איז געזעסען פאר זיין אומגעלומפּערט גרויסען אויך אלט־פרענקישען, קלאוויר, און האָט מיט א מין רעליגיעזען עקסטאז געשפּיעלט בעטהאָווען צים־מאָל־סאָנאַטע. די „מאָנדשיין־סאָנאַטע". און איך בין געזעסען ביי איינעם פון די דריי פענסטער און האָב גע־קוקט אויף דעם לויפענדען שטראָם פון דעם קאפּריזנעם פּוילישען טייך.

פּלוצלינג האָט זיך די טהיר שטיל געעפענט, און אין צימער איז אויף די שפּיץ־פינגער אריינגעקומען די יונגע שענהייט פון א יאָהר אכטצעהן. זי האָט מיך פון דערוויטענס בעגריסט אָהן ווער־טער מיט א לייכטער, העפליכער פערנייגונג, און האָט זיך פּאָרזיכטיג אראָבגעלאָזט אויף א שטול נישט וויט פון דער טהיר.

צי דארף איך אייך זאָגען, אז מיט דעם ערשיינען פון דעם יונ־גען מיידעל האָט מעהר נישט געצויגען אויף זיך מיין אויפמערק־זאמקייט דער ווייכסעל־שטראָם?...

אין ערשטען אויגענבליק בין איך געווען ווי בע'כישופ'ט פון איהר אונגעוועהנליגער שענהייט. איך האָב געהאט דעם איינדרוק, אז צוזאמען מיט איהר ערשיינען האָבען די טענער פון קלאוויר אָנ־געהויבען קלינגען שטארקער, ווילדער, ליידענשאפטליכער... איך האָב פון צייט צו צייט געווענדעט אויף איהר מיין בליק. זי איז געזעסען אונבעוועגליך, מיט אראָבגעלאָזטע אויגען. אויף איהר געזיכט האָט געשוועבט א לייכט, רייצענד שמייכעלע, און דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אז זי פיהלט אויף זיך מיינע אונדרייסטע בליקען, און אז דאָס דאָזיגע שמייכעלע איז איהר ענטפער אויף זיי...

„— איהר זענט נישט בעקאנט, מיינע הערשאפטען?" — האָט זיך צו אונז ביידען געווענדעט דער פּראָפעסאָר, ווען ער האָט אויפגעהערט שפּיעלען.

— „ניין, הער פּראָפעסאָר", — האָט זי די ערשטע געענט־פערט.

,,— נו טאַ בעקענט אייך'', — האָט זיך דער פּראָפעסאָר אָנ־גערופען און האָט אונז ביידען פאָרגעשטעלט.

,,— פרייליין יוסטינא פּערעלשיין... איינע פון מיינע פּע־היגסטע שילערינס... נור אַנ'אונערטרעגליכע שטיפּערקע... אַ קוועק־זילבער... און דאָס איז הער קאַלמאַר.:. סאַמואיל לאַזאַרעוויטש, א סיביריאַק''.

,,— אוי! אַ סיביריאַק'', — האָט זי שטיפעריש אויסגעשריען מיט א הילכיגען קינדישען געלעכטער, און האָט דערביי אויפגע־שוידערט, פּונקט ווי א סיבירישער פראָסט וואָלט דורכגעדרונגען אַלע איהרע גלידער.

— מיר האָבען אונז געגענזייטיג געדריקט פריינדליך די הענד, זי האָט מיך דרייסט אָנגעקוקט מיט איהרע טיעפע בלויע אויגען, און איך האָב דערפיהלט, ווי מיין הארץ הויבט אָן האסטיגער שלאָ־גען אין מיין ברוסט.

— ,,פּערעלשיין'', ,,פּערעלשיין'', האָב איך אינערליך איינ־שטודירט איהר נאָמען און האָב דערביי געטראַכט: ,,יאָ, איהרע צוויי ציילען צייהן זענען פּערעלשיין, איהרע ליפּען רובינענשיין, איהרע אויגען שטערענשיין, איהר גאַנץ וועזען זונענשיין, און איהר שטים קלינגט געטליך, ווי די טענער פון ,,מאַנד־שיין''...

— קורץ און קלאָר, פיעלגעשעצטער סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש, באַלד פון דער ערשטער בעקאַנטשאַפט זענען מיר שטארק בעפריינ־דעט געוואָרען. כלומרשט צופעליג האָבען מיר זיך פון דעמאָלט אָן געטראָפען ביים פּראָפעסאָר דריי מאָל אין דער וואָך. פּונקט אזוי ,,צופעליג'' האָבען מיר זיך אָפט באַגעגענט אין די אויאַזדאָוווער אַלעען, אין באָטאַנישען גאָרטען, אין אַ אָבגעלעגענער אַלעע פון דעם לאַזיענקי־פּארק, ביז מיר האָבען זיך ענדליך ערקלערט אין געגענ־זייטיגער ליעבע...

— א שווערען קאַמף האָבען מיר געהאַט דורכצומאַכען. איהר פאָטער איז געווען א רייכער וואַלד־סוחר, דער גרעסטער נגיד אין דער פּראָווינץ־שטאָדט סראָקאָצק. א אָנגעזעהענער חסיד און אַ גרוי־סער מיוחס. איז ער געוואָרען אַנ'אויפגעקאָכטער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז זיין טאָכטער וויל חתונה האָבען מיט עפּעס אַ

סטודענט פון ס י ב י ר, און דערצו נאָך א זוהן פון א ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט...

— איך מוז אייך זאָגען, סערגיי אפאנאסיעוויטש, אַז אויף געוועזענע ניקאָלאַיעווסקע זעלנער און אויף זייערע קינדער קוקט מען ביי אידען ווי אויף מענשען פון א נידעריגער מדרגה, ווייל, ווי אייך איז מן הסתם בעוואוסט, האָט קהל פאר ניקאָלאַיס צייטען צו־געשטעלט די בעשטימטע צאָהל רעקרוטען יעדעס יאָהר פון קינדער פון די אָרימסטע און נידעריגסטע שיכטען פון דער אידישער בע־פעלקערונג, און אידען בעלי־בתים און בפרט נאָך מיוחסים האָבען זיך אויסגעקויפט מיט געלד.

נישט דוקא ביי אידען, סאמואיל לאזארעוויטש, — האָט מיט אויטאָריטעט בעמערקט סערגיי אפאנאסיעוויטש, — ביי אונ־זערע פראוואָסלאוונע איז אויך געווען דאָס זעלבע. ווער עס האָט געהאט געלד, אָדער עפּעס א צד אין שיסעל, דער האָט זיך אויסגע־דרעהט פון דער „רעקרוטשינע".

— מילא, — דערצעהלט סאמואיל לאזארעוויטש ווייטער — האָט איהר פאָטער געקעהרט וועלטען. ער האָט געזידעלט, ער האָט געשאָלטען, ער האָט גערדאָהט, ער האָט אָנגעשטעלט מענשען, ער האָט געפּרובט מיט גוטען, מיט בייזען, ער האָט לאנג און פערביסען געפיהרט מיט אונז דעם קאמף, ער האָט אָבער גאָר נישט אויסגע־פיהרט. „די קאָסע האָט אָנגעטראָפען אויף א שטיין". אָדער, ריכ־טיגער געזאָגט, אויף צוויי שטיינער, ווייל זי, מיין זעליגע יוסטי־נאַ איז געווען א פייערדיגע ברונעטקע מיט א היציגען טעמפּעראמענט און מיט א פעסטען ווילען. און איך, ווי א געבוירענער סיביריאק און דערצו נאָך א קינד פון א ניקאָלאַיעווסקין סאָלדאט, בין דאָך אודאי נישט געווען אויסגעקנאָטען פון וואקס...

— האָבען מיר גערולדיג אָבגעוואַרט ביז יוסטינא איז געוואָ־רען פוליעהריג און מיר האָבען איהם איבערגעשיקט א אולטימאטום, אז אויב ער וועט מיט זיין גוטען ווילען אונז נישט בענשען צו דער חופה, וועלען מיר אוועקפאָהרען קיין סריעטיענסק צו מיינע עלטערען און דאָרט חתונה האָבען. און דער דאָזיגער אולטימאטום האָט גע־

זווירקט. ווי יעדער חסיד אין פוילען, איז ער אוועק צו זיין צדיק פרעגען אנ׳עצה, און דער צדיק האט איהם געהייסען איינווילינען.

„— ס׳איז מן השמים, — האט דער צדיק געזאגט. — נישט אומזיסט איז דער חתן אהער געקומען אזש פון די ווייטע סיבירער מקומות״...

— אצינד פערשטעהט איהר, וועלכע זיסע זכרונות די ציםמאל סאנאטע רופט ארוים אין מיר? אזוי, אזוי, טייערער סערגיי אפאנאסיעוויטש. אכט־און־דרייסיג יאהר. עס איז א אלטע געשיכטע, און בלייבט דאך אימער ניי...

סאמואיל לאזארעוויטש איז אויפגעשטאנען פון פאטעל, ער איז צוגעגאנגען צום גרויסען אייזערנעם שראנק, ער האט אויפגעעפענט די שווערע מאסיווע טהירען און פון דארט ארויסגענומען א קליין יאפאניש שקאטולקעלע פון העלפאנט-ביין.

פארזיכטיג, ווי הייליגטום, האט ער דאס שקאטולקעלע געעפענט און עס אוועקגעשטעלט אויף דעם טישעלע פאר זיין פריינד.

— אט אזוי האט זי אויסגעזעהען מיט אכט־און־דרייסיג יאהר צוריק, — האט דער „קופער־קעניג״ געזאגט, ווייזענדיג אויף דער פאטאגראפיע, וואס איז געלעגען אין דער שקאטולקע אונטער א פערגרעסער־גלאז יאיינגעפאסט אין א גאלדען רעהמעל. — אט אזוי האט זי אויסגעזעהען ווען איך האב איהר דאס ערשטע מאל דערזעהען ביי אונזער מוזיק־פראפעסאר אין צימער.

סערגיי אפאנאסיעוויטש האט א פאר מינוט בעטראכט די פאטאגראפיע, ווי א מבין, און האט זיך אנגערופען, נישט אבווענדענדיג דעם בליק פון דעם בילד.

— יא אנ׳עכט אריענטאלע שענהייט, א פייערדיגע ברונעטע דאס ברוינליכע אוואלנע געזיכט, די מאנדעל־פארמיגע, דרייסט־קוקענדע און דערביי זאנפטע שווארמערישע אויגען מיט די געדיכטע ברעמען, — דאס דערמאהנט מיר א פארטרעט פון א אידישער שענהייט, וואס איך האב געזעהען אין מאסקווא, אין דער בעריהמטער טרעטיאקאווער בילדער־גאלעריע. נור...

סערגיי אפאנאסיעוויטש איז פלוצלינג פערשוויגען געווארען, ער האט נישט געענדיגט דעם זאץ, וואס ער האט אנגעהויבען, און

ער האָט שטילשווייגענד ווייטער בעטראַכט די פאָטאָגראַפיע מיט בעוואונדערונג.

— וואָס האָט איהר געוואָלט זאָגען, סערגיי אפאַנאַסיע־וויטש? — האָט געפרעגט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש נאָך אַ געוויסער ווײַלע.

— איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון דעם בוים...

— וואָס פערשטעהט איהר דערמיט?

— אַז אונזער ליעבסטער גריגאָרי סאַמואילאָוויטש האָט דעם זעלבען געשמאַק, וואָס איהר, טייערסטער פריינד.

— איך פערשטעה אייך נאָך אַלץ נישט, סערגיי אפאַנאַסיע־וויטש.

— זענט איהר געווען אין „אַרקאַדיאַ", סאַמועל לאַזאַרע־וויטש? האָט איהר געזעהען די ציגיינערין גלאַשאַ? ווייסט איהר אַז אייער גרישאַ איז אין דער דאָזיגער גלאַשאַ פערליעבט ביז איי־בער די אויערען? געפינט איהר נישט אַ געוויסע עהנליכקייט צווי־שען דער בילד־שענער ציגיינערין און אָט דער דאָזיגער פאָטאָגראַ־פיע?...

— וואָס פאַלט אייך איין, סערגיי אפאַנאַסיעוויטש? — האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש זיך אָבגערופען מיט אַ געוויסער אונצופרי־דענהייט, — איך בין אין „אַרקאַדיאַ" נישט געווען, מיך ציהען שוין נישט אַזעלכע פערגניגונגען. איך קען נישט אָט די דאָזיגע גלאַשאַ. נור וואָס פאַלט אייך איין? ווי קען געמאָהלט זיין עטוואָס עהנליכעס צווישען מיין קינד און דער טאָכטער פון וואַנדערענדע, היימלאָזע ציגיינער?...

— איהר האָט מיך פאַלש פערשטאַנען, בעסטער סאַמועל לאַזאַרעוויטש, — האָט זיך ווי פערטיידיגט דערווירקליכער שטאַ־אַטס־ראַט. — „עהנליכקייט" האָב איך געמיינט אין דעם זין, אַז אויך גלאַשאַ איז אַ פייערדיגע ברונעטע...

— דאָס קאָן שוין זיין, דאָס קאָן שוין זיין, — האָט מסכים געווען סאַמואיל לאַזאַרעוויטש אַ בערוהיגטער. — דאָס איז שוין מעגליך... נאָר דאָס, וואָס איהר בעהויפּטעט, אַז מיין זוהן איז שטאַרק

פערליעבט אין דער ציגאנקע, איז א טעות. דאָס דאַרף נישט ערנסט בעטראַכט ווערן. דאָס איז נישט מעהר ווי א צייטווייליגער עפעקט, וואָס האַלט לאַנג נישט אָן, פונקט אזוי ווי יעדער יוגענדליכער אויס־ברוך... און א בעווייז האָט איהר דערמיט, וואָס גרישא איז די לעצ־טע צוויי אָווענדען גאָרנישט געווען אין „ארקאַדיא". ווי איך בין חושד, האָט ער שוין פערפיהרט עפּעס א נייעם פלירט.

— איהר האָט רעכט, סאַמואיל לאַזאַרעוויטש. יונגע לייט זע־נען ווי די ביהנען. פליהען פון איין בלום צו דער צווייטער, נאָגען אויס פון יעדער איינציגער אביסעל זאַפט און פליהען ווייטער, ביז די יוגענד הערט אויף צו בערוישען און דער טעמפּעראַמענט ווערט רוהיגער, געלאַסענער.

דער גענעראַל איז א פּנים געווען שטאָלץ און ענטציקט פון זיין ארויסגעזאָגטער ערפאַהרונג. אויף זיין געזיכט האָט זיך בעווי־זען א שמייכעל פון זעלבסטצופרידענהייט. מיט א בעזונדערער הרחבה האָט ער פערדרויכערט דעם אויסגעלאָשענעם ציגאַר, האָט ווידער בעטראַכט די פאָטאָגראַפיע, און, איבערגעבענדיג סאַמואיל לאַזאַ־רעוויטש'ן די שקאַטולקע' האָט ער מיט פּאַטאָס געזאָגט:

— איצט פערשטעה איך שוין פולשטענדיג, וועלכע בעדיי־טונג עס האָט פאַר אייך די „מאַנדשיין־סאָנאַטע.

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש האָט מיט דער זעלבער פייערליכער פאַרזיכטיגקייט צוריק בעהאַלטען די שקאַטולקע אין דעם אייזער־נעם שראַנק, און ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אויף זיין אָרט האָט ער אָנגעהויבען מיט א טיעפען זיפץ:

— א אונפערגעסליכער מאָמענט. דער שענסטער, דער זיסעס־טער מאָמענט פון מיין זאָרגלאָזער יוגענד... דערנאָך איז געקומען דער קאַמף. נאָך דעם קאַמף איז געקומען דער זיעג. מ י ר האָבען אונ־זער ציעל דערגרייכט. מיר האָבען זיך אויף אייביג פעראייניגט. מיר האָבען זיך באַטראַכט פאַר די גליקליכסטע אין דער וועלט. זי איז געווען רייך, איך בין געווען רייך. מענשען האָבען אונז מקנא געווען, מענשען האָבען אויף אונז געקוקט, ווי אויף א פּרינץ מיט א פּרינ־צעסין... נאָר דער האַרטער שיקזאַל איז זיך מיט אונז בעגאַנגען

אכזריות׳דיג, און אונזער לעבען איז געווען פול פערצווייפלונג און שמערץ...

דער „קופּער־קעניג" איז שטיל געבליבען. אין זיינע לעצטע ווערטער האָבען זיך געפיהלט טרעהרען. ער האָט מיט ציטערנדע פינגער אָנגעשטאָפּט טאַבאַק אין זיין ליולקע. מיט ציטערנדע פינ־גער האָט ער אָנגעצונדען א שוועבעלע און די ליולקע פערדרייכערט. נערוועז און אויפגערעגט האָט ער אייניגע סעקונדען ׳ארייגעצויגען און ארויסגעלאָזען דעם גרוי־בלויען רויך, און האָט ווידער אָנגעהויבען מיט א העכערען, מעהר פעסטערען קול:

— זעקס קינדער האָט מיר מיין יוסטינאַ געבוירען, און גע־בליבען זענען מיר ביי דעם איין אויג אין קאָפּ, ביי אונזער איין־און־איינציגען גרישאַ׳ן. יעדעס פון די אונשולדיגע עופה׳לעך האָט געלעבט א יאָהר, אַנדערטהאַלבען, העכסטענס צוויי יאָהר, איז פּלוצלינג ׳אוועקגעפאַלען אויף שקאַרלאַטינע אויף דיפטעריט, אָדער אויף א אנדערע קינדער־קראַנקהייט, און האָט נעבעך אויסגעהויכט דאָס כשר׳ע נשמה׳לע...

— גרישענקא איז געבוירען געוואָרען דער פינפטער. אויף דעם בית־עולם פון מיין פּרוי׳ס געבורטס־שטאָדט האָבען מיר שוין דאָ־מאָלס געהאַט פיער קברים׳לעך. בעדאַרף איך אייך זאָגען, מיט וועל־כער זאָרגפעלטיגקייט, מיט וועלכער צערטליכקייט דאָס דאָזיגע קינד איז געוואָען ארומגערינגעלט? אז ׳א טאָג איז פערגאַנגען און גרישענקע האָט נישט גרימאַסעט, איז פאַר אונז געווען א יום־טוב. יעדעס שמייכעלע זיינס האָט אָנגעפּיעלט אונזערע הערצער מיט אונבעש־שרייבליכער פרייד. ביי דער ערשטער קרומער מינע, וואָס עס האָט זיך באוויזען אויף זיין זיסען פּנים׳ל, זענען ארויסגערופען געוואָרען פון ווארשא די אָנגעזעהענסטע דאָקטוירים. קיין ׳איין נאכט איז נישט פערגאַנגען, אז׳ איך אָדער די צערטליכע מוטער זאָלען נישט וואכען איבער זיין בעטעלע. ׳אזוי האָבען מיר געצעהלט די שעה׳ען די טעג. אזוי האָבען מיר מיט ציטערניש, מיט האַרץ־קלאַפּעניש, מיט פיבערהאַפטער שרעק געצעהלט די חדשים... און ווען מיר האָבען ענדליך זוכה געווען צו פייערען זיין צוויי־יעהריגען געבורטס־טאָג, איז צו ׳אונזער גליק קיין גלייכען נישט געווען. נאָר דער גרעסטער

יום־טוב איז געווען אין אונזער הויז, ווען אונזער אוצר איז געוואָרען דריי יאָהר. יענער ד ר י ט ע ר געבורטס־טאָג פון אונזער בן־יחיד איז גלייכצייטיג געווען דער ע ר ש ט ע ר געבורטס־טאָג פון אונזער זעקסטען קינד, א מיידעלע איז דאָס געווען, שען ווי די זון, א גע־טאַקטע ליאַלקען — „גיזעלאַ" האָט מען זי גערופען, — א מיניאַ־טור־קאָפּיע פון דער מוטער, נאָר מיט צוויי בעזונדערע סימנים: אנשטאט פינף האָט זי אויף דעם רעכטען פיסעלע געהאט זעקס פינ־גערלעך, און אויף דער לינקער זייט האָט זי געהאט א לענגליכען דונקעל־ברוינעם פלעק מיט האָר בעוואקסען. דאָס האָט אונז אָבער לחלוטין נישט פערשאפט קיין זאָרג, ווייל דאָס איז דאָך נישט גע־ווען זיכטבאר פאר א פרעמד אויג, און אונזער גרויסע, צוויי־פאַ־כיגע פרייד איז צוליעב דעם אומשטאנד אויף קיין האָר נישט בע־טריבט געווען... אדרבה, מיין שוויגער און די אקושערקע זענען גאָר געווען מלא שמחה, זיי האָבען אונז פערזיכערט, אז אזעלכע אויסטער־לישע סימנים בעווייזען אויף לאנגע גליקליכע יאָהרען. און נאָך וואָס...

ביי די דאָזיגע לעצטע ווערטער איז סאמואיל לאזארעוויטש ווידער צוגעגאנגען צום אייזערנעם שראנק. ער האָט פון דאָרט ארויס גענומען א קליינינטשקען פּליושענעם פוטליאר, זיך אומגעקעהרט אויף זיין אָרט, אויפגעעפענט דעם פוטליאר און האָט סערגיי אפאַ־נאסיעוויטש'ן אָנגעוויזען אויף דער קמיע מיט דעם דינעם גאָלדע־נעם קייטעלע, וואָס איז דאָרט געלעגען.

סערגיי אפאנאסיעוויטש האָט אייניקע סעקונדען אויפמערק־זאם בעטראכט די קמיע און האָט זיך אָנגערופען:

— א זונדערבארער יקר־המציאות. א אויסטערלישע שריפט...

— דאָס זענען העברעאישע בוכשטאבען צוזאמענגעשטעלט לויט דער געהיימניספולער חכמת־הקבלה. — האָט סאמואיל לאזא־רעוויטש ערקלערט. — ווען מיין זעליגע פרוי איז געווען מיט דעם פינפטען קינד, מיט גרישא'ן, אין לעצטען חודש, איז דער שוועהר מיינער געפאָהרען צום צדיק אויסבעטען ביי איהם א ברכה פאר דער טאָכטער און פאר דעם קינד, וואָס בעדארף אין קורצען קומען אויף דער וועלט. דער צדיק האָט שטילערהייד מתפלל געווען און האָט

איבערגעגעבן דעם שווערער אַט דעם דאָזיגן סימבאָל, אַז דאָס ניי־געבוירענע קינד זאָל עס טראָגן אויף דער ברוסט ביז צום צענ־טען יאָהר.

— גלויבענדיג הייליג אין זיין צדיק און אין דעם כח פון זיי־נע סגולות, און זייענדיג טיעף איבערצייגט, אַז טאַקי א דאנק דער דאָזיגער קמיע האָדעוועט זיך גרישענקע געזונדט און שטאַרק, האָט מיין שווער געבראַכט פון צדיק פונקט אַזאַ קמיע אויך פאַר דעם ניי־געבוירענעם זעקסטען קינד... משמעות אָבער, אַז די דאָזיגע קמיע איז א שמירה געגען א בייז אויג, געגען א בייזען גייסט, גע־גען א בייזע קראַנקהייט, אָבער נישט געגען א מיתה־משונה...

— וואָס? — האָט סערגיי אַפּאַנאַסיעוויטש א פרעג געטהון און האָט אויסגעשטאַרט אויף סאַמואיל לאַזאַרעוויטש'ן א פּאָר ער־שטוינטע אויגען. — א מיתה־משונה?...

— יאָ, גנעדיגסטער פריינד. ביי א יאָהר מיט אַכט חדשים איז דאָס קינד אומגעקומען אויף א שרעקליכען אופן... אַט וועט איהר הערען.

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש האָט ווידער אָנגעקלונגען. אין קאַבי־נעט איז אריינגעקומען דער דיענער טימאָפיי.

— נעם צו פון טישעל און ברענג אריין א פלאַש קאָניאַק, צובייסעכץ און א פלאַש לאַפיט.

— „סלושאיו'ס"! — האָט דער דיענער געענטפערט, און נאָך א פערלויף פון צוויי מינוט האָט ער אריינגעבראַכט דאָס בעשטעל־טע.

— איז יעפרעם אַניסימאָוויטש שוין צוריקגעקומען פון „אר־קאַדיא"? — האָט געפרעגט דער בעל־הבית.

— זיי זענען נאָך נישט צוריקגעקומען, — האָט טימאָפיי געענטפערט און האָט פערלאָזט דעם קאַבינעט.

— זעהט איהר, סערגיי אַפּאַנאַסיעוויטש, — האָט זיך אָנגע־רופען סאַמואיל לאַזאַרעוויטש, אָנגיסענדיג צוויי כוסות קאָניאַק. — אַט איז גרישא היינט אויך נישטאָ אין קאַבאַרעט... מיין קאַסיר איז דעריבער דאָרט געבליבען וואַרטען, ואפשר וועט מיין זוהן אָנקו־מען. אַט איז שוין דער ד ר י ט ע ר אָוועגד, ווי ער פערברענגט

נישט אין „ארקאדיא״, הייסט עס, אז אייער ציגאנקע גלאשא ציהט איהם נישט מעהר, און איהר האָט בעווילינט זיך אויסצודריקען, בכן ער איז אין איהר פערליעבט איבער די אויערען.

— נישט מיין שולד, —האָט זיך פערטיידיגט דער גענע־ראל. — אזוי בעהויפּטעט מען אין דער געזעלשאַפט. לחיים, סאַ־מואיל לאזארעוויטש!

די גלעזלעך קאָניאק זענען געגענזייטיג „אָנגעקלאַפּט״ געוואָרען, און סאמואיל לאזארעוויטש האָט זיך אומגעקעהרט צום איבער־געריסענעם געשפּרעך:

— אין אַ זומער־טאָג איז דאָס געווען. גאַנץ פריה. נאָך איידער די זון איז אויפגעגאנגען. איך בין נאָך געלעגען אויף מיין געלעגער אין מיין צימער ביים קאנטאָר אין אונזער וואלד, וויט דרייסיג וויאָרסט פון סראָקאָצק. איך בין שוין נישט געשלאָפען. איך בין געלעגען און האָב זיך צוגעהערט צום צוויטשערען פון די ערוואכטע וואלד־פויגעל, איך האָב זיך צוגעהערט צום זאָרגלאָזען געזאנג פון די דאָרפס־מיידלעך פון דער נאָהנטער לאנקע, וואָס איז אריינגעדרי־גען אין מיין צימער, דורך די אָפענע פענסטער.

— פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ אַלץ שטארקערער, נעהנ־טערער טופּען און הירזשען פון אַ פערד, וואָס איז שנעל צוגעלאָפען און האָט זיך האסטיג אָבגעשטעלט פאר דעם אריינגאנג פון קאנ־טאָר.

— איך האָב נישט בעוויזען אויפצוהויבען זיך און אַ קוק צו געבען דורכ׳ן פענסטער, ווער עס איז אזוי פריה און אזוי האס־טיג אָנגעפאָהרען, ווי די טהיר האָט זיך ברייט אויפגעעפענט, און, אַ טויט־בלאסער, אַ פערסאָפּעטער, אינגאנצען מיט שוויים אָבגעגאָ־סען, איז אין צימער אריינגעפאלען איינער פון די ארבייטער פון אונזער טארטאק, און האָט אויסגעשריען מיט׳ן לעצטען אָטהעם:

— „פאניע! גאַנץ סראָקאָצק שטעהט אין פייער!...״

— נישט מאכענדיג קיין שום חקירות ודרישות, נישט פער־לירענדיג קיין איין סעקונדע צייט, האָב איך געהייסען אָנזאָטלען דאָס בעסטע פערד, און בין, ווי אַ פייל פון בויגען, געפלויגען אַ היים. איך האָב שוין אָבער מיין היים נישט געפונען. די גאנצע שטאָדט

איז אין פערלויף פון איין נאכט אראָפּ מיט'ן פייער. כמעט פון אַלע הייזער זענען געוואָרען בערג אש און קויהלען, איבער וועלכע עס האָט זיך נאָך געטראָגען א געדיכטער, שטיקענדער רויך, און אין דער לופט האָט געדוישט א יאָמערליכער, פערצווייפעלטער וועה־געשריי, וואָס האָט זיך ארויסגעריסען פון די אונצעהליגע פּראונגליקטע הערצער.

— ניצול געוואָרען פון דער שרפה זענען נור געצעהלטע הייזער, וואָס זענען געשטאנען נאָהנט פון דעם ליוויעץ. צווישען די דאָזיגע „גליקליכע" הייזער איז אויך געווען מיין שווערם טאַר־טאַק מיט'ן קאנטאָר, וואוהין איך בין אין איין אָטעם אוועקגעלאָפען זעהען, וואָס עס מאכט מיין פאמיליע. נור, איז דען א מענטשליכע צונג אימשטאַנד איבערצוגעבען דאָס, וואָס מיינע אויגען האָבען דער־זעהן?...

סאמואיל לאזארעוויטש האָט אָנגעגאָסען צוויי בעכער וויין פאר זיין גאסט און פאר זיך. ער האָט א פּאָר מאָל א זופּ געגעבען און איז געזעסען שטיל קאָנצענטרירט אין זיינע טרויעריגע זכרונות. ער האָט אין א ווײלע ארום ווידער אָבגעזופּט אביסעל וויין און פאָרטגעזעצט.

— א שווערע עראינערונג, סערגיי אפאנאסיעוויטש: א ער־שיטערענדער מאָמענט... די גרויסע געביידע פון אונזער קאנטאָר איז איבער יענער נאכט פערוואנדעלט געוואָרען אין א פעלד־לאַ־זארעט. אין אַלע צימערן, אויף דער פּאָדלאָגע, אויף די שרייב־טי־שען, אויף די פון ברעטער אימפּראָוויזירטע געלעגערס האָבען גע־קרעכצט, געזיפצט, געיאָמערט, געוויינט פערוואונדעטע, ערקראנק־טע, פערשמאכטע, פער'חלש'טע און פערצווייפעלטע פאמיליעס. איך בין געווען ווי וואהנזיניג, ווי בעטויבט און בערוישט פון א שווע־רען, דריקענדען קאָשמאר. אין מיין מוח, אין מיינע אויגען האָט זיך אלץ צוזאמענגעמישט, צוזאמענגעפלאָנטערט. מיינע אויגען זע־נען געווען ברייט אָפען, האָבען געקוקט פערווירט אין אַלע זייטען, נאָר זיי האָבען קיין איינציג געזיכט נישט געזעהן קלאָר און דייט־ליך. אַלע געזיכטער האָבען אין מיינע אויגען אָנגענומען פערמישטע אונבעקאנטע געשטאַלטען, ביז עס האָט פּלוצלונג א קלינג געגעבען

אין מיינע אויערן דער אויסגעשריי: „פּאַפּענקאַ” און גרישענקעס הענטעלעך האָבן פּעסט אַרומגענומען מיינע קניע...

איך האָב מיין פינף־יעהריגען זוהן א כאַפּ געטהון אויף מיינע הענד, זיין קליין קערפּערל צוגעדריקט צו מיין העפטיג־קלאַפּענדער ברוסט, ליידענשאַפטליך געקושט זיין קעפּעלע, זיינע אָייגעלעך, זיין פּנימל, און אויף מיין פראַגע: „וואו איז די מאַמעליו?” האָט זיך אָבגערופען א פערענדערטער שוואַכער קול:

„— אָט בין איך, מיין טייערער”...

— דאָס האָט זיך אָבגערופען מיין יוסטינא: זי איז געלעגען פּאַר מיינע אויגען אויף דער קאַנאַפּע א געל־בלאַסע, מיט פערברענ־טע ליפּען און מיט גרויסע, וואַהנזיניגע, אויסגעשטאַרטע אויגען, אונטער וועלכע עס זענען ווי פערגליווערט געוואָרען צוויי גרויסע טרעהרען.

— איך האָב אינגאַנצען אויפגעשווידערט, און בין באַלד גע־בליבען שטעהן א פערשטיינערטער. מעכאַניש, אינסטינקטיוו האָ־בען מיינע אויגען געבלאָנדזעט, געזוכט צווישען די אָנוועזענדע אין יענעם צימער, און שטיל, נישט דרייסט, מיט שרעק, מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָבען מיינע ציטערנדע ליפּען קוים אַרויסגערעדט:

„— און וואו איז אונזער קינד?... וואו איז גיזענקע?...

— נור אָנשטאָט א ענטפער האָט מיין פרוי אויסגעבראָכען אין א האַרצרייסענדען ספּאַזמאַטישען יאָמער און איז אריינגעפאַלען אין חלשות, פון וואָס איך האָב באַלד פערשטאַנען, אַז אונזער אונ־שולדיגע גיזענקע איז געוואָרען א קרבן פון דעם גרויזאַמען פייער... איז נעביך אומגעקומען אין די פלאַמען...

— אָנגעהויבען האָט זיך די שרפה טאַקי פון אונזער הויף, פון דעם פערד־שטאַל, וואו עס איז געווען זעהר פיעל שטרוי און היי, און כהרף עין האָבען זיך, ווי די שוועבעלעך, אָנגעצונדען די אויסגעטריקענטע שינדעל־דעכער פון די אַרומיגע געביידען, אַזוי אַז אין א משך פון א מינוטען צעהן איז די שטאָדט געשטאַנען אין א ים פון א העלישען פייער.

— אין דער גרויסער בהלה האָט מען די קליינע קינדער אַרויסגעכאַפּט פון די געלעגערס, און מען האָט זיי אוועקגעטראָגען

אויפ׳ן פרייען פעלד הינטער דער שטאָדט. אהין האָט אויך יעדע פאמיליע ארויסגעטראָגען דאָס האָב און גוטס, וואָס עס איז געלונגען ארויסצוראטעווען פון די ברענענדע און פון די בעדראָהטע הייזער. די קינדער האָט מען געלאָזט ליגען אויף גאָטס-בעראָט, וועהרענד די דערוואקסענע האָבען צוזאַמען מיט די עטליכע שלימזלדיגע פייער־לעשער געארבייט ביים לאָקאליזירען די שרפה.

— פּלוצלונג איז ענטשטאנען א שרעקליכער שטורם-ווינד: דאָס פייער האָט אָנגענומען א פאטאלע ריכטונג צו דער זייט פון פעלד, כהרף־עין האָבען אָנגעהויבען פלאַקערען די ארויסגעראטעוועטע זאכען, צווישען וועלכע עס זענען אין די גרויזאמע פלאַמען פערברענט געוואָרען אויף אש דריי קליינינטשקע נפשה׳לעך, און איינע פון זיי איז געווען אונזער טעכטערל גיזעלא...

— גערעדט האָט מען, אז דאָ האָט געארבייט עפּעס א פערברעכערישע האנד, אז דאָס איז געווען אנ׳אקט פון נקמה געגען מיין שוועהר פון זיינעם א געוועזענעם וואלד-וועכטער, א יוד, א „מיוחס״, א רעזערוו-אונטער-אָפיציר, זייענדיג דער איינציגער וואלד-וועכטער, צו וועלכען מיין שוועהר האָט געהאט גרויס צוטרוי, האָט ער סיסטעמאטיש געהאקט בוימער און פערקויפט צו די פויערן פון דעם שכנות׳דיגען דאָרף, ביז דער שוועהר האָט זיך געכאפּט און איהם פערקלאָגט אין געריכט. א יאָהר צייט איז ער געווען איינגעשפּארט אין דער אויספאָרשונגס-טורמע. און דאָס לובלינער קרייזגעריכט האָט איהם פערורטיילט צו צוויי יאָהר ארעסטאנטען־ראָטע. נאָך דעם ארויסגעטראָגענעם אורטייל האָט ער פון דער בעשולדיגונגס-באנק אויסגעשריען צו מיין שוועהר...

„— שאדט נישט, ר׳ יאשע. מיר וועלען זיך נאָך אם ירצה השם איבעררעכענען...״

— א פּאָר וואָכען איידער עס איז אויסגעבראָכען די שרפה, איז דער וואלד־גנב בעפרייט געוואָרען, און מענשען האָבען פון צייט צו צייט בעמערקט, ווי ער דרעהט זיך ארום הינטער דער שטאָדט, נישט ווייט פון אונזער טארטאק, און נאָך דער שרפה האָט איהם שוין קיינער מעהר נישט געזעהן, ער איז פערשוואונדען געוואָרען ווי א שטיין אין וואסער.

— די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן איהם ארומצוזוכען און פיה־רען א אויספאָרשונג. נור איך האָב נישט געוואַרט ביז צום רע־זולטאט פון די חקירות ודרישות, פון וועלכען מיר וואָלט גאָרנישט לייכטער געוואָרען. איך האָב גענומען מיין קראַנקע, צעבראָכענע יוסטינא מיט אונזער איינציגען גרישענקען און מיר זענען ענטלאָפען פון דעם פוילישען לאנד, וואו דאָס שיקזאל האָט אונז אזוי שטיפ־מוטעריש בעהאנדעלט.

— דאָ, אין סריעטיענסק, איז יוסטינא יוזעפאָוונא די ערשטע צייט בלומרשט רוהיג געווען. די נייע אומגעבונג, דאָס נייע אַרט לעבען, די נייע שטענדיג הייטערע, שטענדיג מונטערע און פרעה־ליכע געזיכטער, די צויבערהאפטע, האלב־ווילדע אומגעגענד מיט די הויכע בערג, מיט די געדיכטע וועלדער, מיט די שנעל־שטראָמענדע טייכען, מיט די פערשיעדענע מינעראל־קוואלען, — דאָס אלץ האָט געשיינט צו מאכען אויף איהר אָנגעוועהטאָגט הארץ א גינסטיגע, היילבארע ווירקונג. דאָס איז אָבער נור געווען ווי די אויבערפלעכ־ליכע שטילקייט פון א ים, וועהרענד אין זיין טיעפעניש קאָכט, ברויזט און עס גרייט זיך א בייזער שטורם...

— א אונענדליכע בענקשאפט האָט אינערליך גענאָגט און געפרעסען איהר מוטער־הארץ. און געבענקט האָט זי נישט נאָך איה־רע עלטערען, נישט נאָך איהרע שוועסטער און ברידער, נישט נאָך איהרע פריינד, נאָר נאָך די קברים פון אונזערע פערשטאָרבענע מלאכימלעך און בעזונדערס נאָך יענעם קבר, וואו עס רוהט די אש פון אונזער גיזענקע צוזאמען מיט'ן אש פון די אנדערע צוויי פער־ברענטע עופה'לעך...

— עס האָט נישט געהאָלפען קיינע טרייסט־ווערטער, עס האָט נישט געהאָלפען די זאָרגפולע, די צערטליכסטע בעהאנדלונג, די פערוויילונגען, די לוסט־רייזען, עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום הייל־מיטעל — די אונגליקליכע איז אין קורצען אריין אין דער שווארצער מעלאנכאָליע און איז זיך אזוי אָבגעשטאָרבען מיט דעם נאָמען „גיזעלא" אויף די ליפען...

סאמואיל לאזארעוויטש האָט בנשמה אחת אויסגעלעדיגט דעם בעכער וויין און האָט צוגעגעבען מיט א טיעפען זיפץ:

— איהר וועט מיר גלויבען, סערגיי אפאנאסיעוויטש?... די פיער פריהערדיגע קינדער קומען מיר זעלטען אויף דעם רעיון. איך געדענק אפילו נישט, ווי אזוי זיי האָבען אויסגעזעהען, און פלאָנטער זיך שטענדיג אין זייערע נעמען, אָבער די טראגיש־אומגעקומענע גיזענקע לעבט אונפערגעסליך אין מיין זכרון... שוין צוואנציג יאָהר, און די וואונד איז נאָך אלץ פריש...

א ווײַלע זענען די פריינד געזעסען שטילשווייגענד, ענדליך איז סערגיי אפאנאסיעוויטש אויפגעשטאנען פון פאָטעל, און באלד נאָך איהם איז אויך אויפגעשטאנען סאמואיל לאזארעוויטש.

— נו, א גוטע נאכט' טייערער סאמואיל לאזארעוויטש, יאָ, יאָ, „דאָס לעבען דורכלעבען איז נישט קיין פעלד דורכגעהן"... א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט. א רוהיגע נאכט. א דאַנק פאר דעם, וואָס איהר האָט מיר אזוי רוהיג און גערולדיג אויסגעהערט, דאָך זיך אביסעל אראָבגערעדט פון הארץ. א רוהיגע נאכט, בעסטער סערגיי אפאנאסיעוויטש.

די ביידע פריינד האָבען זיך הערצליך געדריקט די הענד, און דער רוסישער גענעראל האָט פערלאָזט דאָס הויז פון דעם יודישען „קופער־קעניג".

אין א צעהן מינוט ארום, ווען סאמואיל לאזארעוויטש איז גע־זעסען מיט א בוך אין דער האנד אין זיין ביבליאָטעק־צימער, האָט טימאָפיי געמאָלדען, אז יעפרעם אניסימאָוויטש איז גור וואָס גע־קומען פון „ארקאדיא".

— זאָלען זיי אריינקומען, — האָט סאמואיל לאזארעוויטש געזאָגט, נישט אויפהויבענדיג די אויגען פון בוך.

אין צימער איז באלד אריינגעקומען א יונגערמאן פון א יאָהר זעקס־און־צוואנציג פון הויכער וואוקס, מיט א אָוואלען, מאָגערען בלאסען געזיכט, און מיט לעבהאפטע גוטמוטיגע ברוינע אויגען.

— זעצט אייך, יעפרעם אניסימאָוויטש — האָט זיך העפליך אָנגערופען סאמואיל לאזארעוויטש.

יעפרעם אניסימאָוויטש האָט זיך געזעצט אויף דער אָנגעוויזע־נער קאנאפע, און האָט מיטגעטיילט:

— גריגאָרי סאמואילאָוויטש איז אויך היינט נישט געווען אין „ארקאדיא", זייער טיש איז געבליבן נישט בעזעצט.

— שוין דער דריטער אָוונד, הייסט עס.

— יאָ, סאמואיל לאזארעוויטש. שוין דער דריטער אָוונד. טיאפקין האָט מיר שוין היינט געזאָגט, אז ער וועט אונז מאָרגען צושיקען דעם רעכענונג.

— דאָס הויבט מיר אָן בעאונרוהיגען, יעפרעם אניסימאָוויטש.

— טיאפקינ'ס רעכענונג?

— אָ, ניין. מיך בעאונרוהיגט דאָס, וואָס גריגאָרי סאמואילאָוויטש ווערט די לעצטע טעג נעלם אויף עטליכע שעה, און איך ווייס נישט, וואו און מיט וועמען ער פערברענגט די אָוונדען. מילא איך בין א טאטע, און סיבירער קינדער רעכענען זיך זעהר ווייניג מיט א טאטען, בפרט ווען דער טאטע איז שוין אלט און האָט אלטע בעגריפען וועגען געוויסע אָנגעלעגענהייטען... מיט אייך אָבער, אויף וויפיעל איך ווייס, איז גרישא אָפענהערציג, כמעט אין די זעלבע יאָהרען.

— יאָ, אמת, סאמואיל לאזארעוויטש. איך פערזיכער אייך אָבער, אז אין דעם איצטיגען פאל ווייס איך נישט מעהר פון אייך.

סאמואיל לאזארעוויטש האָט עטליכע סעקונדען אָנגעקוקט זיין קאסיר אויספאָרשענד, פערטראכט זיך, און דערנאָך, ווי צו זיך אליין געזאָגט:

— אויב אזוי, הויבט אָן די זאך צו ווערען ערנסט...

III

אונשולדיגע מערטירער.

א וויאָרסט דרייסיג פון סריעטענסק, צווישען דער טראנס־בייקאלער באהן־ליניע און דעם טייך שילקאָ, ליגט דאָס בוריאטען־דאָרף באיאן, וואָס בעשטעהט פון א פאָר צעהנדליג שמוציגע, נידריגע, מיט ערד בעדעקטע הייזלעך (יורטען), פון וועלכע עס טראָגט זיך שטענדיג אין דער לופט א שטיקענדער רויך פון דעם מיסט, מיט וועלכען די בוריאטען הייצען.

ווי אין יעדען בוריאַטישען דאָרף, זענען אויך די יורטען אין באיאַן מפוזר ומפורד, שטעהען נישט פלאַנמעסיג, און פון איין יורטע ביז דער צווייטער ציהט זיך געוועהנליך א לעדיגער נישט פערצוימטער גרויסער שטח.

אין איינער פון די דאָזיגע יורטען, הארט ביים ברעג פון דער שילקאַ, האָט געוואוינט דער פאָליטישער פערשיקטער מארק באָריסאָוויטש יעלין מיט זיין איינציגער, צוואנציג־יעהריגע טאָכטער, ראַשעל.

יעלין האָט זיך זינט ער לעבט מיט קיין פאָליטיק נישט פערנומען און האָט צו קיין שום געהיימער אָרגאניזאציע נישט געהערט. ער האָט אין דער יוגענד געענדיגט א האנדעלס שולע אין זיין געבורטס־שטאָדט כארקאָוו: איז באלד אריין אלס אָנגעשטעלטער אין א גרויס מאנופאקטור־געשעפט, האָט חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון דעם פראָקורענט טאקי פון דער דאָזיגער פירמע, א יאָהר נאָך דער חתונה איז ער געוואָרען מיט מזל א טאטע, און האָט זיך געפיהרט א שטיל, רוהיג לעבען, ווי הונדערטע און טויזענדע פון זיין קליין־בירגערליכען קלאס, וועלכע זענען פערנומען מיט זייער טאָג־טעגליכער בעשעפטיגונג אין זייערע עגאָאיסטישע קליינליכע פאמיליען־אָנגעלעגענהייטען.

נאָכמעהר, ער איז געווען א טיפישער בעאמטער, א סלוזשביסט. דער שרייב־טיש, דאָס הויפּט־בוך, דאָס קאָנטאָ־בוך, דאָס סחורה־בוך, דאָס קאסע־בוך, די האנדעלס־קאָרעספּאָנדענץ — דאָס אלץ איז געווען דער עלעמענט, אין וועלכען ער האָט זיך געפיהלט גוט היימיש, דאָס איז געווען די לופט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט, דאָס איז געווען פאר איהם דער איינציגער אינהאלט פון זיין עקזיסטענץ, אזוי אז אין די טעג, ווען דאָס געשעפט איז געווען געשלאָסען, האָט ער זיך געפיהלט נישט היימליך, עפּעס האָט איהם געפעהלט, עפּעס איז איהם געווען לאנגווייליג, און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

אין שטוב־זאכען האָט ער זיך נישט געמישט, די פרוי זיינע, בערטא אָסיפּאָוונא, איז אין שטוב־לעבען געווען די אבסאָלוטע הערשערין. ער האָט נור געוואוסט, אז יעדען ערשטען דאָרף ער איהר

איבערגעבען זיין פענסיע — ביז צו דער לעצטער פרוטה. און וואָס זי האָט מיט דעם געלד געטהון — דאָס איז שוין נישט געווען זיין דאגה.

איבעריגענס, האָט ער נישט געהאַט קיין גרונד צו זיין אומרוהיג. ער האָט גוט געקענט זיין פרוי, ער האָט געוואוסט, אז זי איז נישט קיין פערשווענדערין און זי רעכענט זיך גוט מיט זיין יעדען פערהאַרעוועטען רובל, וואָס זי גיט אויס אין דער ווירטשאפט, אדרבה, ער האָט געוואוסט, אז זי שפּאָרט אָב יעדען חודש א געוויסע סומע און טראָגט אין דער אסעקוראנץ־געזעלשאפט, וואו עס וועט זיך אָנקלייבען א היבשער נדן פאר זייער טאָכטער ראשעל צו דער בעשערטער צייט.

אויך די ערציהונג פון זייער איינציגער טאָכטער האָט זיך געפונען אונטער דער אויסשליסליכער השגחה פון בערטא אָסיפּאָוונא. אליין בעזיצענדיג גימנאזיע־בילדונג און זייענדיג שטארק בעלעזען, האָט זי איהר דאָזיגע אויפגאבע דורכגעפיהרט מיט דער געהעריגער זאך־קענטניש, און נאָר פון יוצא־וועגען האָט זי זיך אין געוויסע מאָמענטען געווענדעט צום מאן און געפרעגט זיין עצה, וויסענדיג פאָראויס, אז ער וועט מסכים זיין צו אלץ, וואָס זי זאָגט.

אזוי, למשל, ווען ראשעל איז געוואָרען אכט יאָהר אלט, האָט בערטא אָסיפּאָוונא זיך אָנגערופען:

— איך מיין, מיין טייערער, אז עס איז צייט אריינגעבען אונזער ראשענקע אין גימנאזיום, ווי מיינסטו?

— איך מיין אויך אזוי. אָט וועל איך טאקי באלד אָנשרייבען א ביטע, און דו וועסט שוין מאָרגען ערלעדיגען.

אָדער אין אנ׳אנדער מאָמענט:

— דו ווייסט, מארק, אונזער גימנאזיסטקע האָט שטארק חשק צו שפּילען אויף דעם קלאוויר. זי איז זעהר מוזיקאַליש, איך מיין, אז מען בעדארף זי לאָזען לערנען.

— געוויס בעדארף זי קענען שפּילען, מוזיק איז א זעהר וויכטיגע זאך.

— עס וואָלט זעהר נוצליך געווען, דאכט זיך מיר, אז צו אונזער ראשענקע זאָל צוויי מאָל אין דער וואָך קומען א דאמע אויף

פראנצויזישע און ענגלישע קאָנווערזאציע, — האָט זיך איינמאָל אָנגערופן בערטא אַסיפּאָוונא.

— איך מיין אויך אזוי,—האָט מסכים געווען מארק באָריסאָוויטש. — א שפּראַך קאָן מען זיך גרינדליך אויסלערנען נאָר דורך רעדען אויף איהר.

און פּונקט דעם זעלבען כאראקטער מיט דעם זעלבען רעזול־טאט האָבען געהאט די שאלות ותשובות פון דעם דאָזיגען פּאָר־פאָלק אין אנדערע הויזליכע אָנגעלעגענהייטען. אַלץ וואָס דאָס ווייב האָט געטהאָן, און ווי אזוי זי האָט געטהאָן, איז דעם מאן געפעלען גע־וואָרען, ביי איהר יעדען פּאָרשלאָג האָט ער זיך קודם גערעכענט מיט איהר מיינונג, און האָט אָהן שום טענות ומענות מסכים געווען צו דער דאָזיגער מיינונג.

— דו ווייסט, מיין ליעבער, — האָט זי זיך איינמאָל צו איהם געווענדעט, — איך האָב בדעה צו פערדינגען דאָס פינפטע צימער אונזערס מיט דעם בעזונדערען איינגאנג, עס מאכט זיך גראָד א פּאָ־סענדער סובלאָקאטאָר, א סטודענט א טעכנאָלאָג, א זעהר סימפּאָ־טישער, בעשיידענער יונגערמאן. דער פאָטער זיינער איז קאזיאָנער רב אין פּאָולאגראד און ער וויל גוט בעצאָהלען. ווי מיינסטו?

— מהיכי תיתי, — האָט מאַרק באָריסאָוויטש געענטפערט, נישט טראכטענדיג לאנג. — איך מיין, אז פיער צימערען זענען די והותר פאר אונזער קליינער פאמיליע.

און דער סטודענט האָט זיך צומאָרגענס אריינגעצויגען אין דאָס פינפטע צימער מיט דעם בעזונדערען אריינגאנג.

— הער, מאַרק, וואָס איך וועל דיר מיטטיילען. — האָט זיך בערטא אַסיפּאָוונא אָנגערופען אין א געוויסער צייט ארום. — מיר דאכט, אז ראשעל און אונזער סטודענט זענען איינער צום אנ־דערן נישט גלייכגילטיג... איך פיהל, אז דאָ פערקניפּט זיך א ליעֿ־בע... ווי געפעלט עס דיר?

— און ווי געפעלט עס ד י ר?

— איך האָב גאָרנישט דאגעגען. ער איז א זעהר פעהיגער, פלייסיגער און ערנסטער סטודענט. זיינע קאָלעגען קאָנען זיך פשוט פון איהם נישט גענוג אָבלויבען. ער איז אין אינסטיטוט ביי אלע־

מען שטארק בעליעבט, און אלע זאָגען איהם פאר א גלענצענדע קאר־יערע אין לעבען. מיין איך, אז דאָס וואָלט געווען פאר ראשענקען א זעהר פאסענדער, ממש א גליק־שידוך...

— דו האָסט רעכט. אודאי, אודאי. איך מיין אויך דאָס זעל־בע. אויף מיר מאכט ער אויך א זעהר גינסטיגען איינדרוק.

אויב מארק באריסאָוויטש איז געווען אזוי נאָכגעביג און האָט אזוי לייכט איינגעשטימט מיט אלעם, וואָס בערטא אָסיפּאָוונא האָט געזאָגט און געטהון, איז דאָס נישט געווען צוליעב דעם, וואָס ער איז געווען א „למך”, א „פּאנטאָפעל־מאן” און זי איז געווען דער „קאָזאק”, און האָט „געטראָגען די הויזען”. ניין, חס וחלילה. בער־טא אָסיפּאָוונא איז געווען א זאנפטע און טאקטפולע פרוי פון דער נאטור, זי האָט איהר מאן געליעבט און געאכטעט. און געאכטעט האָט זי איהם דערפאר, וואָס ער איז געווען א מאן מיט א פעסטען כאראקטער און מיט אונערשיטליכע פּרינציפּען. און ער ווידער האָט געקענט זיין לעבענס־חברטע און האָט געוואוסט, אז וואָס בערטא טהוט, טהוט זי נישט לייכטזיניג, נאָר נאָך א געזונטען, לאָגישען ישוב־הדעת, און צום נוצען פון זייער הויז.

אין דער דאָזיגער רוהיגער, פרידליכער און הארמאָנישער אט־מאָספערע, ווייט פון פּאָליטיק, ווייט פון וועלט־פראגען, האָט זיך געלעבט טאָג איין — טאָג אויס מארק באריסאָוויטש יעלין מיט זיין קליינער פאמיליע, ביז עס האָט אומגעריכט, פונקט ווי א דונער אין מיטען העלען טאָג, אויסגעשלאָגען א גרויזאמער מאָמענט, און מארק באריסאָוויטש האָט אויף זיין אייגענעם לייב ערפאהרען, אז, א דאנק דער רוסישער „אָכראַנאַ”, קאָן מען פלוצלינג געקרוינט ווערען מיט דער דאָרנען־קרוין פון א „פּאָליטישען פערברעכער” און „גע־פעהרליכען טעראָריסט” אפילו דאמאָלס, ווען מען איז גאָט די נשמה שולדיג...

געשעהן איז דאָס אין א ווינטער־נאכט, בעת די ניי־יאָהר־פעריען. בערטא און ראשעל זענען געווען פעררייזט. זיי האָבען גע־ווילט שוין א פּאָר וואָכען ביי בערטא'ס עלטערער שוועסטער אין פּאָלטאווע. און אין יעלינ'ס וואוינונג אין כארקאָוו איז פערבליבען ער אליין און דער קווארטיראנט, דער סטודענט, וועלכער איז גראָד

אין יענע פעריען נישט געפאָהרען אהיים, ווי געוועהנליך, און איז פערבליבען אין כארקאָוו.

ווי דאָס רוב מענשען, וועלכע האָבען צו טהון כל ימיהם מיט ציפערן, אזוי אז די ציפערן ווערען דער עלעמענט, דער אָנהויב און סוף פון זייער חיות און פון זייער יעדער האנדלונג זאגאר אין זייער פריוואטען לעבען, איז אויך מארק באַריסאָוויטש געווען א מענש פון ציפערן, אויסגערעכענטע, אויסגעוואוינענע און אויסגעמאָסטענע געוואָהנהייטען, וועלכע ער האָט אָנגערופען: „פּרינציפּען", און די דאָזיגע „פּרינציפּען" האָט ער דורכגעפיהרט מיט א פּעדאנטישער פּינקטליכקייט.

איינער פון מארק באָריסאָוויטש'ס פּרינציפּען איז געווען: אָבזיצען עטליכע שעה אין גאסט־צימער פאר זיין פּריוואטען שרייבטיש אין דער נאכט, וואָס פאר דעם בירגערליכען ניי־יאָהר, און מאכען אָרדנונג אין די שופלאָדען. דאָס הייסט: דורכלייענען די פערשיעדענע בריף, נאָטיצען און דאָקומענטען, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען אין משך פון דעם גאנצען יאָהר, סעגרעגירען און בעהאלטען די יעניגע, וועלכע האָבען לפי דעתו געקאָנט צונוץ־קומען אין דער צוקונפט, און ווארפען אין פייער אריין דעם אוננוצליכען באלאסט.

איז אויך אין יענער ווינטער־נאכט, פאר ניי־יאָהר, מארק באָריסאָוויטש געזעסען ביי דעם שרייב־טיש מיט די ארויסגערוקטע שופלאָדען און האָט דורכגעקוקט יעדעם שטיקעל פּאפּיר, ווענדענדיג זיך פון צייט צו צייט צום סטודענט, וועלכער איז געזעסען רעכטס פון איהם אויף דער אָטאָמאנע.

— ווען בערטא אָסיפּאָוונא און ראשעל וואָלטען געווען אין דער היים, וואָלט איך אצינד נישט געזעסען ביי דער דאָזיגער ארבייט.

— פאר וואָס? — האָט געפרעגט דער סטודענט פלעגמאַטיש.

— איהר פערגעסט, אז היינט איז „ס י ל ו ע ס ט ע ר" און וואָלט געמוזט געהן אין „געזעלשאפטליכען קלוב" בעגעגנען דאָס נייע יאָהר.

— וואָלט מען געגאַנגען, — האָט דער סטודענט זיך אָבגערופען מיט דער זעלבער פלעגמאַטישקייט, — און די דאָזיגע ארבייט אייערע וואָלט איהר געמאַכט מיט א טאָג פריהער, אָדער מיט א טאָג שפעטער.

— אָ, ניין, ליאָוו דאַווידאָוויטש. דאָס געהט נישט. פּרינציפּ איז פּרינציפּ, — האָט יעלין געענטפערט. — ערב ניי־יאָהר מוזען מיינע פּאַפּירען געבראַכט ווערען אין אָרדנונג. דאָס איז ביי מיר א פּרינציפּ פון זינט איך בין זעלבסט־שטענדיג.

דער סטודענט האָט געשוויגען, און יעלין האָט זיך פערטיפט אין זיין ארבייט מיט זיין אייגענטימליכער אויפמערקזאַמקייט.

— ווי קומט עס, וואָס איהר זיצט אָהן א שטאָך ארבייט? — האָט זיך נאָך א געוויסער צייט ווידער אָנגערופען מארק באָריסאָוויטש, נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ פון זיינע פּאַפּירען.

דער סטודענט האָט אויפגעשוידערט, יעלינ'ס קול האָט איהם פּלוצלינג אויפגעוועקט פון זיינע געהיימע געדאַנקען, אין וועלכע ער איז געווען פערזונקען.

— איהר האָט וואָס געזאָגט, מארק באָריסאָוויטש?...

— כ'האָב געפרעגט, וואָס איז די מעשה, וואָס איהר זיצט אזוי מיט פערלעגטע הענד?... נישט איהר לייענט, נישט איהר טהוט עפּעס, נישט איהר געהט שלאָפען...

אנשטאָט אנ'ענטפער האָט ליאָוו דאַווידאָוויטש נישטווילענדיג טיעף אָבגעזיפצט.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט יעלין ווידער געפרעגט. ער האָט אויף א מינוט איבערגעריסען די ארבייט און האָט געווענדעט א פאָרשענדען בליק אויף דאָס געזיכט פון זיין קוואַרטיראַנט. — איהר בענקט, משמעות...

א קאַלטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף יעלינ'ס געזיכט און ער האָט פאָרטגעזעצט זין ארבייט.

— יאָ, עס בענקט זיך, מארק באָריסאָוויטש! — האָט דער סטודענט ארויסגעזאָגט מיט א זאָנדערבאַרער שטים.

— אהיים?... נאָך די עלטערען?... אָדער אפשר גאָר נאָך ראשעלן?...

— עס בענקט זיך אהיים. עס בענקט זיך נאָך די עלטערן. עס בענקט זיך נאָך ראַשענקען. דער עיקר אָבער בענקט זיך נאָך פ ר י י ה י י ט...

— נאָך פ ר י י ה י י ט?...

— יאָ, נאָך פ ר י י ה י י ט... נאָך פרייער לופט, נאָך פרייע בירגער... ווייל די אַטמאָספערע, אין וועלכער מיר לעבען, איז א שווידערליכע, אַ שקלאַפישע. די לופט, מיט וועלכער מיר אָטעמען, איז א שטיקענדע. דאָס גרויסע לאַנד, אין וועלכען מיר בעוועגען זיך, איז א גרויסע פול־געפּאַקטע טורמע... און מיר בעוועגען זיך נישט פריי. יעדער פון אונז האָט א פערקנעבעלט מויל און טראָגט דאָס גאַנצע לעבען שווערע, דריקענדע קייטען אויף די הענד און פיס... א שווער לעבען ביי אַזעלכע בעדינגונגען, מארק באַריסאָ־וויטש. דאָס הארץ ציהט זיך און רייסט זיך צום קאַמף פאַר די פריי־הייט, צום קאַמף מיט די שווארצע פערקויפטע נשמות, מיט די ברוטאַלע וועכטער פון דער אונערטרעגליכער גרויזאַמער טור־מע...

דער שטענדיגער קאַלטבלוטיגער יעלין איז איבערראַשט גע־וואָרען פון די ווערטער, וואָס ער האָט פּלוצלינג דערהערט פון דעם טעגנאָלאָג. א אינסטינקטיווע שרעק האָט איהם ארומגענומען. די פּאַפּירען האָבען אין זיינע פינגער אָנגעהויבען ציטערען.

— שוין לאַנג טראָגט איהר זיך ארום מיט אַזעלכע... ג ע־פ ע ה ר ל י כ ע געדאַנקען, מוסיו שטרייטער? — האָט יעלין שטיל געפרעגט, און האָט נישט אויפגעהערט קוקען אויף דעם סטודענט מיט אויגען פול שרעק.

— נאָך פון די לעצטע קלאַסען רעאַל־גימנאַזיום.

— געהערט איהר צו אַ אונלעגאַלער אָרגאַניזאַציע?

— „א י י נ ע ר אין פעלד איז נישט קיין קעמפּער", — האָט דער סטודענט געענטפערט קורץ.

— וויים ראַשעל דערפון? — האָט יעלין געפרעגט, און זיין געזיכט איז בעדעקט געוואָרען מיט אַ טויטער בלאַסקייט.

— פאַר ראַשעל'ן האָב איך קיין שום סודות נישט, — האָט שטרייטער רוהיג געענטפערט, — און איך מיין, אז אויך ראַשעלס

עלטערען האָבען דאָס רעכט צו וויסען די אנשויאונגען און די שטרעבונגען פון דעם מענשען, מיט וועמען זי האָט פעראייניגט אויף אייביג איהר שיק־זאַל.

— פעראייניגט, זאָגט איהר, אויף אייביג?...

— יאָ, מארק באָריסאָוויטש.איידער ראשעל איז אָבגעפאָהרען קיין פּאַלטאָווע מיט בערטא אָסיפּאָוונא האָבען מיר פייערליך גע־גענזייטיג זיך געגעבען דאָס וואָרט...

מארק באָריסאָוויטש האָט מעהר גאָרנישט געפרעגט און מעהר גאָרנישט געזאָגט, ער האָט זיך אינגאנצען פערלוירען און האָט נישט געקאָנט צוזאמענקלויבען זיינע געדאנקען. דאָס, וואָס ער האָט אצינד פּלוצלינג דערהערט. פון דעם סטודענט וועמען אלע האָבען פאָראויס געזאָגט א גלענצענדע קאריערע און אויף וועלכען ער און די פרוי האָבען געקוקט, ווי אויף א גליק־שידוך פאר זיין איינציגער טאָכטער דאָס, וואָס ער האָט אצינד פּלוצלינג דערהערט, האָט פּא־ראליזירט זיין פעהיגקייט צו דענקען, צו אנאליזירען, צו אָריענ־טירען זיך, און האָט אָנגעפולט זיין הארץ פּשוט מיט טויט-שרעק. ער האָט זיך בעמיהט צו בעהערשען זיין אויפרעגונג. ער האָט זיך אינגאנצען פערטיעפט אין זיין ארבייט, נור די שרעק איז אלץ מעהר און מעהר געוואקסען אין זיין הארץ, ווייל צו האסטיג, צו אונערווארטעט האָט ער דעם שוידערליכען סוד דערהערט...

ליאָוו דאווידאָוויטש האָט גוט בעמערקט דעם רושם, וואָס זיי־נע אָפענהערציגע ווערטער האָבען געמאכט אויף דעם פאָטער פון זיין געליעבטער. אין פערלויף פון דער צייט, וואָס ער איז געווען יעלינס קווארטיראנט, האָט ער גענוי זיך בעקענט מיט'ן ארט דענקען פון דעם דאָזיגען קליין־בירגער, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, זיין אויס־ווייכען, זיין שרעק פאר יעדען געדאנק, פאר יעדעס געשפּרעך, וואָס האָט די מינדעסטע בעציהונג מיט סאָציאלע, מיט רעוואָלוציאָנערע, מיט „אונלעגאלע" פראגען. האָט ער דעריבער גוט געוואוסט, ווי טיעף ער האָט געטראָפען מארק באָריסאָוויטש'ן דערמיט, וואָס ער האָט איהם דאָס אלץ פּלוצלינג ענטפּלעקט, און ער האָט פערשטאנען, אז פאר דאָס מאָל איז דאָס גענוג. מעהר דארף מען דערפון דער־ווייל נישט רעדען. מען מוז איהם געבען צייט, ער זאָל די זאך

אדורכטראכטען, צעקייתען, פערדויהען, קומען צו זיך, און דער־נאָך וועט מען ווייטער שמועסען... און אזוי טראכטענדיג האָט דער סטודענט שטיל פערלאָזט דאָס צימער און איז אוועק צו זיך, דאָס הייסט, אין זיין צימער מיט דעם בעזונדערען אריינגאנג.

ווען יעלין איז געבליבען אליין האָט ער עטוואָס לייכטער, פרייער אָבגעאָטעמט. ער האָט א פּאָר מאָל אַ קוק געטהאָן אויף דער אָטאָמאָנע, אויפ'ן אָרט, וואו זיין טאָכטערס חתן איז נור וואָס גע־זעסען, און מעכאַניש האָט ער עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט:

— „איינער אין פעלד איז נישט קיין קעמפער"... א קעמפער איז ער... און זי ווייסט דערפון... א רעוואָלוציאָנער איז ער, און זי ווייסט דערפון...

און א פראָסטיגער ציטער האָט אויפגעטרייסעלט אלע זיינע גלידער.

דער זייגער־שראנק אין ווינקעל האָט לאנגזאם אויסגעשלאָגען די דריטע שעה נאָך האלבער נאכט. אין גאנצען הויז האָט געהערשט א טיפע שטילקייט, אין וועלכער עס האָבען זיך אין גאסט־צימער דייטליך דערטראָגען די טריט פון דעם סטודענט, וועלכער איז גע־גאנגען הין־און־צוריק איבער זיין צימער.

יעלין האָט זיין ארבייט געענדיגט. ער האָט די „וויכטיגע" פּאפּירען זאָרגפעלטיג בעהאלטען אין שופלאָד, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „ארכיוו", און דאָס נישט־נויטיגע האָט ער ביסלעב־ווייז געוואָרפען אין קאָמין, אין וועלכען עס האָבען נאָך געגליהט די קויהלען פון דעם פערברענטען האָלץ.

פּלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבען א קלינגעריי און קלאַפּעריי אין די טהירען פון דעם פּאראדנעם, ווי אויך פון דעם שווארצען ארייג־גאנג, און עס האָט זיך דערהערט א בעפעהלערישער קול:

— עפענט!!!

מארק באָריסאָוויטש יעלין האָט אויפגעשוידערט. ער איז גע־בליבען שטעהן ווי א פערשטיינערטער, און זיינע ברייט־אויסגע־שטאַרטע אויגען האָבען בעוואוסטלאָז, דערשראָקען, כמעט וואהנ־זיניג געקוקט אויף די פלאַמען אין קאָמין, וועלכע האָבען ארומגע־נומען די לעצטע אריינגעוואָרפענע אונגוצליכע פּאפּירען.

ערוואכט פון דער בעטויבונג איז יעלין ערשט דאן, ווען די הערשראַקענע, פערשלאָפענע קעכין, די פויערטע מאטרענא האָט געעפענט די טהירען, דורך וועלכע עס האָבען זיך, ווי די מלאכי־חבלה, אריינגעריסען אין די צימערען זשאנדארמען, פּאָליציאַנטען, געהיימע אגענטען, און איינער פון די דאָזיגע „אָכראנא־לייט" האָט ברוטאל אָבגעשטויסען דעם אומגליקליכען פון קאַמין, ווילד אויס־שרייענדיג:

— אָט א קאַנאַליע!... ער האָט אלץ פערניכטעט אין פייער!...

און מיט די ווערטער האָט דער אגענט ארויסגעכאפּט פון די פלאמען א רעשט פון א ברענענדיגען בריעף, וואָס יעלין האָט מיט חדשים צוריק געשיקט צו זיינעם א גוטען פריינד אין קיעוו, און וועל־כען די קיעווער פּאָסט האָט איהם אומגעקעהרט צוריק, ווייל דער אדרעסאַנט איז אויסגעמאָלדען נישט בעוואוסט וואוהין.

אויף דעם אָבגעראטעוועטען שטיקעל פּאַפּיר האָט מען געקאָנט איבערלייענען פאָלגענדען קורצען פראגמענט, געשריבען מיט יעלינ'ס האנד:

„...אַלע אָנגעשטעלטע ליידען שרעקליך פון דעם דעספּאָטישען אידיאָט, זיינע גע־מיינהייטען שטייגען־איבער יעדע מאָס, די געדולד פּלאַצט, און מיר האָבען ענדליך פעסט בעשלאָסען..."

דאָס איז געווען א זאץ פון א אונשולדיגען בריעף, אין וועלכען יעלין האָט געשילדערט פאר זיין יוגענד־פריינד, ווי אזוי ער און די איבעריגע אָנגעשטעלטע פון דער פירמע זענען פטור געוואָרען פון א אונערטרעגליכען פּראָקורענט, וואָס איז זיי דערגאנגען די יאָהרען מיט זיינע ווילדע פּאָדערונגען, נאָר אין די אויגען פון דער צארישער „אָכראנא" האָט דער דאָזיגער זאץ געדיענט פאר א אונבעשטרייט־באַרען בעווייז, אז דאָ האָבען זיי געפּאַקט א געפעהרליכען טעראָ־ריסט, וועלכער האָט זיך א פּנים געריכט אויף א רעוואָלוציע און האָט פערברענט אַלע קאָמפּראָמיטירענדע טעראָריסטישע אויפרופען...

צי איז דען נישט קלאָר ווי דער טאָג, אז אונטער די ווערטער:

„אלע אָנגעשטעלטע" דאַרף מען פֿערשטעהן: „אלע רוסישע בירגער". אונטער דעם אויסדרוק: „העספּאָטישען אידיאָט" מיינט מען בפירוש דעם „זעלבסטהערשער ניקאָלאַי דעם צווייטען". אונטער די ווערטער „מיר האָבען ענדליך פּעסט בעשלאָסען". באַהאַלטען זיך די טעראָריסטען. און וואָס אזוינס זיי האָבען „פּעסט בעשלאָסען", ווייסען מיר זעהר גוט: אָ אָ, די „אָכראַנאַ" קען גוט דעם נוסח און דעם סטיל פֿון די „קראַמאָלניקעס":

— שאַדט נישט, — האָט אויסגערופֿען דער זשאַנדאַרמען־אָפֿיציר, ווען דער אַגענט האָט איבערגעגעבען דאָס פֿערדרייכערטע שטיקעל פּאַפּיער. — שאַדט נישט! דאָס וויכטיגסטע האָבען מיר אָבגעראַטעוועט פֿון די פֿלאַמען...

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. דאָס האָט שטרייטער פֿערגעסען אָן דעם כּלל, וואָס ער האָט מיט אַ פּאָר שעה פֿריהער אליין ארויסגעזאָגט, אז „איינער אין פֿעלד איז נישט קיין קעמפֿער", און ער האָט געשטעלט אַ בעוואָפֿענטע ווידערשטאַנד, שיסענדיג פֿון אַ ברוינינג צו דער מחנה זשאַנדאַרמען, וואָס האָבען זיך אריינגעריסען אין זיין צימער. ער איז אָבער באַלד מעהרפֿאַך און שווער פֿערוואונדעט געוואָרען פֿון די ענטבלויזטע שווערדען, מיט וועלכע די זשאַנדאַרמען האָבען זיך אויף איהם געוואָרפֿען. ער איז בעוואוסטלאָז אנידערגעפֿאַלען, בעגאָסען מיט דעם שטראָמענדען בלוט, און בעת דער רעוויזיע, וואָס עס איז דורכגעפֿיהרט געוואָרען אין זיין צימער, האָט מען געפֿונען אויפֿרייס־מאַטעריאַל, צוויי פּאַרטיגע באָמבעס, אַ קליינע אויפֿרייס־מאַשין, עטליכע אָנגעלאָדענע ברוינינגס און אַ גרעסערע צאָהל רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס...

דעם האַלב־וואַהנזיניגען מאַרק באָריסאָוויטש'ן האָט מען פֿערשלאָסען אין אַ פֿייכטער, איינזאַמער קאַמער אין דער טרויעריג־בעריהמטער כאַרקאָווער „צענטראַלקע". דעם סטודענט מיט דער „גלענצענדער צוקונפֿט" האָט מען אין אַ בעוואוסטלאָזען צושטאַנד אָבגעפֿיהרט אין שפּיטאָל, וואָס ביי דער טורמע, און אזוי ארום האָט

זיך פאר דער פאמיליע יעלין אַנגעהויבען א לעבען פון פערצווייפלונג, א לעבען פון דער שרעקליכסטער מערטירעריי...

ווען בערטא אַסיפּאָוונא האָט זיך אין פּאָלטאווע דערוואוסט פון דעם דונער, וואָס האָט געטראָפען איהר הויז, איז זי געפאלען אין אַהנמאכט, און ווען זי האָט געעפענט די אויגען איז זי שוין געלעגען אַ פאראליזירטע אין בעט מיט אנ׳אָבגענומענעם לשון. זי האָט געקוקט מיט פערגלעזערטע אויגען אויף ראשענקע׳ן, אויף איהר שוועסטער, אויף איהר שוואָגער דעם דאָקטאָר. א אויסדרוק פון אַ טיעפען שמערץ איז פערגליווערט געוואָרען איף איהר געל־בלאַסען געזיכט, איהרע ליפּען האָבען זיך קוים־קוים בעוואוינגען. זי האָט אָבער קיין וואָרט נישט געקאָנט ארויסרעדען און איהר גאנצער קערפער איז געווען געלעהמט.

עטליכע טעג האָט געדויערט און דער פאראליזש איז פון זיך אליין מיטאמאָל אָבגעטרעטען פונקט אזוי ווי ער איז מיט אמאָל געקומען, א דאַנק דער פּלוצלינגער נערווען־ערשיטערונג.

בערטא אָסיפּאָוונא איז אויפגעשטאנען פון בעט א געזונטע, פול פרישער ענערגיע מיט אַ שטארקער ווילענס־קראפט. און האָט בעשלאָסען, נישט פערלירען קיין איינציגען טאָג, און ווי אמשנעלסטען לויפען קיין כארקאָוו צו ראטעווען איהר אונשולדיג אריינגעפאלענעם מאַן.

איהר שוועסטער, איהר שוואָגער, אנדערע גוטע פריינד האָבען איהר געראטען, אז דערווייל זאָל זי אליין פאָהרען קיין כארקאָוו, און ראשעל זאָל פערבלייבען אין פּאָלטאווא, נאָר די יונגע, צארטע און ביז־איצט זאַרגלאָזע ראשעל האָט פּראָטעסטירט נעגען דעם דאָזיגען פּלאַן, און האָט קאטעגאָריש ערקלערט, אז זי וועט נישט בלייבען אין פּאָלטאָווא, אז זי מוז פּאָהרען און זי וועט פּאָהרען קיין כארקאָוו...

— מיר האָט דאָפּעלט דאָס אונגליק געטראָפען, — האָט ראשעל ערקלערט. — ביי דיר האָבען „זיי" אוועקגערויבט דיין מאַן,

דיין שפּייזער, וועהרענד איך האָב פערלוירען אי מיין טייערען טאַטען, אי מיין טייערען... פריינד.

און די מוטער מיט דער טאָכטער האָבען מיט'ן ערשטען צוג פערלאָזט פּאָלטאַווא.

אין כארקאָוו האָט זיך אָנגעהויבען א פיעבערהאפטע לויפעניש. עס איז נישט געקראָכען אין קאָפּ קיין עסען, קיין טרינקען, קיין שלאָפען, קין מינוט מנוחה. די מוטער מיט דער טאָכטער האָבען איינגעלעגט וועלטען. זיי האָבען אויסגענוצט יעדע בעקאַנטשאפט, יעדע קלענסטע און גרעסטע פּראָטעקציע. מען איז געלאָפען פון איין אמט צום צווייטען, פון איין קאנצעלאריע צו דער צווייטער, מען האָט שטונדען־לאנג געשמאַכטעט אין די ווארטע־צימערען פון „נאטשאלסטווא". עס זענען אוועק טעג, וואָכען, חדשים און מען האָט גאָרנישט געקאָנט געוואָהר ווערען וועגען דער לאגע און וועגען דעם גורל פון די געפאנגענע.

ענדליך, נאָך אונצעהליגע פּראָטעקציעס און ביטעס, איז די מוטער מיט דער טאָכטער אויפגענומען געוואָרען פון גובערנאטאָר, א הויכער רוסישער אריסטאָקראט.

— דורכלויכטיגער פירשט! — האָט בערטא אָסיפּאָוונא קוים בעוויזען ארויסצורעדען, ווען זי האָט בעטראָטען די שוועל פון זיין קאבינעט און איז געפאלען פאר איהם אויף די קניה.

דער גובערנאַטאָר, וועלכער האָט געוואָלט ווי אמשנעלסטען אָבפּארטיגען די דאָזיגע אוידיענץ שטעהענדיגערהייד, על רגל אחת, האָט אָנגעקוקט א ווייל די טויט־בלאַסע ראשעל, די קניהענדע בערטא אָסיפּאָוונא און האָט געזאָגט:

— איך ווייס, וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך און וועגען וועמען דאָ האַנדעלט זיך... איך ווייס, אז איהר שלאָגט־אָב די שוועלען פון אלע מיינע בעאמטע און שטערט זיי אין זייער ארבייט... און אויב איך האָב זיך ענטשלאָסען אייך אויפצונעהמען, האָב איך געהאט דעם צוועק, פערזענליך אייך וואָרענען: אויב אייך איז טייער אייער אייגענע פריי־הייט און די פרייהייט פון אייער טאָכטער זאָלט איהר זיצען רו־

היג און ווארטען מיט גערולד, ביז דאָס געריכט וועט ענטשיידען דעם גורל פון די ארעסטירטע...

— אָבער, אייער דורכלויכט... — האָט בערטא אָסיפּאָוונא אָנגעהויבען מיט אַ ציטערנדער שטים.

— איך האָב נאָך נישט געענדיגט, מאדאם, — האָט דער פירשט בעמערקט ברוגז׳דיג. — איך גלויב, אַז איהר און אייער טאָכ־טער זענען אונשולדיג, ווייל אָט די אלע לייט האַנדלען פערברעכע־ריש, פּ ע ר ר ע ט ע ר י ש, נישט נאָר אין בעצוג צו דער אַלערהעכ־סטער מ א כ ט, נאָר אויך אין בעצוג צו זייערע נאָהנטסטע, שטע־לענדיג און קאָן זייער רוה, זייער גליק און זאָגאר זייער לעבען... זיי האַלטען בסוד זייערע פערברעכערישע פּלענער, נישט נאָר פאר דער געזעצליכער מאכט, נאָר אויך פאר זייער ווייב און קינד, פאר זייער בלוט און פלייש... דעריבער גלויב איך, אַז איהר און אייער טאָכטער זענט אונשולדיג, אַז איהר האָט פון קיין זאך די קלענסטע אהנונג נישט געהאט... נאָכמעהר: איך גלויב, אַז א י נ ע ר ל י ך טארעלט איהר דאָס האנדלען פון אייער מאן און פון דעם טעכטאָ־לאָג... נאָר טאָמער וועט איהר נישט אויפהערען משתדל זיין זיך, קען איך אָנהויבען חושד זיין, אַז איהר ס י מ פּ א ט י ז י ר ט מיט זייערע מעשים, און איך וועל מוזען אָנווענדען געגען אייך די געהע־ריגע מיטלען...

— אָבער, אייער דורכלויכט...

— אדיע, מינע דאמען. די אוידיענץ איז געענדיגט, — האָט דער פירשט טרוקען געמאָלדען מיט אַ לייכטער העפליכער פערנוי־גונג, און איז אוועק אין זיינע אינערליכע צימערען.

דער קאָזאַצקער אונטער־אָפיציר, וועלכער איז געשטאַנען בײַ דער שוועל די גאנצע צייט פון דער אוידיענץ, האָט ברייט אויפגע־עפענט די טהיר און האָט די דאמען ארויסגעלאָזט פון קאַבינעט.

פולשטענדיג נידערגעשלאָגען און האָפנונגסלאָז האָבען די אומ־גליקליכע פערלאָזען דעם פּאלאַץ פון דעם אַלמעכטיגען גובערנאַטאָר. דעם גאַנצען וועג ביז צו זייער פערוויסטער היים האָבען זיי איינע צו דער אַנדערער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זיי האָבען זאָגאר איינע אויף די צווייטע קיין קוק נישט געגעבען, פּונקט ווי זיי וואָל־

טען געווען בלוט־פרעמדע, און יעדע פון זיי וואָלט געווען פערטיעפט אין איהרע גאנץ־בעזונדערע אייגענע געדאנקען. ערשט ווען זיי זע־נען אריינגעקומען אין זייערע לעדיגע, אונהיימליכע, עלענדע און קאַלטע צימערען האָט זיך בערטא אָסיפּאָוונא מיט א יאוש׳פולער אפּאטישער שטים אָנגערופען צו דער טאָכטער:

— אפילו דעם איינציגען מאָראלען טרייסט פון בעמיהען זיך, פון געהן, פון לויפען און פון גלויבען, אז אונזער מיה קאָן אויף וויפיעל עס איז לייכטער מאַכען די לאגע פון דעם אונגליקליכען און אונשולדיגען קרבן — אפילו אָט די איינציגע נחמה האָט מען היינט ביי אונז אוועקגענומען...

— וואָס מיך אָנבעטרעפט, מאמע, האָב איך נישט ערוואר־טעט קיין שום נוטעס פון דעם דאָזיגען בעזוך, — האָט ראשעל גע־זאָגט מיט פערביטערטקייט. — איך בין מיט דיר געגאנגען, וויי'ל איך האָב נישט געוואָלט, דו זאָלסט געהן אליין אין דעם שלאנגען־נעסט. נאָר וואָס פאר א פערשקלאפטע נשמה מוז מען בעזיצען, אום צו קאָנען אזוי אָבפערטיגען, אזוי זיך לוסטיג מאכען איבער אזא אונגליקליכע, פערצווייפעלטע און הילפלאָזע פרוי... א גאָט!... פאר־וואָס בין איך נישט ווירא זאסוליטש!...

לאנג און טויעריג האָט זיך געשלעפּט די צייט פאר דער מו־טער מיט דער טאָכטער. אָבהענדיג זענען זיי געזעסען גאנצע וואָכען אין איינזאמקייט, וויכענדיג פון מענשען, פון דער ליכטיגער וועלט. יעדע פון זיי איז מיט אלע געדאנקען געווען ביי דעם אומגליקליכען וואָס איז געווען אזוי נאָהנט, אזוי טייער. און וועלכען זי האָט שוין אזוי לאנג פאר איהרע אויגען נישט געזעהן. יעדע פון זיי האָט מיט הארץ־קלאפעניש, מיט דער גרעסטער אונגעדולד, מיט טויט־שרעק און אין דער זעלבער צייט מיט א זאָנדערבארער האָפנונג געוואַרט, אז דער גורל פון די פערשטויסענע זאָל שוין אמאָל ענטשיידען ווע־רען, — ביז זיי האָבען זיך ענדליך דערוואַרט.

קורץ פאר דעם יום־הדין איז בערטא אָסיפּאָוונא געוואויר גע־וואָרען, אז איהר מאַן, ווי אויך ליאָוו דאווידאָוויטש שטרייטער, זענען נאָך מיט א פּאָר חדשים פריהער איבערגעפיהרט געוואָרען

קיין קיעוו, וואו זיי וועלן געשטעלט ווערן פאר א קריגס־גע־ריכט.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען ביי פארמאכטע טהירען. אין גרויסען, לעדיגען, האלב־דונקעלען געריכטס־זאל האָבען זיך, אויסער די ריכטער, דעם פּראָקוראָר, דעם סעקרעטאר, די צוויי פערטיידיגער און די ביידע אָנגעקלאָגטע, וועלכע עס האָבען בעוואכט פיער בע־וואָפענטע זשאַנדאַרמען מיט ענטבלויזטע שווערדען, — אויסער אָט די אלע, האָבען זיך אויך געפונען, אלס עדות: עטליכע זשאַנדאַר־מען און אגענטען פון דער כארקאָווער „אָכראַנאַ״, מצד דער בע־שולדיגונג, עטליכע פּריוואטע פערזאָן — מצד דער פערטיידיגונג, און אויף א בעזונדערער באנק, שווארץ געקליידעט, מיט בלאַסע פערצאָגטע געזיכטער, זענען געזעסען די פרוי און די טאָכטער פון דעם אָנגעקלאָגטען יעלין, ווי אויך די פערצווייפעלטע מוטער פון דעם יונגען סטודענט.

מארק באָריסאָוויטש יעלין האָט זיך פערענדערט נישט צום דער־קענען. ער איז געוואָרען איינגעהויקערט, איינגעשרומפּען, אויסגע־מאָגערט, מיט א פערגעלטען פנים פול קנייטשען, מיט דונקעל־בלויע ראהמען ארום די איינגעגראָבענע גרויע אויגען, מיט א גרייז־גרויען קאָפּ האָר און מיט א שוואכער, הייזעריגער אפּאטישער שטים. דערפאר אָבער האָט זיך ווענינ־וואָס פערענדערט דער צווייי־טער אָנגעקלאָגטער, ליאָוו דאווידאָוויטש.

פריי, מוטיג, אָנגעטהון אין זיין סטודענטען־מונדיר, מיט א לעבהאפטען, דרייסטען בליק אין זיינע גרויסע ברוינע אויגען, פונקט ווי ער וואָלט שטעהן ביי׳ם בעלעגען אַנ׳עקזאמען פאר א פּראָפעסאָ־רען־קאָלעגיום איז דער יונגער סטודענט געשטאנען פאר דעם איג־קוויזיטאָרישען ריכטער־קאָמפּלעט. דאָס שמאַכטען העכער א יאָהר, פריהער אין כארקאָווער, דערנאָך אין קיעווער תפיסה, האָט נישט געבראָכען זיין יונגע, פעסטע נאטור, נאָר זיין סימפּאטיש, שווער־מעריש און גייסטרייך געזיכט איז בלאַסער געוואָרען, און אויף זיין שטערען, איבער דעם רעכטען ברעם, האָט זיך געזעהן א שראם פון דער פערהיילטער וואונד, וואָס ער האָט בעקומען בעת ער האָט גע־שטעלט א ווידערשטאנד דער זשאַנדאַרמעריע.

בהפזון איז ווּרכגעפיהרט געוואָרען די קאָמעדיע פון די גע־ריכטס־פערהאנדלונגען. פערשלאָפען, אפּאַטיש און טרוקען האָט גע־שטעלט זיינע פראגען דער פאָרזיצענדער, אַן׳אַלטער גענעראל מיט אונצעהליגע מעדאלען אויף דער ברוסט און אַ געזיכט — פון אַ ליידענדען אויף פּאָדאגרע. ציניש און בייזוויליג איז געווען די רעדע פון דעם יונגען פּראָקוראָר. קורץ, אינהאלטסלאָז זענען געווען די רעדעס פון די פערטיידיגער, און נאָך אַ קורצער כלומר׳שטער „בע־ראטונג״ האָט דער פאָרזיצענדער, אַלץ אַזוי פערשלאָפען, אַפּאַטיש און גלייכגילטיג פאָרגעלייענט דעם אורטייל, לויט וועלכען: מארק באָריסאָוויטש יעלין איז פער׳משפט געוואָרען צו אכט יאָהר קאַ־טאָרגע אין גרובערייען, דערנאָך צו אייביגער פּאָסעליעניע אין די ווייטע מקומות אין סיביר, און דער סטודענט ליאָוו דאווידאָוויטש שטרייטער איז פער׳משפט געוואָרען צו טויט־שטראָף דורך תליה...

פון זאל האָט מען ארויסגעטראָגען דריי אָהנמעכטיג־געוואָרענע פרויען: די פיער זשאנדארמען האָבען ארויסגעפיהרט די פעראור־טיילטע, און די ריכטער זענען צוגעטראָטען „בעהאנדלען״ אַ צווייטען פּראָצעס.

— וואָס וועט זיין אַצינד, מוטער? — האָט ראשעל געפרעגט צומאָרגענס נאָך דעם ארויסגעטראָגענעם אורטייל, שפּרייזענדיג הין־און־צוריק איבער דעם נומער פון האָטעל, אין וועלכען זיי זענען פער־פאָהרען.

— וואָס קאָן אַצינד זיין, מיין קינד? — האָט בערטא אָסי־פּאָוונאַ זיך אָבגערופען מיט אַ ביטערען יאוש־שמייכעל.

— וואָס האָבען מיר צו טהאָן אַצינד? — האָט ראשעל ווי ערקלערט איהר ערשטע פראגע, נישט אויפהערענדיג צו שפּרייזען איבער׳ן צימער מיט אַן׳אָראָבגעלאָזענעם קאָפּ.

— מאכען אַ סוף צו דער פערגאנגענהייט און אָנהויבען אַ ניי לעבען אין אַ נייעם לאנד, אין אַ נייער סביבה, אין נייע בעדינ־גונגען.

— דאָס הייסט, נאָכגעהן נאָך דעם טאטען אין ווייטען, קאַל־טען סיביר?

— יאָ, מיין קינד, און טיילען מיט איהם זיין שווערען גורל.

— אפשר דערלאנגען אַ קאַסאַציע? וואָס זאָגט דער פּערטיי־דיגער?

— ער זאָגט, אַז דער פּועל־יוצא פון דער קאַסאַציע וועט בלויז זיין דאָס, וואָס דער אונגליקליכער וועט שמאַכטען אין די קאַזע־מאַטען אַן׳איבעריג יאָהר.

— דער טאַטע איז דאָך אָבער אומשולדיג! — האָט ראַ־שעל אויסגעשריען מיט אַ עמפּערונג און פערצווייפלונג — און איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער.

— ביסטו דען ווירקליך אַזוי נאַאיוו, קינד מיינס? ווייסטו דען נישט, אַז הונדערטע־הונדערטע אומשולדיגע שמאַכטען אין די רו־סישע טורמעס, אַרבייטען קאַטאָרזשנע אַרבייט, אָדער זיי זענען אַד־מיניסטראַטיוו, אָהן שום געריכט, אָהן שום חקירות ודרישות, אָפּ־געריסען פון זייער היים, פון זייערע טייערסטע, און זענען אויף יאָהרען־לאַנג פערשיקט אין די ווייטעסטע ווייסטע מדבריות? עס איז גענוג דער קלענסטער פערדאַכט, עפּעס אַ קרומער קוק, עס איז גע־נוג דער בייזער ווילען פון דעם ערשטען בעסטען זשאַנדאַרם, און מען איז פערלוירען אויף אייביג. בפרט...

— בפרט וואָס, מוטער?

— בפרט, ווען די בעשולדיגונג האָט אַ פאַקטישען גרונד.

— זענען דען אומבעשטרייטבאַר די אומשולדיגע שורות, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבען אַרויסגעכאַפּט פון די פלאַמען?

— אָבער אומבעשטרייטבאַר איז דאָך דער פאַקט, אַז אין דער וואָהנונג פון מאַרק באָריסאָוויטש יעלין איז געשטעלט געוואָרען דער מאַכט אַ בעוואָפענטער ווידערשטאַנד און עס זענען געפונען געוואָרען מכשירים צו אַ אַטענטאַט, ווי אויך שעדליכע, טעראָריסטישע ליטע־ראַטור. הייַנט פאַרוואָס זאָל די „אָכראַנאַ" נישט בעהויפּטען, אַז דאָס, וואָס דער טאַטע האָט פערברענט אין פייער, איז טאַקי גע־ווען אַ טייל פון יענע שריפטען?... פאַר וואָס זאָל די „אָכראַנאַ" נישט בעהויפּטען, אַז אויך מאַרק באָריסאָוויטש יעלין איז בעטיי־ליגט אין אַ פערשווערונג געגען דער „הערשענדער אָרדנונג"?...

יאָ, מיין קינד. פאַר דער אַלמעכטיגער צאַרישער „אָכראַנאַ" און פאַר דעם פערקויפטען געוויסען פון די ריכטער איז דאָס אַלץ די

והותר, בפרט, ווען זיי האָבען פאר זיך א קינד פון דעם אידישען פאָלק, וואָס ווערט בכלל בעטראכט, ווי א פאָלק פון „קראמאלני־קעס”, פון שעדליכע אינערליכע שונאים’...

— הייסט עס, אז ווען נישט ליאָווא, וואָלטען מיר צו דעם גרויסען אונגליק נישט געקומען, — האָט ראשעל, ווי צו זיך אליין געזאָגט, און זי האָט ווידער גענומען געהן הין־און־צוריק איבער’ן צימער.

בערטא אָסיפּאָווּנא האָט אָבזיכטליך נישט געענטפערט אויף ראשעל’ס לעצטע פראגע. זי האָט גוט געוואוסט, ווי שרעקליך איהר יונג אָרים קינד ליידעט אינערליך; זי האָט געוואוסט, וואָס פאר א ביטערע פאָרוואורפען ראשעל מאכט זיך, און אז איהרע לעצטע ווערטער ליעגט א נאָגענדע זעלבסט־בעשולדיגונג, ווייל זי האָט גע־וואוסט פון ליאָווא’ס געהיימניסען, און פאר די עלטערען האָט זי דאָס געהאלטען בסוד.

— נישטאָ מעהר פון וואָס צו רעדען, ראשענקע, — האָט זיך די מוטער אָנגערופען נאָך א געוויסער צייט. — מיר מוזען אָנ־הויבען א נייע לעבען, און אויס.

* * *

און דאָס נייע לעבען האָט זיך אָנגעהויבען.

נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָבען בערטא און ראשעל געהאט זעהונג, וואָס איז זיי ערלויבט געוואָרען זינט יעלין איז געוואָרען זעהונג, וואָס איז זי ערלויבט געוואָרען זינט יעלין איז געוואָרען ארעסטירט. דער אונגליקליכער האָט געמאָכט דעם איינדרוק פון א מענשען, וואָס געפינט זיך אין אַ איבערגאנגס־סטאדיום צווישען נאָרמאלער בעוואוסטזיניגקייט און וואהנזיניגער אפּאטישער מעלאָנ־כאָליע. ער האָט בערטע’ן קיין שום פראגע נישט געשטעלט, און אויף איהרע פראגען האָט ער געענטפערט קורץ, אויסווייכענד, אונגערן. בערטאס מיטטיילונג, אז זי און ראשענקע האָבען בעשלאָסען געהן מיט איהם אין זיין פערשיקונגס־אָרט, האָט ער אויסגעהערט גלייכ־גילטיג, נישט ארויסווייזענדיג דערביי די מינדעסטע איבערראשונג

אָדער צופרידענהייט, פונקט ווי דאָס, וואָס ער האָט געהערט, וואָלט פאַר איהם נישט געהאַט קיין שום וויכטיגע בעדייטונג. ערשט נאָך א צוויי־דריי מינוטען האָט זיין געזיכט אָנגענומען א שמערצהאַפטען אויסדרוק און ער האָט מיט זיין שוואַכען הייזעריגען קול, געזאָגט:

— זאָל ראשענקע בלייבען ביי סאָניא'ן אין פּאָלטאַווע...

דאָ איז ראשעל אויסגעבראָכען מיט א פערשטיקטען געוויין און האָט פיבערהאַפט געכאַפּט קושען דעם פאָטערס הענד מיט די קלינגענדע אייזערנע קייטען.

— ניין, טייערער! — האָט זי מיט א הערצרייסענדען קול אויסגעשריען — איך האָב דאָ מעהר קיינעם נישט... מיין אָרט איז נעבען אייך...

בערטא אָסיפּאָוונא האָט אויספערקויפט איהר האָב און גוטס. זי האָט געמאַכט צו געלד אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און אין א געוויסען פריה־מאָרגען האָט זי מיט דער טאָכטער פערלאָזט קיעוו צוזאַמען מיט א גרויסען טראַנספּאָרט ארעסטאַנטען, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען די איינגעהויקערטע פיגור פון מארק באָריסאָוויטש יעלין.

דער איבערגעגעבענער פרוי איז אָבער נישט בעשערט געווען אָנצוקוקען דעם אָרט, וואו זי האָט געזאָלט טיילען מיט איהר מאַן זיין מארטירערישען גורל, און, נאָך איידער זי האָט בעטרעטען די שוועל פון דעם נייעם לעבען, האָט זי זיך פון איהם און פון איהר ראשענקע אָבגעשיידעט אויף אייביג.

צווישען קראַסנאָיאַרסק און אירקוטסק איז דאָס געשעהן. אין איינעם פון די פערפעסטעטע עטאַפּען־באַראַקען איז בערטא אָסי־פּאָוונא אוועקגעפאַלען אויף אַ פלעקען־טיפוס, פון וועלכען זי איז אין א פערלויף פון דריי טעג ווי אין פייער פערברענט געוואָ־רען.

הערצרייסענד איז געווען צו זעהען, ווי דאָס יונגע פער'יתום'טע קינד און דער איינגעהויקערטער, אין קייטען געשמידטער, פּאָליטישער קאַטאָרזשניק זענען געפאַלען אויף דעם טויטען קערפּער פון דער אזוי טראַגיש און פריהצייטיג געשטאָרבענער העלדין. צום ערשטען מאָל זינט יענער פאַטאַלער נאַכט האָט זיך ביי דעם אונגליקליכען גע־

עפּענט דער קוואַל פון טרעהרען און ער האָט זיך צעוויינט ווי א קינד, און פון זיין ביטערען געוויין זענען געוועזן טיעף געריהרט נישט נאָר די איבריגע ארעסטאנטען פון דעם טראַנספּאָרט, נאָר אפילו די דויהע און גראָבהויטיגע סאָלדאטען, וואָס האָבען דעם טראַנספּאָרט בעוואכט.

האָט זיך ענדליך געעפּענט דער קוואַל, האָבען זיך שוין געגאָסען די טרעהרען אָהן אויפהער. שטיל האָבען זיי זיך געגאָסען פון די גראָהע איינגעגראָבענע אויגען: מיט די דאָזיגע שטילע טרעהרען האָט יעלין בענעצט ראשעלס האָר, ווען ער האָט צוגעדריקט איהר קאָפּ צו זיין איינגעפאלענער ברוסט. מיט די דאָזיגע שטילע טרעהרען האָט ער בענעצט די שווארצע ברויט־סוכארעס, מיט וועלכע ער האָט געשטילט זיין הונגער. מיט די דאָזיגע שטילע טרעהרען האָט ער בענעצט דעם לאנגען וועג ביז גאָראָדלא־גאדאטסקאָיא, אין גערטשינסקער בעצירק, וואו עס איז איהם בעשטימט געוואָרען צו ארבייטען די אכט יאָהר קאטאָרגע צוזאמען מיט אנדערע פּאָליטישע קאטאָרזשניקעס, מיט די דאָזיגע שטילע טרעהרען האָט ער בענעצט דורך די נעכט זיין הארטען געלעגער אין דעם גרויזאמען „טויטען־הויז“. מיט די דאָזיגע שטילע טרעהרען האָט ער בענעצט די פעלזען, האקענדיג זיי מיט'ן לאָם אין די פינסטערע אונטער־ערדישע גרובערייען העכער א יאָהר. מיט די דאָזיגע שטילע טרעהרען האָט ער זיך יעדען זונטאָג *געפּרעהט* מיט זיין ראשענקע, וועלכע האָט געוואוינט אין דער קאָלאָניע, אין וועלכער עס האָבען זיך בעזעצט די פאמיליעס פון די פּאָליטישע פערשיקטע, און מיט די דאָזיגע שטילע טרעהרען האָט ער ענדליך אויסגעוויינט זיינע אויגען, און זייער ליכט איז אויסגעלאָשען געוואָרען אויף אייביג...

די סאניטארע אונטערזוכונגס־קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אז דער פּאָליטישער קאטאָרזשניק מארק באָריסאָוויטש יעלין, איז אונהיילבאר בלינד געוואָרען, און לויט דער פעראָרדנונג פון פעטערבורג איז ער בעפרייט געוואָרען פון דער קאטארזשנע טורמע און איז אוועק אויף פּאָסעלעניע מיט ראשעלן אין דאָרף באיאן, וואו זיי האָבען זיך בעזעצט אין דער אויבענדערמאָהנטער יורטע, און אין דער דאָזיגער עלענדער, איינזאמער אָרימער יורטע אין געהיימניס

פאר זיינע נאָהענטע פריינד, האָט די לעצטע דריי וואָכן, וואָס זענען פאַרבראַכט דער איינציקער יורש פון דעם רייכן „קופּער־קעניג", וועמענס נאָמען איז די לעבנספולע, לוסטיקע און פּרעכטיקע „ווינטער־גאָרטן" איז זיין טיש געבליבן נישט בעזעצט, און די ציגאַנקאַ גלאַשאַ האָט בעצויבערט און בערוישט די געסט ווילדער און פרעה־ליכער ווי געוועהנליך, אַבוואָהל אָדער ריכטיגער געזאָגט, ווייל איהר האַרץ האָט געגאַנגט די אָבוועזנהייט פון איהר איינציג געליעבטן גרישאַ קאַלמאַר...

יעדן פאַרנאַכט פון די לעצטע דריי טעג האָט גריגאָרי סאַמוי־אילאָוויטש, פון קיינעם נישט בעמערקט, פערלאָזט דעם פּאַלאַץ, איז דורך דער הינטער־טהיר פון דעם גאָרטן אַרויס אויף דעם ברעג פון דער שילקאַ, וואו עס האָט שוין אויף איהם געוואַרט אין אַ מאָטאָר־שיפעל זיין טרייער לייב־דיענער, דער יונגער כינעזער סון־דזשון, פאַר וועלכן דער סוד פון זיין הערצן איז געווען הייליג, און אין אַ משך פון אַ שעה צייט איז דאָס שיפעל געבליבן שטעהן אין באַיאַן נישט ווייט פון דעם אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען די יורטע פון דעם בלינדן פּאַסעלעניעץ.

נישט איבעריג לאַנג האָט געדויערט גרישאַס בעזוך אין דער אָרימער יורטע, נור יעדעס מאָל האָט ער פערלאָזט די געסט פון די עלענדע פערוואָגעלטע אין אַ זונדערבאַרער, פאַר איהם אליין, אונ־בעגרייפליכער שטימונג. ער האָט זיך דעמאָלט געגוויטינט אין שטי־לער, אַבסאָלוטער איינזאַמקייט. האָט ער שטונדען־לאַנג שפּאַצירט אין שיפעל איבער דער שילקאַ אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אונטער דעם בלויען, מיט שטערן אויסגעפּלאַסטערטן הימעל, און ערשט שפּעט נאָך האַלבע נאַכט האָט ער זיך אומגעקעהרט אַהיים.

IV

אַנ'אַלטע געשיכטע

בעזונדערס לאַנג איז דאָס מאָטאָר־שיפעל געשוואומען איבער דער פּליסיגער אויבערפלעכע פון דעם רוהיג שטראָמענדן טייך נאָך

גרישאַס לעצטען בעזוך אין באיאָן. נישט לאַנג האָט דאָס מאָל גע־ווײלט אין דער איינזאַמער יורטע דער יונגער קאַלמאַר. דער בלינ־דער יעלין האָט זיך אין יענעם אָוונט נישט גוט געפֿילט. ער איז געווען נידערגעשלאָגענער ווי געוויינלעך. ער איז געזעסן מער קאָנצענטרירט אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען, זיין געזיכט האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אינערלעך געוויינט, נאָר פֿון זיי־נע אָפֿענע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך קיין טרערן נישט געגאָסן.

ראַשעל איז געווען פֿיל בלאַסער, שטיל־שווייגנדער. אויף איהר, שענעם, כמעט נאָך קינדישען געזיכט האָט זיך בעמערקט אַ געפֿיהל פֿון טיפֿען מיטלייד צום פֿאָטער, און פֿון צייט צו צייט האָט זיך פֿון איהר ברוסט, געגען איהר ווילן, אַרויסגעריסען אַ פֿערשטיק־טער זיפֿץ, און אויף גרישאַס פֿראַגע:

— איז מאַרק באַריסאָוויטש נישט קראַנק?

האָט ראַשעל קורץ געענטפֿערט:

— היינט איז מיין מוטערס יאָהרצייט...

גרישאַ האָט געפֿיהלט, אַז ער איז אַצינד אַ איבעריגער מענש אין דער יורטע, אַז זיין אַנוועזענהייט, ווי די אַנוועזענהייט פֿון אַ בלוט־פֿרעמדען, פֿערשוועכט די הייליגקייט פֿון דער טרויעריגער ער־אינערונג, און ער האָט נישט געוואָלט לאַנג בעלעסטיגען מיט זיין פֿערזאָן די ביידע אונגליקליכע. ער איז אין דער יורטע געזעסן אַ מינוט צוואַנציג, אין פֿערלויף פֿון וועלכע ער האָט זיך געווענדעט אַמאָל צום בלינדען און אַמאָל צו ראַשעל'ן מיט עפּעס אַ בעדייטונגס־לאָזען וואָרט, אויף וואָס יענע האָבן אונגערן געענטפֿערט, אָדער זיי האָבן גאָרנישט געענטפֿערט, אַזוי האָבן זיך פֿאַר איהם לאַנג און אונגעמיטליך געצויגען די מינוטען, ביז ער האָט זיך ענדליך גע־זעגענט און האָט פֿערלאָזט די יורטע.

ווען ער איז שוין געווען אָבגעגאַנגען עטליכע טריט פֿון דער יורטע, האָט ער פּלוצלינג דערהערט ווי מען רופֿט איהם שטיל:

— גריגאָרי סאַמויילאָוויטש!...

ער האָט אַ ציטער געטהאָן און האָט זיך אויסגעדרעהט צו דער

Worcester Free Public Library

זייט, פון וואנען דער קול האָט זיך דערטראָגען. דאָס האָט איהם גע־רופען ראשעל.

ראשעל איז צו איהם האסטיג צוגעלאָפען, זי האָט שטארק גע־דריקט זיין האנד און האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט אַ אויפגע־רעגטער, ציטערענדער שטים, נישט האָבענדיג די דרייסטיגקייט צו קוקען גראדע איהם אין געזיכט:

— איהר וועט מיר פערצייהען, גריגאָרי סאמואילאָוויטש... איך האָב צו אייך אַ ביטע...

גריגאָרי סאמואילאָוויטש האָט געפיהלט, ווי דאָס הארץ האָט זיך אָנגעהויבען פּשוט פירכטערליך ווארפען אין זיין ברוסט, און ער האָט קוים בעוויזען צו פרעגען:

— אַ ביטע?...

— יאָ גריגאָרי סאמואילאָוויטש, — האָט געענטפערט די זעל־בע אויפגערעגטע שטים: — איך וויל אייך בעטען, איהר זאָלט אונז מעהר נישט בעזוכען...

א פּאָר סעקונדען איז גרישא געשטאנען אַ בעטויבטער, ווי פון א דונער געטראָפען, און ער האָט געמוזט אָנווענדען אלע זיינע קרעפטען אום זיך צו בעהערשען, און אויף וויפיעל עס איז מעגליך רוהיג און קאלטבלוטיג ענטפערען:

— גוט, ראשעל מארקאָוונא...

ווי מיט אונטערגעהאקטע פיס איז גרישא געגאנגען צום אָרט, וואו סון־דזשון האָט אויף איהם געוואַרט מיט'ן מאָטאָר־שיפעל, און אָבפאָהרענדיג צו דער ריכטונג צו סריעטיענסק האָט ער נאָך לאנג געזעהען שטעהען פאר דער איינזאמער יורטע דעם סילועט פון דעם וועזען, וואָס ער האָט ערשט מיט א קורצער צייט צוריק קענען גע־לערענט, וואָס איז אין זיינע אויגען אויסגעוואקסען צו אַ אידעאל פון אַ מערכענהאפטער העלדין, און וואָס עס האָט מיט אַ איבער־מענשליכער קראפט געצויגען צו זיך זיין הארץ, זיינע געפיהלען און אלע זיינע געדאנקען.

— פּאָהר לאנגזאם, סון־דזשון. — האָט גרישא זיך ווי געבעטען ביי זיין איבערגעגעבענעם כינעזער. — לאנג, לאנג וויל איך זיין אין דער שטילער איינזאמקייט.

— גוט — האָט דער כינעזער געענטפערט, און דאָס שיפעל האָט זיך קוים געגליטשט פאָרווערטס און האָט שטיל דורכגעשניטען דאָס דונקעל־גרינע וואסער, אין וועלכען עס האָט זיך אָבגעשפיגעלט דער הימעל מיט די מיליאָרדען פונקעלנדע ליכטער, ווי אויך די צווייגען פון די אָרומיגע בוימער.

לאנג איז גרישא קאָלמאר געזעסען פערזונקען אין זיינע געדאנקען. דאָס זענען נישט געווען קיין געדאנקען פון א ביטערער ענטטוישונג, דאָס עס זענען געווען געדאנקען פון א זיסען, אָבער הארץ נאָגענדען קומער. ראשעל'ס לעצטע ביטע, ער זאָל זיי מעהר נישט בעזוכען, איז נישט ארויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַ טאָן פון קאלטער, רויהער גלייכגילטיגקייט, אָ, ניין. אָט די ביטע האָט געקלונגען, און קלינגט נאָך אלץ כסדר אין זיינע אויערען, ווי אַ נייער רינג אין דער שווערער קייט פון איהרע זעלבסט־אויפאָפפערונג. אָט אין דער ביטע איהרער פיהלט ער, אז ראשעל איז צו איהם נישט גלייכגילטיג, ער פיהלט, אז איהר איידעל הארץ שלאָגט פול ליעבע צו איהם, און דאָך... און דאָך מוז ער ערפילען איהר ביטע און מעהר נישט בעטרעטען די שוועל פון דעם אָרימען נעסט, אין וועלכען זי לעבט און ליידט...

גרישא'ן איז געוואָרען פלוצלינג שטיקענד. ענג אין דער טויטשטילער, פרייער לופט. ער איז פלוצלינג געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ער איז גאָר קיינמאָל נישט אמת גליקליך געווען, אז זיין לוסטיג, זאָרגלאָז און פערשווענדעריש יונג לעבען ביז איצט איז געווען פוסט, לעער, אָהן א שום אינהאלט, אָהן א שום אידעאל, אָהן אַ שום ציעל. מיט א פאלשען גלאנץ, מיט אַ פאלשען בעגריף וועגען גליק, און אז דאָס אמת'ע גליק האָט ער דאָ ערשט נישט לאנג בעגעגענט, און אז דאָס דאָזיגע גליק בעוועגט זיך צווישען די גרויע קיילעכדיקע ווענד פון דער נידעריגער אָרימער יורטע, און אז דאָס דאָזיגע גליק שטויסט איהם אָב פון זיך, ווייל עס געהער צו אנדערען... אך, ווי שווער איהם איז אויפ'ן הארצען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען איז פאר איהם עטוואָס נישט ערדייכבאר, און דוקא אזוינס, נאָך וואָס ער שטרעבט מיט לייב און זעלע, מיט אלע חושים, מיט זיין גאנצען וועזען...

און גרישא האָט דערפיהלט דאָס דריקענדע בערערפניש דער־צעהלען, רעדען, אויסגיסען דאָס הארץ, און א בליצען־געדאנק איז פּלוצלינג ענטשטאנען אין זיין מוח:

— גלאשא!... פאר איהר וועל איך ענטפּלעקען מיין קומער... זי ליעבט מיך... זי וועט מיך פערשטעהן... זי וועט מיר פערצייהען און טרייסטען...

און אויגענבליקליך האָט ער דערפיהלט, ווי דאָס בלוט האָט איהם א שלאָג געטהון אין מוח, אין געזיכט, פאר שאנדע, פאר פערדרוס... ווי אזוי קומט איהם אויף די געדאנקען דער נאָמען פון דער ציגיינערין, פון דער קאבארעטען־טענצערין, בעת זיין גאנץ וועזען איז פול מיט ליעבע און אכטונג צו דער ערהאבענער און רייגער, כמעט הייליגער, געטליכער ראשעל?...

און דאָך האָבען זיך אין זיין קאָפּ געפּלאָנטערט די נעמען „ראשעל" און „גלאשא". און דאָך האָט ער געפיהלט, אז אויך גלאשא איז איהם נאָהנט, אז אויך זי פערנעהמט א ווינקעלע אין זיין הארץ, און אז אויך צו איהר ציהט איהם עפּעס העכערעס, עטוואָס פייגערעס ווי קערפּערליכע ליידענשאפט...

די זילבער־העלע לבנה איז שוין געשטאנען אין רעכטען מיטען הימעל, ווען דאָס מאָטאָר־שיפעל האָט זיך בעפעסטיגט אין קאָלמאר'ס בוכטע ביים ברעג און גרישא איז דורך דער זעלבער הינטער־מהיר אריין אין זייער גאָרטען.

דער גאנצער פּאלאַץ איז שוין לאנג געזונקען אין טיעפען שלאָף. אין אלע פענסטער איז געווען שטאָק־פינסטער. די בלאסע שטראַהלען פון דער לבנה, וואָס האָבען זיך דאָ און דאָרט דורכגעגנב'עט דורך די געדיכטע צווייגען פון די ארומיגע בוימער, האָבען זיך שטיפעריש אָבגעשפּיגעלט אין די קרישטאל־קלאָרע שויבען. נאָר צוויי פענסטער זענען געווען ־פון אינעווייניג העל בעלויכטען — דאָס זענען געווען די פענסטער פון דעם ביבליאָטעק־צימער.

גרישא איז געבליבען שטעהן אויף אפּאָר סעקונדען, בעמערקענדיג די צוויי בעלויכטענע פענסטער, און האָט אונרוהיג געפרעגט ביי זיך:

— דער טאטע שלאָפט נאָך נישט?... אזוי שפּעט?...

ווי א פייל פון בויגען איז ער אריינגעלאָפען אין פּאַלאַץ און איז באַלד אריין אין דעם ביבליאָטעק־צימער.

— דו שלאָפסט נאָך נישט פאָטער? — האָט גרישא פערוואונדערט געפרעגט און האָט מיט א בעזונדערער צערטליכקייט געכאפט קושען דעם פאָטערס האנד.

— איך האָב געוואַרט אויף דיר, — האָט סאמואיל לאזארעוויטש געזאָגט זאנפט, קושענדיג גרישא'ס איינגעבויגענעם קאָפּ. — איך האָב שוין אָנגעהויבען ווערען אונרוהיג. שוין דריי אָוועגדען ווייס איך נישט, וואו דו פערברענגסט, מיט וועמען דו פערברענגסט? נו, איז מיין הארץ שוין נישט רוהיג...

אנשטאָט אנ'ענטפער איז גרישא צוגעפאלען מיט'ן קאָפּ צום פאָטערס ברוסט און האָט זיך שטיל פונאנדערגעוויינט.

סאמואיל לאזארעוויטש איז געזעסען אונבעוועגליך. זיין געזיכט האָט בעדעקט א לייכטע בלאסקייט, ער האָט צערטליך געגלעט די ווייכע, זיידענע האָר אויף גרישא'ס קאָפּ און האָט געזאָגט מיט א קול, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט א בערוהיגענדע פאָטערליכע זאָרגפעלטיגקייט:

— וויין, ליעב קינד. וויין זיך אויס, וועט דיר לייכטער ווערען. טרעהרען לינדערן אונזער אינערליכען שמערץ. טרעהרען שווייגען אָפּט אָב דעם שטיין, וואָס דריקט אונזער ברוסט... נור, קינד מיינס, טאָמער איז דיין געוויסען פערפלעקט, וועלען עס קיין טייכען טרעהרען נישט אָבוואשען...

גרישא האָט מיטאמאָל אויפגעהערט וויינען, ער האָט הויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, ער האָט אָנגעשטעלט די פערוויינטע אויגען אויף דעם פאָטערס געזיכט און האָט מיט א פעסטען שטאָלצען טאָן געענטפערט:

— ניין, פאָטער. דיין זוהן איז קיין שום געמיינהייט נישט בעגאנגען. מיין געוויסען איז ריין, נור מיין הארץ איז פערוואונדעט, צובראָכען...

צווישען דעם טאטען און דעם זוהן איז ענטשטאַנען א פייערליכע שטילקייט, אין פערלויף פון וועלכער דער „קופּער־קעניג" האָט

געקוקט אויף זיין בן־יחיד מיט פֿאַרשענדע און מיטלײדפולע אױ־גען.

לאַנג האָט די שטילקייט נישט געהערשט. גרישא האָט זיך אַראָב־געלאָזט אויף דעם שניי־ווייסען האָריגען פעל פון דעם נאָרד־בער, וואָס איז געלעגען אויסגעשפרייט אויף דעם טייערען בונטען טעפּיך פאַר דער קושעטקע, אויף וועלכער סאַמואיל לאַזאַרעוויטש איז געזעסען אין זיין זיידענעם שלאָפראָק. ער האָט אוועקגעלעגט זיין שענעם קאָפּ אויף דעם פאָטערס קניע און האָט זיך אָנגערופען מיט אַ ווייכער, כמעט קינדישער שטים:

— ערלויב מיר, פאָטער, לאָז מיר אַזוי זיצען נעבען דײנע פיס, אַזוי ווי אַ מ אָ ל, אַ מ אָ ל... אין מיין לאַנג פערגאַנגענער קינדהייט...

— דערצעהל, גרישענקא. דערצעהל, מיין איינציגער טרייסט,— האָט דער טיעף געריהרטער פאָטער געזאָגט, גלעטענדיג גרישענקא'ס קאָפּ, אַזוי ווי אַ מ אָ ל, אַ מ אָ ל... אין זיין לאַנג פערגאַנגענער קינדהייט...

— די לעצטע טעג, — האָט גרישא אָנגעהויבען מיט דער זעלבער צאַרטער שטים. די לעצטע טעג האָב איך געהאָפט, האָב איך געגלויבט, אַז דאָס אמת'ע גליק האָט פאַר מיר אָנגעהויבען שיינען מיט זיין פולען גלאַנץ, אַז גיך־גיך וועל איך דיר פאָרשטעלען דיין טאָכטער אין געשטאַלט פון מיין הערליכער, רייצענדער אַלערליב־סטער... דו וועסט אונז פעראייניגען אויף אייביג מיט דיין ברכה, און אונזער הויז וועט ווערען פול לעבען, פרייד, האַרמאָניע, ליבע... האָט מיר אָבער די האָפנונג געטוישט, פאָטער...

— דאַרף איך פרעגען, ווער ז י איז?

— זי איז אַ היילינע, פאָטער... זי איז אַ פרייוויליגע מאַרטי־רערין...

אין צימער איז ווידער ענטשטאַנען אַ שטילשווייגען אויף אַ געוויסע ווײלע, נאָך וועלכער גרישא איז האַסטיג אויפגעשטאַנען, זיין געזיכט איז געוואָרען הייטערער, מוטיגער. ער האָט פערדרוי־בערט אַ פּאַפּיראָס, ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין פאָטעל ענטגעגען דעם פאָטער און האָט אָנגעהויבען:

— מיט א צוויי וואָכען צוריק איז דאָס געווען. איך בין גע־זעסען אין קאבינעט ביי דעם דירעקטאָר פון דעם ענגלישען קאָנסאָר־ציום, וואָס בעארבייט אונזערע גרובעריייען, מיסטער עריקטאָן, און האָט מיט איהם אונטערהאנדעלט וועגען דעם, אז די העלפט פון דעם פאכט־געלד זאָל אונז אויסגעצאָהלט ווערען מיט אקציעס פון דער געזעלשאפט. דערווייל איז אריינגעקומען מיסטער עריקטאָנ׳ס סעק־רעטאר און האָט איהם געמאָלדען, אז עפּעס א דאמע פערלאנגט מיט איהם פּערזענליך צו רעדען.

— „אין וועלכער אַנגעלעגענהייט?״ — האָט מיסטער עריק־טאָן געפרעגט.

— „דאָס וויל זי אייך פּערזענליך ערקלערען, סער״.

— „זאָל זי אריינקומען. און איהר וועט מיר ענטשולדיגען, גריגאָרי סאמואילאָוויטש. מיר, ענגלענדער, בעציהען זיך פּעדאנטיש סובטעל צו דאמען־עהרע.

— בעדארף איך אפשר זיך דערווייטערען?״ — האָב איך געפרעגט.

— „אָ, ניין. סיידען ווען די דאמע וועט עס פערלאנגען״.

— דער סעקרעטאר איז ארויס פון קאבינעט, און באלד איז אריינגעקומען א יונגע פריילין, בעשיידען, אָרים, אָבער זויבער און געשמאקפול געקליידעט.

— „מיט וועמען האָב איך די עהרע?״ — האָט דער דירעקט־טאָר העפליך געפרעגט, אויפשטעהענדיג פון פאָטעל.

— דאָס פריילין איז א אויגענבליק געשטאנען אין פערלעגענ־הייט, זי האָט זיך אָבער שנעל בעהערשט און האָט זיך פאָרגע־שטעלט:

— „יעלין. ראשעל מארקאָווונא יעלין״.

— „זעהר אַנגענעהם. איך בין עריקטאָן. רזשעמס עריקטאָן. און אָט דער דזשענטעלמען איז מיסטער קאָלמאר. גריגאָרי סאמו־אילאָוויטש. ביטע, מיס דזשעלין, נעהמט פּלאץ. מיט וואָס קאָן איך אייך נוצליך זיין?״

פריילין יעלין האָט געמאכט אין מיין זייט א גראציעזע פער־נייגונג און האָט גענומען פּלאץ אויף דער אָנגעוויזענער שטוהל.

— „שטערט אייך פיליכט דער מיסטער קאָלמאר?“ — האָט עריקטאָן געפרעגט.

— „אָ, ניין, סער“ — האָט מים יעלין געענטפערט אויף ענגליש. — מיין ביטע איז, צו בעקומען וועלכע ס'איז בעשעפטיגונג אין אייער ביוראָ. איך בעזיץ די ענגלישע שפראך אין וואָרט און שריפט. איך בעזיץ אויך אנדערע אייראָפּעאישע שפּראכען.

— „בעדארף איך פרעגען, ווער איהר זענט? פון וואנען איהר זענט? ענטשולדיגט מיר, מים דזשעלין.“

— „איך בין א טאָכטער פון א פּאָליטישען קאטאָרזשניק. געבוירען בין איך אין זיד־רוסלאנד, אין כארקאָוו. אָבארבייטענדיג א יאָהר קאטאָרגע אין גאדא־בלאנאדאטסקאיא, איז מיין פּאָטער בלינד געוואָרען. ער איז מעהר נישט געווען פעהיג צו ארבייטען, און איז דעריבער ארויס פון דער טורמע אויף פּאָסעליעניע אין דארף באיאן.

„— און איהר זענט פרייוויליג מיטגעגאנגען קיין סיביר?“

„— יאָ, סער, מיין מוטער און איך. מיין מוטער איז אין מיטען וועג געשטאָרבען“...

„— ווי לאנג וואוינט איהר איז בערזשען?“

„— זייט צעהן מאָנאטען“.

„— וועלכע מיטלען האָט איהר געהאַט צום לעבען אין די צעהן מאָנאטען?“

„— מיר האָבען פון דער היים מיטגעבראכט א געוויסע סומע געלד, נו, און די זעקס רובעל, וואָס מיר בעקומען מאָנאטליך פון דער פּאָליציי. שוין א פּאָר וואָכען אָבער, ווי אונזער געלד איז אויסגעגאנגען, קומט אונז אוים צו לעבען נאָר מיט די קארגע זעקס רובל א חודש...“

— איך האָב געשטויגט, צוזעהענדיג, מיט וועלכער אייגענטליכער קאלטבלוטיגקייט דער ענגלענדער האָט אויסגעפרעגט און אויסגעהערט די אָרימע יונגע פּערזאָן, וועהרענד איך בין געווען טיעף גערירט פון איהר קורצער, טרויעריגער ערקלערונג. און האָב געפיהלט. ווי דאָס בלוט אין מיינע אָדערען קאָכט און פריערט.

„— יעס, מים דזשעלין, — האָט זיך דער דירעקטאָר אָנגע־

רופען, נאָכדענקענדיג א געוויסע ווײַלע. — איהר וועט מיר אזוי גוט זיין ארײַנשיקען א אייגענהענדיג, אָנגעשריבענע אפּערטע און אָנגעגעבען רעפערענצען. פּאַרלויפיג זענען ביי אונז אלע פּלעצער בעזעצט. מגליך אז מיט דער צייט וועט זיך מאכען עפּעס א פרייער פּלאַץ, וועט איהר זיין די ערשטע קאנדידאטין".

— איך האָב בעמערקט, ווי די פארב האָט זיך געביטען אין איהר שענעם אינטעליגענטען, פערזאָרגטען געזיכט, נאָך דעם קאָל־טען טרוקענעם ענטפער פון דעם ענגלישען דזשענטעלמען, און אין איהרע אויגען האָבען אָנגעהויבען גלאנצען טרעהרען, וועלכע זי האָט זיך בעמיהט צו דערשטיקען. זי איז שנעל אויפגעשטאנען פון דער שטוהל. זי האָט קורץ, מיט א שטאָלצער שטים געזאָגט:

„— עסקיוז מי, אָדיו".

— זי האָט געמאכט א לייכטע פערנייגונג און האָט שנעל פער־לאָזט דעם קאבינעט. א פּאָר מינוט בין איך געזעסען פערווירט אונ־טער דעם שווערען איינדרוק פון דעם, וואָס איך האָב געהערט: עריק־טאָן האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט ווערטער, נאָר איך האָב נישט געהערט און נישט פערשטאנען, וועגען וואָס ער האָט גערעדט. מיין פעראינטערעסירונג מיט דער לאגע פון דעם אונבעקאנטען בלינדען פּאַסעליעניעץ מיט זיין שענער יונגער טאָכטער איז געווען אזוי גרויס, אז איך האָב זיך נישט געפיהלט פעהיג צו פיהרען ווייטער מיט דעם דירעקטאָר אונזער אונטערהאנדלונג. איך האָב זיך דעריבער באלד געזעגענט מיט איהם און האָב זיך געלאָזט שנעל געהן אין דער ריכטונג צום וואָקזאל מיט דער השערה, אז זי איז אוועק צום צוג, וואָס בעדארף אָבגעהן אין א שעה ארום נאָך באַיאן, און אז איך וועל זי אָניאָגען אויף דעם וועג, אָדער איך וועל זי טרעפען אויפ'ן וואָק־זאל...

— איך האָב קיין טעות נישט געהאט. איך האָב זי געטראָפען שטעהענדיג אויף דעם ברעג פון דער שילקא. זי האָט געוואַרט אויף דעם אָנקומען פון פּלאשקאָט, אויף וועלכען זי זאָל אריבערפאָהרען צום צווייטען ברעג, וואו עס געפינט זיך דער וואָקזאל.

„— ראשעל מארקאָווגאַ — האָב איך זיך שטיל אָנגע־רופען, ווען איך בין שוין געשטאנען הינטער איהר. — מאַדעמואַזעל יעלין".

— ראשעל מאַרקאָווגא האָט אויפגעציטערט. זי האָט האסטיג אויסגעווישט איהרע אויגען און האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ אין מיין זייט.

„— אך, דאָס זענט איהר, גריגאָרי סאמואילאָוויטש? — האָט זי געפרעגט פערוואונדערט, נישט אויפהויבענדיג אויף מיר איהרע פערוויינטע אויגען. — איהר בעדאַרפט אויך צום צוג?"

„— ניין, מאַדעמואזעל. איך וואוין דאָ, אין סריעטיענסק..."

— זי האָט אויף מיר אָנגעשטעלט איהרע אויגען מיט א פּאָר־שענדען בליק, אין וועלכען איך האָב ארויסגעלייענט די פראגען:

„— אויב איהר דארפט נישט צום צוג, טאָ וואָס טהוט איהר דאָ, הינטער דער שטאָדט?"

„— מאַדעמואזעל יעלין, — האָב איך זיך אָבגערופען, ווי ענטפערענדיג אויף איהר שטומע פראגע, — פאַר אייך איז געווים וויכטיג צו זיין וואָס גיכער אין באַיאן?"

„— גאַנץ בעשטימט, מוסיו קאָלמאר. מיין... קראנקער פאָ־טער איז איינער אליין אין אונזער איינזאמער יורטע..."

„— מיט'ן צוג וועט איהר ערשט אין א דריי שעה ארום אָנ־קומען קיין באַיאן."

„— איך ווייס, מוסיו קאָלמאר. א ברירה האָב איך?"

„— אויב איהר ווילט, קאָנט איהר אָנקומען א היים העכסטענס אין פערלויף פון א שעה."

— זי האָט מיך אָנגעקוקט עטליכע סעקונדען פערדעכטיג.

„— ווי איז דאָס מעגליך?..."

— מיין יונג, א כינעזער, וועט אייך אָבפיהרען מיט דער שילקאָ אויף מיין מאָטאָר־שיפעל.

— זי האָט מיר ווידער אָנגעקוקט א ווײלע פערדעכטיג. נאָך דער אויסדרוק פון מיין געזיכט, און דער טאָן, מיט וועלכען איך האָב איהר דעם פאָרשלאָג געמאכט, האָבען משמעות ארויסגערופען איהר צוטרוי צו מיר און זי האָט געזאָגט:

„— אויב דאָס וועט אייך נישט מאכען קיין אומשטענדען, וואָלט איך אייך זעהר דאנקבאר געווען... מיין אָרימער טאטע זיצט

נעביך איינער אליין. קאָן איך אָבער רוהיג פאָהרען מיט אייער כי־נעזער?...

„— אָ, ראשעל מארקאָוונא, ווי אמרוהיגסטען. די כינעזער בכלל זענען גוטמוטיגע, ערגעבענע לייט, און מיין סון־דזשון איז ממש ווי א געטרייער הונד... סטיאָפּאַ! — האָב איך א געשריי געטהון צו איינעם פון די פלאשקאטניקעס, לויף שנעל און זאָג סון־דזשון'ען ער זאָל זאָפאָרט אהער צופאָהרען מיט'ן מאָטאָר־שיפעל...

„— איך וועל אייך זעהר, זעהר דאנקבאר זיין, גריגאָרי סאַ־מואילאָוויטש", — האָט מאדעמואזעל יעלין זיך אָנגערופען און האָט מיר אויסגעשטרעקט איהר מארמאָר־ווייסע צארטע האנד, וועל־כע איך האָב מיט רעספּעקט געדריקט און קוים־קוים בעריהרט מיט מיינע ליפּען.

— עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט איז סון־דזשון אָנגעפאָהרען. איך האָב מיינע נייע בעקאנטע אריינגעפיהרט אין שי־פעל. מיר האָבען זיך פריינדליך פעראָבשיידעט. איך האָב אָנגעזאָגט דעם כינעזער, ער זאָל פיהרען דאָס שיפעל מיט דער „גאנצער פארע", אָבער זעהר פאָרזיכטיג, און ער זאָל זיך אָבשטעלען ביים ברעג אין באיאן, דאָרט, וואו די „מאדאם" וועט איהם אָנווייזען. איך האָב זיך נאָך אמאָל פערנייגט פאר פריילין יעלין, און האָב גענומען אויסשטיי־גען אויפ'ן ברעג. פלוצלינג האָט דאָס פריילין אָנגערופען מיין נאָמען. איך בין געבליבען שטעהן ביים באָרט פון דעם שיפעל און האָב זיך אויסגעדרעהט צו איהר מיט'ן געזיכט.

„— איך הער, ראשעל מארקאָוונא, — האָב איך זיך אָבגעג־רופען און האָב דערפיהלט, ווי דאָס הארץ האָט אָנגעהויבען מאָדנע אין מיר צו שלאָגען...

„— איך האָב אייך געוואָלט פרעגען, וואוהין וועט איהר געהן פון דאנען?... דאָס הייסט, צי האָט איהר אצינד גענוג פרייע צייט"...

„— איך בין שטענדיג דער הערר פון מיין צייט", — האָב איך געענטפערט, און דאָס הארץ האָט אָנגעהויבען האסטיגער צו קלאפּען.

„— קאָנט איהר נישט מיט אונז מיטפאָהרען ביז באָיאן?...
איך וואָלט זיין רוהיגער"...
„— מיט פערגעניגען וועל איך מאכען דעם שפאציר, מאַ־דמואזעל". — האָב איך געענטפערט, און האָב זיך געזעצט אויף א טאבורעט געגענאיבער דעם פאָטעל, אויף וועלכען זי איז געזע־סען.
— סון־דזשון האָט געבראכט אין בעוועגונג די גאנצע ענער־גיע פון דעם מאָטאָר, דאָס שיפעל איז אוועק אין וועג מיט דעם גאנ־צען אימפעט און נאָך עטליכע מינוט איז די שטאָדט מיט איהרע הייזער פערשוואונדען געוואָרען פון אונזערע אויגען.
„— פאָהרט ער נישט צו שנעל?" — האָב איך געפרעגט פריילין יעלין.
„— אביסעל צו שנעל. איך האָב מורא פאר קאָפּ־שווינ־דעל"...
— סון־דזשון האָט פערקלענערט די שנעלקייט.
„— גריגאָרי סאמואילאָוויטש, — האָט זי זיך צו מיר געווענ־דעט נאָך א געוויסען שטילשווייגען, — וואָס אייגענטליך האָט אייך בעוואויגען צו דעם שריט?... דאָס הייסט, מיר נאָכגעהן און מיר בע־ווייזען אזוי פיעל ליעבענסווירדיגקייט?.
„— מיך האָט דערצו בעוואויגען מיין מענשליך געפיהל, מיין מענשליכע פליכט, מיין, אזוי צו זאָגען, סיביריש־אידישע נאטור... זענען מיר דאָך נישט קיין ענגלענדער, וואָס פערטיגען זיך אָב „העפ־ליך און קאלטבלוטיג"...
„— איז דער ענגלענדער אייער גוטער בעקאנטער?"
„— ער איז דירעקטאָר און מיטגליעד פון דער געזעלשאפט, וואָס האלט אין ארענדע אונזערע קופער־גרובען.
„— זענט איהר דאָס דער זוהן פון דעם „קופער־קעניג"?
„— יאָ, ראשעל מארקאָוונא. דער איינציגער זוהן", — האָב איך בלומרשט גלייכגילטיג געענטפערט און איך האָב בעמערקט, ווי א לייכטע רויטליכקייט איז ארויסגעטרעטען אויף איהר בעחנ'ט געזיכט.
— איך האָב בעמערקט, איך האָב געפיהלט, אז דער צוטרוי־

צו מיין פערזאָן שטייגט פון מינוט צו מינוט, זי איז געוואָרען אָפענהערציג און האָט מיר אין קורצען דערצעהלט די טראגעדיע פון איהר פאמיליע... א שווערע, א ערשיטערנדע טראגעדיע... איהר פאָטער איז פערזאָרטיילט א אונשולדיגער. א סטודענט, וועלכען זי האָט געליעבט און מיט וועלכען זי איז שוין געווען פערלאָבט, איז פערזאָרטיילט געוואָרען צו טויט־שטראַף, און זי וויים נישט, צי דער טויט־אורטייל איז אויסגעפיהרט געוואָרען, צי ער איז אפשר איהם פערביטען געוואָרען אויף לאנג־יעהריגע קאטאָרגע... איהר מוטער איז געשטאָרבען אין איינעם פון די עטאפען־הייזער... איהר פאָטער איז אין דער קאטאָרגע בלינד געוואָרען, און אזוי לעבט זי מיט דעם אומגליקליכען אין מאנגעל און נויט אין דער הושכ׳דיגער יורטע אין באיאן...

גריגאָרי סאמואילאָוויטש איז שטיל געבליבען. טרעהרען פון אויפרעגונג און מיטלייד האָבען דערשטיקט זיין שטימע און ער האָט נישט געקאָנט רעדען.

סאמואיל לאזאראָוויטש האָט זיך מיט קיין איין וואָרט נישט אָבגערופען. מיט דער טיעפסטער אויפמערקזאמקייט האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס גרישא האָט איהם דערצעהלט, און מיט א טאקטפולער געדולד האָט ער געשוויגען און געווארט, ביז גרישא וועט ענדיגען זיין השתפכות־הנפש.

נאָך א קורצער פויזע האָט גרישא ווייטער דערצעהלט:

— אין מיר האָט געברענט דער ווילען, דער געדאנק: פאָרלע־גען איהר אלס „הלוואה״ א גרעסערע סומע געלד „ביז זי וועט בעקומען א ענטשפרעכענדע בעשעפטיגונג...״ איך האָב אָבער דעם מוט נישט געהאט. איהר בליק, איהר געזיכט, איהר ארט רעדען, איהר גאנצע האלטונג זענען געווען פול מאיעסטעטישען שטאָלץ, וועלכער איז אזוי אייגענטימליך, אזוי נאטירליך ביי אונשולדיגע מערטירער, און דער דאָזיגער שטאָלץ האָט מיר ענטוואָפענט, און איך האָב נישט געוואגט ארויסצוברענגען פון מיין מויל דאָס, וואָס מיין הארץ האָט געגארט... איך האָב מורא געהאט, אז מיין פאָרשלאג וועט בעליידיגען איהר געפיהל פון זעלבסטווירדע און וועט איהר פערשא־פען א מאָראלען שמערץ...

— ענדליך זענען מיר צוגעשטאנען צום ברעג אין באַיאַן. א צוואַנציג קלאַפטער ווייט פון דעם אָרט, וואו מיר זענען געבליבען שטעהן, געפינט זיך אַנ'אַלטע טיעף אין דער ערד איינגעגראָבענע יור־טע. אין דרויסען, אויף דער פּריזבע, וואָס ביי דער יורטע, איז געזעסען אַנ'אָרים־געקליידעטער, ווילד־בעוואַקסענער מאַן פון א יאָהר זעכציג מיט ברייט־אָפענע אויסגעשטאַרטע אויגען.

„— מיין אָרימער פאָטער, — האָט זיך אָנגערופען די יונגע העלדין מיט א זיסען שמייכעל, אָנווייזענדיג מיר אויף דעם מאַן ביי דער יורטע. — ער וואַרט שוין אָב מיט אונגעדולד זיין „ראשענ־קע"... צום ווידערזעהן, בעסטער מוסיו קאָלמאַר... פאַר אייער טרחה בעצאָהל איך אייך נישט מיט א באנאַלען „איך דאַנק", — האָט זי צוגעגעבען שטיפעריש און האָט היים געדהיקט מיין האַנד, פונקט ווי איך וואָלט זיין איהרער אַנ'אַלטער גוטער פריינד.

„—בעדאַרף איך אייך בעזוכען, ראשעל מאַרקאָוונאַ?... האָב איך נישט דרייסט געפרעגט, צוטראַגענדיג איהר האַנד צו מיינע ליפּען.

— אונז בעזוכען?... אַט אין דער חורבה?... אויב דאָס קאָן אייך פערשאַפען פערגעניגען — ביטע זעהר", — האָט זי געענטפערט. און, געשיקט און פלינק, ווי א יונגע, גראַציעזע גאַ־זעלע, איז זי אַרויסגעשפּרונגען אויפ'ן ברעג און געלאָפען צו דער יורטע.

— אין משך פון דריי טעג נאָך אונזער ערשטער בעקאַנט־שאַפט האָב איך אַנאַליזירט און דורכגעטראַכט דאָס געפיהל, וואָס די דאָזיגע צופעליגע בעקאַנטשאַפט האָט מיט אַזאַ קראַפט אַרויס־גערופען אין מיין האַרץ, און איך בין געקומען צו דער איבער־צייגונג, אַז דאָס איז דאָס געפיהל פון טיעפער, און אונבעזיעגבאַרער ליעבע...

און, מערקווירדיג, פאָטער. אין דער זעלבער צייט האָט מיר ווידער אַ צווייטע קראַפט געצווינגען צו דער ציגיינערין גלאַשאַ, און איך בין יעדען אָוועגד געלאָפען אין „אַרקאַדיאַ" הערען איהר גע־זאַנג, פערנעהמען איהר ווילדען געלעכטער, זעהען איהר צויבער־האַפטע געשטאַלט, פערברענגען מיט איר ביי איין טיש ביז שפּעט

אין דער נאכט און אָנזעטיגען זיך מיט איהר צערטליכקייט, מיט איהרע גוטע, גינסטיגע ווערטער...

— קומענדיג אהיים פון „ארקאדיא״, בין איך נאָך לאנג געלעגען אויף מיין געלעגער און האָב נישט געקאָנט איינשלאָפען. אין מיין מוח איז געווען א כאאָס, א ווירוואר, און מיך האט גע־קוועלט די פראגע:

„— וואס קומט דאָ מיט מיר פאָר?... שוין־זשע געפין איך זיך צווישען צוויי פייערען?... שוין־זשע בין איך פערליעבט אין דיביידע פרויען אויף איינמאָל?״

— ענדליך בין איך געקומען צו דעם אויספיהר, אז צו גלא־שא׳ן ציהט מיר א מין געפיהל פון דאנקבארקייט, ווי צו א צערט־ליכער, געטרייער און ליעבענדער שוועסטער, אָבוואָהל איך האָב קיינמאָל אין לעבען אזא געפיהל נישט געהאט... איך בין געקומען צו דער מסקנא, אז מיין געפיהל צו דער ציגיינערין איז נישט מעהר ווי א שוואכער אָבקלאנג פון איהר פייערדיגער, עקזאָטישער ליע־בע צו מיר, ווערענד מיין נייע בעקאנטע ליעב איך מיט׳ן גאנ־צען ברען, אזוי ווי מען ליעבט א אויסגעטרוימטע פרוי, מיט וועל־כער מען קאָן גליקליך זיין דאָס גאנצע לעבען.

— נאָך דעם ווי איך האָב אזוי ארום פעסטגעשטעלט מיין זעעלען־צושטאנד, האָב איך בעשלאָסען האנדלען ווי א סיביריאק דאָס הייסט, נישט מאכען קיין שהיות, נישט שפיעלען זיך אין שלאָפלאָזע נעכט מיט זיפצען און פאנטאזירען, נאָר פאָהרען קיין באיאן, איהר זיך ערקלערען אין ליעבע און בעטען איהר האנד.

— און איך האָב אזוי געטוהן. דער פינפטער טאָג פון אונ־זער בעקאנטשאפט איז דאָס געווען. זי האָט מיר אויסגעהערט רו־היג, זי איז פון מיין ליעבעס־ערקלערונג נישט געוואָרען איבערראשט, פונקט ווי דאָס וואָלט פאָר איהר נישט געקומען אונערוואַרטעט. זי האָט געלאָזט מיר זיך אויסרעדען ביז צום לעצטען וואָרט. און זוען איך האָב געענדיגט האָט זי א צייט געשוויגען, נאָכדענקענדיג. און אזוי שווייגענד, זענען מיר לאנגזאם געגאנגען הין־און צוריק אויף דעם ברעג פון דער שילקא, נאָהענט פון זייער יורטע, ביז זי איז פלוצלינג געבליבען שטעהן און האָט צו מיר געזאָגט מיט דער זעלבער רוהיגקייט, נאָר מיט א זעהר ערנסטען טאָן:

„— גריגאָרי סאַמואילאָוויטש, געדענקט איהר, איך האָב אייך דערצעהלט, אז איך האָב זיך פערלאָבט מיט א געליעבטען מענשען, וועלכער איז פעראורטיילט געוואָרען צום טויט, און איך וויס עד־היום נישט פון זיין שיקזאל?... אייער פאַרשלאַג בעטראַכט איך ערנסט, איהר מוזט מיר אָבער געבען צייט די אויפגאבע צו לע־זען"...

„— פיעל צייט בעדארפט איהר דערצו?"

„— א וואָך צייט. נאָר אין פערלויף פון דער וואָך זאָלען מיר זיך נישט זעהען"...

— לאַנג, אונענדליך לאַנג האָט זיך פאר מיר געשלעפּט די וואָך. איך האָב די אָוועְנדען פון דער וואָך פערבראַכט אין „אר־קאַדיא" לעננער ווי געוועהנליך. איך האָב געמיינט צו פערטויבען מיינע ברוּיזענדע געדאַנקען אין דעם לוסטיגען גערוייש, אין דער אָנ־וועזענהייט פון דער ציגיינערין גלאַשא. ענדליך, מיט דריי טעג צוריק, האָט זיך אויסגעלאָזט די פּאַטאַלע וואָך, און איך בין אוועק קיין באיאַן הערען איהר ענטשלוס.

— די ערשטע צוויי אָווענדען האָט זי ווי אבזיכטליך נישט בעריהרט די פראגע, וואָס איז נוגע אונז ביידען. זי האָט מיר פיעל דערצעהלט פון זייער פערגאַנגענעם לעבען. בעזונדערס פיעל האָט זי גערעדט וועגען איהר אונגליקליכען געליעבטען. דערפאר אָבער האָט זי מיר היינט קורץ און דייטליך געבעטען, איך זאָל זי מעהר נישט בעזוכען...

— און איך האָב געגלויבט, אז צו אַט דעם מאָנאָטאָנעם, אײנ־האַלטסלאָזען לעבען פון אונזערע לעערע, טויט־שטילע צימערן איז ענדליך געקומען א סוף. איך האָב געשוויגען, איך האָב מיין זיסע האָפנונג געהאַלטען פאר דיר בסוד, ווייל איך האָב דיר געוואָלט מאַכען א סיורפּריז, איך האָב דיר געוואָלט איבערראַשען מיט מיין פערווירקליכטען גליק און וואַרפען אין דיינע אָרעמס דיין קינפטיגע שנור... און איצט?... אַ, פאָטער, דאָס איז די ערשטע ענטטוישונג אין מיין לעבען, אָבער וואָס פאר א ביטערע, וואָס פאר א האַרצ־רייסענדע ענטטוישונג! —

לאַנג האָט אָנגעהאַלטען אין דעם ביבליאָטעק־צימער א שווע־

רע טרויעריגע שטילקייט. גריגאָרי סאַמואילאָוויטש איז געזעסען א פערביטערטער, מיט פערשלאָסענע אויגען און פערביסענע ליפען. סאַמואיל לאַזאַרעוויטש איז אויפגעשטאַנען פון דער קושעטע, ער איז צוגעגאַנגען צום פאָטעל, אויף וועלכען גרישא איז געזעסען און האָט אייניגע סעקונדען שטילשווייגענד, ווידער געגלעט די האָר אויף זיין קאָפּ.

— יאָ, יאָ, זוהן מיינער. — האָט ער זיך פילאָזאָפיש־רוהיג אָנגערופען. — דאָס איז די אַלטע געשיכטע, וואָס בלייבט אייביג ניי... דיך ליעבט גלאַשא, דו ליעבסט אַנ'אַנדערע, די אַנדערע ליעבט אַנ'אַנדערען, און הערצער זענען צובראָכען...

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש איז לאַנגזאַם און נאָכדענקענד געגאַנגען עטליכע מאָל הין און צוריק איבער'ן צימער און איז געבליבען שטעהן געגענאיבער גרישא'ן, זאָגענדיג:

— און דאָך זעה איך נישט קיין פאַקטישען גרונד צו דיין פערצווייפלונג. האָט דיר דען פרייליין יעלין קאַטעגאָריש און אונווידעררופליך ענטזאַגט?... פון דיינע ווערטער פערשטעה איך, אַז זי וואַקעלט זיך, זי קעמפפט מיט זיך, איהר איז שווער זיך צו ענטשליסען. מיין איך, אַז „נאָך אין פוילען נישט פערלוירען", און דאַרפסט די פּאַרטיי נאָך נישט אויפגעבען... קודם כל האָבען מיר אָבער פאַר זיך גאָר א וויכטיגע אויפגאַבע. מיר מוזען זיך משתדל זיין, אַז דעם אומגליקליכען בלינדען פּאָסעליעניעץ זאָל אָפיציעל פערביטען ווערען דער וואוין־אָרט פון באיאַן אויף סריעטיענסק. מיר מוזען זעהען, אַז ער מיט זיין טאָכטער זאָלען לעבען אין בעסערע בעדינגונגען. און דאָס מוז געמאַכט ווערען אָפיציעל, דאָס הייסט, לויט דער פעראָרדנונג פון אונזער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַזוי אַז די שטאָלצע ראשעל זאָל אונז נישט חושד זיין, אַז דאָס האָבען מיר געטוהן אבזיכטליך, מיט א הינטער געדאַנק... אונזער נייער גענעראַל־גובערנאַטאָר זאָל זיין א זעהר ליבעראַלען מאַן. מיט אונזער סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש'ן איז ער אויף „דו". דאָס זענען אַלטע פריינד. געוועזענע שול־קאָלעגען. מאָרגען זעה איך זיך מיט סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש'ן, און די זאַך וועט ווי אַמשנעלסטען ערלעדיגט ווערען. און דו, קינד, געה שלאָפען, און גלויב אין דיין „שטערען"...

V

ציגײַנער־ליעבע

ווען גרישא קאַלמאר איז געזעסען אין ביבליאָטעק־צימער און האָט ענטפּלעקט פאר דעם פאָטער זײַין פערוואונדעט הארץ, איז דער קאבארעט „ארקאדיא" שוין געווען געשלאָסען, די עלעקטרע איז געווען אויסגעלאָשען, נאָר דאָ און דאָרט, אין א איינצעלנעם, אָב־געזונדערטען קאבינעט האָט נאָך וועלכע עס איז „ארטיסטין" אויס־געלעדיגט דעם פּאָרטפעל פון איהר „פערעהרער", בעת ער האָט אויסגעלעדיגט דעם לעצטען בעכער שאמפאניער.

אין רעכטען פליגעל אויף דעם הויף ביי דעם האָטעל „ארקא־דיא", אין א גרויסער, אומגעלומפערט לאנגער און ברייטער שטוב מיט ברוינע הילצערנע, נישט געפארבטע ווענד, מיט א סופיט און א פּאָדלאָגע פון נישט־געהיבעלטע ברעטער און מיט דריי נידריגע, אָבער ברייטע פענסטער, וואָס זענען פערהאָנגען מיט בונטע, פער־פעטסטע טיכער און שטיקער שטאָף — אין דער דאָזיגער שטוב, אין פערשיעדענע פאָזען, אויף דער פּאָדלאָגע, ווי אויך אויף טאפּ־טשאנעס, ליגען און שנאָרכען אין טיעפען שלאָף אַלטע, יונגע, מענער, פרויען און קינדער, דאָס הייסט, די מיטגלידער פון דעם ציגיינער־כאָר, וועלכע האָבען ערשט מיט א קנאפּע שעה צוריק פערלאָזט די עסטראדע, און מיעדע, בעטרונקענע, האלב נישט־בעוואוסטזיניגע און קוים זיך אויף די פיס האלטענדע, זענען זיי ווי די געהרג'עטע אוועק־געפאלען אויף זייערע געלעגערס און זענען באלד איינגעשלאָפען מיט א שנאָרכריי, מיט א פייפעריי, מיט א בלאָזעריי און מיט פער־שיעדענע אנדערע קולות.

דאָס גאנצע אינערליכע אויסזעהן פון דער דאָזיגער שטוב האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א ציגיינער־לאגער אויף א אָפענעם פעלד. און דאָס בלאסע עלעקטרישע ליכט וואָס אין מיטען סופיט, האָט בע־לויכטען דעם דאָזיגען אייגענארטיגען ציגיינער־נעסט, אזוי ווי דער בלאסער מאטער שיין פון דער פערוואָלקענטער לבנה...

צווישן דער פּיעל־קעפּיגער און פּיעל־פאַרביגער שלאַפּענדער גרופּע זענען נאָר צוויי פּאַרשוין געלעגן וואך, און דער שלאָף האָט זיי נישט גענומען. דאָס איז געווען דער דריי־און־צוואַנציג יעהריגער ציגיינער י ע ר מ י ל, דער ,,אונפערגלייכליכער מייסטער" פון די ציגיינערישע סאָלאָ־טענץ, און די ,,פּרימאַדאָנאַ" ג ל א ש א.

גלאשא האָט אין יענעם אָוועגד דערגרייכט ביז צום קולמינאַ־ציאָנס־פּונקט פון איהר ציגיינערישער ,,קונסט". לויט ווי די שטענדי־גע געסט פון ,,אַרקאַדיאַ" האָבן בעהויפּטעט, האָט זי אין יענעם אָוועגד פּשוט איבערגעשטיגען זיך אליין. דערצו איז זי פּלוצלינג געוואָרען, נישט ווי געוועהנליך, צוגענגליך, און נישט איינער פון די יונגע סריעטענסקער געלד־זעק האָט געהאַט די זכיה, אַז גלאשא זאָל זיצען א ווייל ביי זיין טיש, זאָל איהם קאָקעטירען מיט איהר פייערדיגען בליק, מיט איהר הילכיגען געלעכטער און זאָגאר טרינקען מיט איהם ,,ברודערשאַפט"... נאָר אָט האָט זיך די פערוויילונג געענדיגט, גלא־שא האָט צוזאַמען מיט די איבעריגע מיטגליעדער פון דעם ציגיינער־כאָר פערלאָזט דעם ,,ווינטער־גאָרטען" און איז אריין אין זייער שטוב. פּונקט ווי ביי אלע איבריגע האָבען זיך אויך איהרע פיס געוואַקעלט פון די אויסגעטריקענטע משקאות. גלייך מיט אלע אנדערע איז זי א מיעדע און א ערשעפּטע אוועקגעפאַלען אויף איהר געלעגער, וואָס האָט זיך געפונען אין רעכטען אויבען־אָן, אין דעם אזוי גערופענעם ,,רויטען־ווינקעל". נאָר, ווערהענד אלע אנדערע זענען מאָמענטאל איינגעשלאָפען ווי די הרוגים, האָט זיך גלאשא פּלוצלינג ווי אויס־געניכטערט, דער טיעפער אינערליכער שמערץ, וועלכען זי האָט קינסטליך בעטויבט און בערוישט אין פערלויף פון די לאַנגע, אונ־ענדליך לאַנגע שעה'ן, האָט זיך מיטאמאָל אָבגערופען מיט א דריי־פאַכער קראַפט, ער האָט געפּליקט איהר נשמה, ער האָט גענאָגט איהר האַרץ, ער האָט געברענט איהרע געהירען, ער האָט גערויבט איהר שלאָף, און אָט איז זי געלעגען אונבעוועגליך אין דער פּאָזע פון א מאַרמור־ספינקס, מיט דעם געזיכט אָנגעשפּאַרט אויףביידע הענד, מיט ברייט אויסגעשטאַרטע פייערדיגע אויגען, און האָט געקוקט ווייט־ווייט, אין איין פּונקט, און האָט געטראַכט איהר איינציגע ביטערע און טרויעריגע מחשבה...

יערמיל האָט זיך ערשט זייט א האלב יאָהר געפונען אין נאזאר ראַפּוכא׳ס „טרופּע״. צוגעשטאנען צו דער טרופּע איז ער אין איר־קוטסק, ווען זי האָט, דורכפאָהרענדיג, גאסטראָלירט אין דאָרטי־גען צירק. אין יענעם צירק איז יערמיל געווען א וויכטיגע אטראק־ציע סיי מיט זיין עקסצענטרישען רייטען אויף א נישט־געזאָטעלטען ווילדען פערד, סיי מיט זיינע ווילדע ציגיינערישע טענץ. נאָר, דער־זעהענדיג זיינע „ברידער״, נאזאר ראַפּוכא׳ס חברה, הייסט עס, האָט אין איהם א רעד געטוהן דאָס ציגיינערישע בלוט, ער האָט אוועק־געוואָרפען דעם צירק און איז אוועק מיט דער מחנה קיין סריע־טענסק.

גלאשא איז באלד אין ערשטען מאָמענט אריינגעפאלען דעם דאָזיגען בחור אין די אויגען, און ער האָט אָהן שהיות, אויף זיין אופן, געוואָלט איהר בעוויזען זיין צערטליכקייט. האָט זי איהם אָבער תיכף ומיד מכבד געווען מיט א פּאטש, פון וועלכען ער האָט זיך בעוואשען מיט בלוט, און דער „פּאטריארך״ האָט איהם גלייך אויפ׳ן אָרט געגעבען אָנצוהערעניש, אז גלאשא איז א צו פּעטער ביסען פאר אַזא היימלאָזען הונד, און אז אויב איהם זענען טייער זיינע הענד און פיס, זאָל ער זיך אויפפיהרען „אָנשטענדיג״, מיט דרך־ארץ פאר דער „פּרימאדאָנע״.

האָט זיך יערמיל גענומען אויפפיהרען „אנשטענדיג״. ער האָט נישט געוואגט צוגעהן נאָהנט צו גלאשא׳ן. ער האָט נישט געוואגט רעדען צו איהר הויך. ער האָט נישט געוואגט פריי און דרייסט איהר אין געזיכט קוקען ווערענד דאָס יונגע הייסע בלוט האָט מיט יעדען טאָג שטארקער און שטארקער געקאָכט אין זיינע אָדערען צוליב זיין ליידענשאפטליכער און ברענענדער ציגיינער־ליבע.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס יערמיל האָט טייער בעצאָהלט פאר זיין ברוטאלען פערזוך, האָט עס איהם גלאשא בשום אופן נישט געוואָלט פערגעסען, און זי האָט זיך אונאויפהערליך אין איהם נוקם געווען אָהן רחמנות, ווי א שלאנג. מיט א ראפינירטער אויסגערע־כענטקייט האָט זי ביי יעדער געלעגענהייט גערייצט זיינע נערוועז און פּראָוואָצירט זיינע געפיהלען. זי האָט איהם אבזיכטליך קאָקע־טירט ביז צו דער לעצטער שטופע, זי האָט איהם זאָגאר צוגעלאָזט

נאָהנט צו זיך, זי האָט איהם ארומגענומען, געגלעט, געפּיעשטשעט, און פּלוצלינג, ווען זי האָט בעמערקט, אז די ליידענשאפט האָט זיך שוין אין איהם צופלאקערט, האָט זי זיך טייוולאָניש פונאנדער־געלאכט און האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך מיט פעראכטונג, אזוי ווי מען שטויסט אָב א שמוציגען הונד.

אזוי ארום האָט גלאשא נישט איין מאָל דערפיהרט דעם אומ־גליקליכען צו א צושטאנד פון פערצווייפלונג און צאָרן, אין וועלכען עס האָט נישט פיעל געפעהלט, ער זאָל כאַפּען זיין שטילעט, דער־שטעכען איהר און זיך אויך מאכען א סוף פון זיינע ליידען. ער איז אָבער די דאָזיגע טהאט נישט בעגאנגען. א געהיימע קראפט האָט יעדעס מאָל צוריקגעהאלטען זיין האנד — דאָס איז געווען די אינ־סטינקטיווע קראפט פון זיין גרענעצלאָזער לעבענס־לוסט און ער האָט נאָר ארויסגעברומט, קריצענדיג מיט זיינע געזונדטע ווייסע ציינער און אויסגלאָצענדיג זיינע מיט בלוט־אָנגעלאָפענע אויגען:

— שלאנג! רוף נישט ארויס דעם וואָלף פון וואלד...

— איך לאַך פון דיר, דו נישטיגער וואָרם, — איז געווען איהר ענטפער, און זי האָט זיך אויפס'ניי צולאכט.

און, מערקווירדיג: וואָס מעהר גלאשא האָט איהם גערייצט, וואָס מעהר זי האָט איהם געקוועלט, וואָס מעהר זי האָט זיך מיט איהם געשפּיעלט ווי א קאץ מיט דער מויז, אלץ מעהר איז אין איהם געשטיגען זיין ליידענשאפטליכע ליעבע צו איהר, און פון צייט צו צייט האָט ער זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז סוף־כל־סוף וועט גלאשא ווערען זיין ווייב.

— בין איך דאָך פאָרט דער יונגסטער, דער שענסטער און דער בעגאבטעסטער ציגיינער אין דער טרופּע, — האָט ער צו זיך אליין געזאָגט.

דאָס, וואָס גלאשא האָט פריי און אָפען געשטיפט און געפלירט־טעוועט מיט די געסט פון קאבארעט, האָט דעם יונגען ציגיינער נישט בעאונרוהיגט. דאָס האָט אין איהם נישט ערוועקט קיין אייפערזוכט. דאָס האָט ער בעטראכט ווי א גאנץ נאטירליכע זאך, ווי א „טראדי־ציאָנעלע" אויפגאבע פון יעדער יונגער און שענער ציגיינערין, וואָס טרעט אויף עפענטליך. א חוץ דעם האָט ער נישט איין מאָל געהערט

פון די איבריגע ציגיינער און ציגיינערינס, אז אויב גלאשא פער־שטעהט די קונסט צו מאכען די מטבע דערמיט, וואָס זי איז א קאָ־קעטקע ביז צום מארך פון די ביינער און שטעהט אין אָט דער בע־ציהונג איבער יעדער קאָנקורענץ, איז זי אָבער אין תוך ריין און אונ־שולדיג, ווי א מלאך, און עס איז נישטאָ דער מאנספערשוין, וועלכער זאָל זיך קאָנען בעריהמען, אז גלאשא איז פאר איהם געווען צוגענ־גליך.

אונרוהיג האָט יערמיל אָנגעהויבען צו ווערען, ווען ער האָט בעמערקט די ענדערונג פון גלאשא'ס אומגאנג מיט גרישא קאָל־מאר.

די ערשטע צייט האָט גלאשא קאָקעטירט גרישא'ן פונקט אזוי ווי אלע אנדערע געסט פון „ארקאדיא". ביסלעכווייז אָבער האָט זי זיך אָנגעהויבען בעציהען צו איהם מיט מעהר אויפמערקזאמקייט, מיט מעהר ערנסט, מיט מעהר אכטונג. ביז עס איז געקומען דער־צו, אז בעת די אנטראקטען האָט גלאשא פערבראכט אויסשליסליך ביי גרישא'ס טיש, און הינטער די קוליסען האָט מען גענומען שמו־עסען, אז גלאשא איז אויף אנ'אמת „פערטראסקעט" אין דעם, „קו־פער־קיניגס" זוהן.

כאָטש דאָס הארץ האָט איהם געטיאָכקעט, האָט זיך דאָך יער־מיל נישט געוואָלט אונטערגעבען דעם געדאנק, אז ער האָט שוין מעהר נישט וואָס צו רעכענען אויף גלאשא'ן. ער האָט זיך כלומרשט געטרייסט מיט דער בעהויפטונג, אז גלאשא'ס נייער אומגאנג מיט דעם יונגען מיליאָנער איז נישט מעהר, ווי א נייע קאָמעדיע, ווי א נייער מאנעווער פון דער כיטרער ציגיינערין. אזוי האָט יערמיל גע־וואָלט גלויבען, ביז ער האָט איינמאָל, פון קיינעם נישט בעמערקט, אונטערגעהערט א געשפרעך, וואָס גלאשא האָט געפיהרט מיט גרישא קאָלמאר אין איהר גארדעראָבע־צימער.

— אָט אזוי, זיסער מיינער, איינציגער מיינער, — האָט גלא־שא געזאָגט מיט א זאנפטער ווייכער שטים.

יערמיל האָט קיינמאָל נישט געהערט, אז די הארדע און שטאָל־צע גלאשא זאָל צו וועמען עס איז רעדען אזוי זאנפט און אזוי ווייך.

— אַט אַזוי, גרישורא, — האָט זי געזאָגט, — דריק צו דיין טייערען קאָפּ צו מיין ברוסט און הער, הער ווי מיין האַרץ שלאָגט דאָרט האַסטיג פון גרויסער ליעבע צו דיר... הער, גרישורא, און גלויב מיר.

— זאָג מיר, גלאַשא, — האָט זיך געהערט גרישא'ס שטים, — ווי פיעל יונגעלייט האָסטו שוין געליעבט אין דיין וואַנדער־לעבען?

— קיין איינציגען! איך שווער דיר... פיעל קעפּ האָב איך פערדרעהט, פיעל נאַראָנים האָב איך דערפיהרט צו אַ מדרגה פון פערצווייפלונג, פון וואהנזין, אזוי האָב איך זיי גערייצט, אזוי האָב איך זיי קאָקעטירט, אָבער ליעבען האָב איך קיין איינעם פון זיי נישט געליעבט.

— אפשר בין איך אויך איינער פון די אונגליקליכע נאַראָנים?...

— גרישא... גרישורא... קוק מיר טיעף אריין אין מיינע אויגען און זעה דורך זיי מיין נשמה... נא, אַט האָסטו מיינע ליפּען, זאַפּ אויס דורך זיי מיין בלוט, מיין מארך, מיין גאַנץ האַרץ... טרינק, גרישא, טרינק אויס דורך מיינע ליפּען מיין גאַנץ לעבען, מיין לעצטען אָטעם, און דעמאָלט וועסטו פערשטעהן, ווי טריי, ווי טיעף די ציגיינערין גלאשא האָט דיך געליעבט...

און יערמיל האָט דערהערט אַ הויכען לאַנגדויערענדען קוש, נאָך וועלכען גרישא קאַלמאר האָט זיך אָנגערופען:

— יאָ, גלאַשא, איך גלויב דיר. נאָר...

— נאָר וואָס, מיין זיסער? — האָט גלאַשא געפרעגט מיט אונגעדולד.

— נאָר מיר איז עס אונבעגרייפליך, גלאַשא, פארוואָס דיינע ווערטער, דיינע... דיינע צערטליכקייטען, דיינע הייסע קושען, דיין דורכדרינגענדער בליק, דיין העלער, זילבערנער געלעכטער, דיין יעדע ווארימע בעריהרונג קאָכען נישט אויף מיין בלוט, רופען אין מיר נישט ארויס קיין באַנאַלע געפיהלען, קיין ברוטאַלען אינסטינקט, קיין גיריקע ליידענשאַפט, נאָך בערוהיגען מיין זעלע, זיי ערפרישען מיין האַרץ און ערוועקען אין מיר אַ געפיהל פון גליק, אַ געפיהל פון

טרייסט, פון טיפער צופרידענהייט... יאָ, גלאשא: מיר שיינט, אז אזא געפיהל קאָן אין אונז דערוועקען נאָר א ליעבענד, טריי ווײַזען, וואָס איז אונז זעהר, זעהר נאָהנט...

— יאָ, יאָ, יאָ, גרישא... דאָס בין איך דאָס ליעבענד, דאָס טריי ווײַזען, וואָס וויל דיר זיין און וועט דיר זיין זעהר, זעהר נאָהנט.

— אָ טייערער, דריק מיך צו צו דיין ברוסט... פעסטער... אָט אזוי... אָט אזוי...

לענגער האָט יערמיל קיין כח נישט געהאט זיך צו בעהערשען. ער האָט שנעל און שטיל, ווי א קאַץ, פערלאָזט זיין בעהעלטעניש, ווי א פערסמ'טער איז ער אוועקגעפאלען אויף זיין געלעגער אין דער גרויסער ציגיינער־שטוב, ער האָט אויף זיך געריסען די האָר פון קאָפּ, ער האָט צעביסען זיינע הענד ביז צום בלוט, און האָט געברילט ווי א פערוואונדעטער טיגער.

נאָך יענעם אָוועגד האָט זיך יערמיל איינגאנצען פערענדערט. דער גלאַנץ פון זיינע אויגען איז אויסגעלאָשען געוואָרען. די מוטיגע פרעהליכקייט איז פערשוואונדען געוואָרען פון זיין געזיכט. זיינע טעניץ אויף דער עסטראדע האָבען פערלוירען זייער רייץ, זייער פייערדיגע לעבהאפטיגקייט. יערמיל האָט אָנגעהויבען אויסווייכען גלאשא'ן, האלטען זיך ווייט פון איהר, נישט לויפען אויף איהר רוף, נישט לאָזען זיך פון איהר קאָקעטירען, און האָט אין זיך געפיהרט א פערצווייפעלטען קאמף מיט דעם געדאנק פון זעלבסמאָרד.

אזוי האָט געדויערט א געוויסע צייט ביז צו דעם אָוועגד, ווען גרישא'ס טיש אין „ארקאדיא" איז צום ערשטען מאָל געשטאנען נישט בעזעצט.

יעדעם מאָל, וואָס יערמיל איז אין יענעם אָוועגד ערשינען אויף דער עסטראדע, האָט ער זיין ערשטען בליק געוואָרפען אויף גרישא'ס טיש און, זעהענדיג, אז גרישא איז נישטאָ, האָט ער לייבער אָבגעאָטעמט, פונקט ווי דער שטיין, וואָס דריקט זיין ברוסט איז מיט אמאָל קלענער געוואָרען און א שטראהל פון טריסט איז אריינגעדרינגען אין זיין הארץ.

דער דאָזיגער שטראהל איז געוואָרען העלער, ווארעמער מיט

יעדער שעה אין משך פון די דריי מעת־לעת, וואָס זיין געפּעהרליכער קאָנקורענט גרישא קאָלמאר האָט זיך נישט בעוויזען און האָט וועגען זיך קיין שום צייכען נישט געגעבען.

— וואָס דען? — האָט יערמיל געטראַכט. — פאַרוואָס זאָל גריגאָרי סאַמואילאָוויטש האַנדלען אַנדערש, ווי אַלע רייכע זוהנדלעך?... זיך אָנגעשפּיעלט. אָנגעשטיפּט מיט דער שענער אָרימער ציגיינערין, און געננוג... און איך, נאַר, האָב שוין געוואָלט פאַרצייהען די פּעטליע אויף מיין האַלז... עך, גלאשא, דו וועסט נאָך זיין מיינע...

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט זיך יערמיל אַרומגעטראָגען די לעצטע דריי טעג, און מיט די זעלבע געדאַנקען איז ער איצט געלעגען וואַכענדיגערהייט צווישען די טיעף־איינגעשלאָפענע ציגיינער, ריכטענדיג זיין בליק צו דעם ווינקעל, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען גלאשא'ס געלעגער.

— יערמיל...

דאָס האָט גלאשא פּלוצלינג אָנגערופען זיין נאָמען מיט א פערדומפּטען טרוקענעם קול. יערמיל האָט לייכט אויפגעציטערט. דאָס הארץ האָט אין איהם אָנגעהויבען משונה'דיג קלאַפּען, נאָר ער איז געבליבען ליגען ווי פריהער, אָהן א שום בעוועגונג, און האָט זיך נישט אָבגערופען.

— יערמיל, — האָט גלאשא נאָך א קורצער ווייל ווידער גערופען מיט דעם זעלבען קול.

יערמיל האָט ווידער נישט געענטפערט. ער האָט נאָך שטאַרקער אָנגעשטרענגט זיין בליק. זיין געהער. ער האָט נאָר געפיהלט, ווי דאָס בלוט האָט א ברען געטוהן זיין געזיכט, און ער איז זיך ווייטער געלעגען אין דער פריהערדיגער לאגע.

— יערמיל! — האָט גלאשא צום דריטען מאָל גערופען שוין מיט א שטאַרקערען, בעפעהלערישען קול.

— איך הער, — האָט זיך ענדליך יערמיל אָבגערופען כלומרשט גלייכגילטיג.

— קום אהער. — האָט גלאשא וויכער געזאָגט.

— נאָך וואָס? — האָט דער ביטרער ציגײַנער געפֿרעגט און האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— קום אַהער.

— שוין לאַנג האָסטו מיר נישט צום נאַר געמאַכט?...

— קום אַהער, דו געמיינער הונט...

ירמיל איז אויף אַלע פֿיר צוגעקראָכן צו גלאַשאַ׳ס געלעגער, וואו ער איז געבליבן זיצן, קוקנדיק אויף גלאַשאַ׳ן טאַקי ווי אַ געהאָרכזאַמער הונט, וועלכער קוקט און וואַרט אויף די בעוועגונג, וואָס זיין בעל־הבית וועט מאַכן.

נאָך אַ קורצער ווײַלע שטילשווייגן האָט גלאַשאַ אויסגעשטרעקט צו ירמיל׳ן איהר ענטבלויזטע האַנד, זאָגנדיג:

— אַט, נעם...

ירמיל האָט געכאַפּט די אויסגעשטרעקטע האַנד און איז צו איהר צוגעפאַלען מיט זיינע דיקע ליידענשאַפטליכע ליפּען, פּונקט אזוי ווי אַ שטאַרק אויסגעהונגערטער הונד פאַלט צו צו אַ פעטען ביין, און ער האָט נאָר געקאָנט אַרויסברומען:

— גלאַשאַ... קראַליאַ...

— ירמיל, — האָט זיך גלאַשאַ אָנגערופען נאָך עטליכע סעקונדען און האָט לאַנגזאַם גענומען צוריקציהען איהר האַנד.

— איך הער, איך הער, — האָט ירמיל געענטפערט מיט אַ שקלאַפישען קול, און האָט מיט אונגעדולד געקוקט גלאַשאַ׳ן גלייך אין איהרע אויגען.

— פאַרוואָס קומט נישט גרישאַ?... ווער איז די יעניגע, צו ליעב וועלכער גרישאַ פערלאָזט מיך?...

— גלאַשאַ, גלאַשאַ... האָסטו דען נישט געוואוסט, אז אזוי מוז עס זיך ענדיגען?... גלאַשאַ. גרישאַ איז אַ איד, אַ איינציגער זוהן פון דעם אידישען מיליאָנער, פון דעם „קופּער־קעניג“ און דו ביזט נישט מעהר ווי די אָרימע קריסטליכע ציגיינערין גלאַשאַ... דו שטויסט אָב פון זיך דיינעם אַ ברודער, אַ קינד פון ציגיינער, אזוי ווי דו ביזט... דו שטויסט אָב פון זיך אַ מענשען, וועלכער ווערט פערברענט פון זיין ליעבע צו דיר... וועלכער איז יעדען אויגענבליק גרייט צו וואַרפען זיך פאַר דיר אין פייער און וואַסער,

און צוליעב וועמען שטויסטו איהם אָב?... צוליעב א רייכען אי־דען, וואָס וועט אין זיין פּאַלאַץ קיין ציגיינערין נישט אריינגעה־מען זאָגאר אלס דיענסט... אָ, גלאשא גלאשא...

— נישט מיט דעם צוועק האָב איך דיר גערופען, — האָט גלאשא איבערגעריסען יערמיל'ס רעדען מיט איהר פערדומפּטען קאַלטען, אָבער פעסטען קול. — איך מוז, צי דו פערשטעהסט? איך מוז וויסען, ווער זי איז? ווער איז די פרוי, וואָס בעזיצט די מאכט ארויסצורייסען גדישא'ן פון מיינע אָרעמס?...

— איז דאָס אלץ וואָס דו האָסט מיר צו זאָגען? — האָט יער־מיל געפרעגט מיט פערדרוס.

— איך וויל, אז דו זאָלסט אויפזוכען מיין קאָנקורענטין.

— איך?... און איך זאָל אפשר ערמאָרדען? כא־כא־כא...: און געהן צוליעב דיר פוילען אין טורמע, ארבייטען קאטאָרגע? כא־כא־כא...

— איך וויל נאָר, דו זאָלסט געוואָהר ווערען און מיר זאָגען, ווער זי איז און וואו זי וואוינט... דו זאָגסט, אז דו ווערסט פער־ברענט פון דיין ליעבע צו מיר. דו זאָגסט, אז דו ביזט יעדען אוי־גענבליק בערייט צו וואַרפען זיך פאר מיר אין פייער... טאָ געה און טהו דאָס, וואָס איך פערלאַנג פון דיר.

— גלאשא, — האָט יערמיל אָנגעהויבען מיט תחנונים.

— געה... איך וויל שלאָפען...

— שלאַנג! — האָט יערמיל ארויסגעברומט מיט פערציקטע צייהן און איז צוריק אויף אלע פיער אוועק צו זיין געלעגער.

שפּעטער טאָג איז געווען, ווען די ציגיינער זענען אויפגעשטאַ־נען. גלאשא איז נאָך געלעגען אין טיפען שלאָף. יערמיל איז שוין לאַנג נעלם געוואָרען פון דעם „ציגיינער־נעסט”, ער איז מיט דעם ערשטען שטראַהל פון דער אויפגעהענדער זוהן אוועק ערפילען דעם בעפעהל פון זיין „קווילערין”, און שוין אין אָוועגד פון יענעם טאָג האָט זיך גלאשא דערוואוסט, אז א וויאָרסט דרייסיג פון פּריעטיענסק איז דאָ א דאָרף באיאן, אז אין דעם דאָזיגען דאָרף, הארט ביים ברעג פון דער שילקא, אין אַנ'אָרימער יורטע, וואוינט מיט זיין טאָכטער א בלינדער פּאָליטישער פּאָסעליעניעץ, א איד, און אז

אין דער דאָזיגער יורטע האָט גרישא קאַלמאַר צוגעברענגט די לעצטע דריי אָוונטן.

ווי גלאַשא האָט זיך ענדליך דערוואוסט דאָס, וואָס ס'האָט איהר אזוי געקוועלט און בעאונרוהיגט, האָט זי ביי זיך בעשלאָסען, אָנצונעהמען זיך מיט געדולד און אָבוואַרטען נאָך א געוויסע צייט: אפשר וועט זיך דאָך גרישא בעוויזען...

גרישא האָט זיך אָבער נישט געמאָלדען. אין דער געזעלשאַפט פון דעם „ווירקליכען שטאַאַטס־ראַט" סערגיי אפאַנאסיעוויטש זוויעזדין איז ער באַלד צוגעקומען נאָך דעם בעוואוסטען אָוונד אוועקגעפאָהרען קיין טשיטא, דאָס הייסט, אין דער רעזידענץ פון דעם טראַנס־בייקאַלער גענעראַל־גובערנאַטאָר, זיך משתדל זיין וועגען דעם, אז דעם בלינדען, און דעם דעריבער *פולשטענדיג אונשעדליכען*, פאָליטישען פאָסעליעניעץ, מארק באָריסאָוויטש יעלין, מיט זיין איינציגער טאָכטער, ראשעל מארקאָווגא יעלין, זאָל דאָס וואוין־אָרט בעשטימט ווערען אין סריעטיענסק, אָנשטאָט דעם דאָרף באיאַן, מאָטיווירענדיג די דאָזיגע שתדלנות דערמיט, וואָס אין דעם ווייסטען בוריאַטישען דאָרף קאָן יעלין'ס איינציגע שפּייזערין און פלעגערין, דאָס הייסט, זיין טאָכטער ראשעל, נישט שאפען די נויטיגע מאַטעריעלע מיטלען פאַר זייער בעשיידענער עקזיסטענץ, וועהרענד אין סריעטיענסק, ווי אין א רייכען לעבהאפטען האנדעלס־צענטר, וועט זי די דאָזיגע מיטלען יאָ קאָנען שאפען.

כדי די שתדלנות זאָל ווי אמשנעלסטען דורכגעפיהרט ווערען מיט דעם געוואונשטען ערפאָלג, האָט גרישא ארויסגענומען ביי דעם סריעטיענסקער איספּראַווניק א בעשיינונג, אז דער בלינדער פאָליטישער פאָסעליעניעץ מארק באָריסאָוויטש יעלין, וואָס וואוינט זייט צעהן חדשים אין דאָרף באיאַן, פיהרט זיך אויף רוהיג און אנשטענדיג, לויט דעם געזעצליכען רעגולאַמין און אז ער, דער איספּראַווניק, פון זיין זייט, זעהט נישט איין קיין שום געפאַהר פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און רוה דערפון, וואָס דער דערמאָהנטער פאָסעליעניעץ יעלין וועט זיך בעזעצען מיט זיין טאָכטער אין סריעטיענסק.

גרישא'ס רייזע קיין טשיטאָ, ווי אויך די אורזאכע און דער

צוועק פון דער רייזע זענען געהאַלטען געוואָרען בסוד פאַר זייטיגע מענשען, בכדי יעלין און ראשעל זאָלען נישט ערפאהרען, אז די גינסטיגע פאַר זיי פעראָרדנונג איז געקומען פון דער העכסטער אָר־טיגער מאכט נאָר א דאנק דער איניציאַטיווע און בעמיהונג פון דעם פאַטער קאַלמאַר מיט זיין זוהן. און דער דאָזיגער פאַקט, אז גרישא איז פּלוצלינג אָבגעפאָהרען, און זי ווייסט נישט וואוהין, און אז ער האָט אפילו נישט געהאַלטען פאַר נויטיג זעהען זיך מיט איהר פאַר דער אָברייזע און זאָגען איהר „זיי געזונד" — אָט דער פאַקט האָט גלאשא'ן גענצליך פערווירט און נידערגעדריקט.

— גלאשא, דו ביזט ארויף אויף א גליטשיגען וועג — האָט דער אלטער נאזאר ראַפּוכא איינמאָל אָנגעהויבען איהר מוסר זאָ־גען. — דו פערשעמסט אונזער משפחה. דו האָסט א פּנים פער־געסען, אז דו ביזט א ציגיינערין, און אז א ציגיינערין טאָר נישט פערקריכען צו ווייט אָט מיט די בלייבע פּריצימלעך... דו ווילסט חתונה האָבען? גוט, איך פערשטעה. ס'איז שוין לאנג צייט. א צי־גיינערין זיצט נישט, אזוי ווי ז י י ע ר ע מיידלעך, ביז צום גראָ־הען צאָפּ. נו, טאָ קלויב זיך אוים צווישען אונזערע יונגען דעם, וועל עם געפעלט דיר, און ער וועט ווערען דיין מאַן, און מיר וועלען אָבשפּיעלען א ציגיינערישע חתונה, אזוי, אז גאנץ סריעטיענסק וועט שטעהן אויף די קעפּ.

גלאשא האָט געשוויגען. זי איז געזעסען איינגעשרומפּט, זי האָט געהאַלטען איינגעבויגען איהר קאָפּ מיט די פונאנדערגעלאָ־זענע לאנגע שווארצע האָר, זי האָט אָנגעשטעלט איהר אונבעוועגלי־כען בליק אויף די פינגער פון איהרע באָרוועסע פיס, זי האָט אוים־געהערט איהר זיידענס דבורים, און זי האָט געשוויגען, אָבוואָהל אין איהר ברוסט האָט געקאָכט און געשטורמט און עס האָט זיך שטארק געוואָלט איהם ענטפערען:

— וואָס געהען מיר אָן אייערע ציגיינערישע זיטען!... איך בין צווישען אייך געבוירען, צווישען אייך ערצויגען און אויפגעוואק־סען, מיט אייך צוזאמען וואנדער איך פון אָרט צו אָרט, אָבער אין הארצען פיהל איך, אז איהר זענט מיר פרעמד, איהר זענט מיר עקעלהאפט, און איך האס אייך, איך פעראכט אייך און איך שוידער

אויף פאר דעם גערדאנק, אז איך זאָל ווען עס איז מוזען פערשקלאַפען מיין ליב צו איינעם פון אייך...

אזוי האָט גלאשא געוואָלט אָבענטפערען, זי האָט אָבער נישט געוואגט צו ווארפען דעם אלטען אין גזיכט אזא ווילד־גראָבע בע־ליידיגונג. זי האָט דאָך אין זיך איינגעזאפּט די ציגיינערישע טראדיצ־יע, אז דער „פאטריארך" אין דער מחנה איז ווי א קייזער, פאר וועלכען אלע בויגען די קעפּ מיט דרך־ארץ און הכנעה.

דער אלטער ציגיינער האָט משמעות פערשטאנען גלאשא׳ס גערדאנקען. ער האָט מעהר קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט נאָר א מאך געטהון מיט דער האנד, א הויב געגעבען זיינע ברייטע אקס־לען, בייז א שפּיי געטהון אין א זייט און איז אוועק פון גלאשא׳ן, ברומענדיג אונטער זיינע גערדיכטע גרויהע וואָנסען צו זיך אליין:

— זי איז שוין נישט אונזערע... פערפאלען: ווי מיר זאָלען דעם וואָלף נישט פוטערען, וועט ער אלץ קוקען צום וואלד...

עס זענען פערגאנגען עטליכע טעג.

דאָס עלענדע שווערע לעבען פון די פערשטויסענע אין דער אָרי־מער יורטע האָט זיך געצויגען אין איינזאמקייט, אין מאנגעל, אין נויט. ראשעל האָט געארבייט איבער איהרע קרעפטען און האָט אלצ־דינג געטהון, אבי צו דערנעהרען דעם אומגליקליכען קאליקע, און ער ווידער, מארק באָריסאָוויטש, הייסט עס, איז געזעסען גאנצע טעג אויף זיין טאפּטשאן, אָדער אויף דער פּריזבע אין דרויסען, פערטיפט אין זיינע אייביגע אונענדליכע גערדאנקען פון זיין פינסטע־רער וועלט, און די גאלקעס פון זיינע אויסגעלאָשענע אוגען זענען כסדר אינסטינקטיוו געווען געווענדעט צו דעם אָרט, אין וועלכען ראשעל האָט זיך בעוואויגען.

איינמאָל, אין די פארמיטאָג־שטונדען פון דעם טאָג, אין וועל־כען עס איז זיי איבערגעגעבען געוואָרען די „בומאגא", אז זיי איז ערלויבט איבערפאָהרען וואוינען פון באיאן קיין סריעטיענסק, איז מארק באָריסאָוויטש, ווי געוועהנליך, געזעסען אויף דער פּריזבע ביי דער יורטע, און נישט וויט פון איהם איז געשטאנען ראשעל איינגעבויגען איבער א גרויסער הילצערנער שיסעל און האָט פער־

ענדיגט וואשען זייער ביסעל וועש, כדי נישט מיטצונעהמען קיין אומריינעס אין דעם נייעם וואוין־אָרט.

— ראשעל, ראשענקע — האָט זיך דער בלינדער אָנגערופען מיט זיין שוואכען קול נאָך דעם ווי ער איז געזעסען א לענגערע צייט קאָנצענטרירט אין זיינע געדאנקען — ראשענקע...

ראשעל האָט אויגנבליקליך איבערגעריסען איהר ארבייט און איז צוגעגאנגען צום פאָטער.

— אָט בין איך, פאָטערל. — האָט זי צערטליך געזאָגט.

— גיב מיר דיין קעפּעלע, ראשענקע...

ראשעל האָט זיך אראָבגעלאָזט הארט נעבען פאָטער אויף דער פּריזבע און האָט אוועקגעלעגט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט.

מארק באָריסאָוויטש האָט גענומען איהר קאָפּ אין זיינע ציטערענדע הענד און האָט איהם א לאנגען קוש געגעבען, דערנאָך האָט ער ארויסבעקומען א בויגען פּאפּיר און האָט געזאָגט:

— נעהם, ראשענקע, לייען נאָך אמאָל.

ראשעל האָט גענומען די „בומאגא" און האָט דייטליך און לאנגזאם איבערגעלייענט פאָלגענדען אינהאלט:

„נעהמענדיג אין אכט די אונהיילבארע בלינדקייט פון דעם פּאָליטישען פּאָסעליעניעץ מארק באָריסאָוויטש יעלין, ווי אויך זיין רוהיגע און געזעצליכע אויפפיהרונג די גאנצע צייט פון זיין פערשיקט־זיין, האָט זיין עקסעלענץ דער טראנס־בייקאלער גענעראל־גובערנאטאָר, געפונען פאר געזעצליך מעגליך איבערבייטען דעם בעשטימטען וואוין־אָרט פון דערמאָהנטען פּאסעליעניעץ און ערלויבען איהם, ווי אויך זיין טאָכטער ראשעל מארקאָוונא יעלין, פערלאָזען דאָס דאָרף באיאן און בעזעצען זיך אין דער שטאָדט סריעטיענסק".

ראשעל האָט צוריק צונויפגעלעגט די „בומאגא", האָט זי צוריק איבערגעגעבען דעם פּאָטער, וועלכער האָט דאָס פּאפּיר געהאלטען א ווייל, נאָכדענקענד, אין זיינע ציטערנדע פינגער...

— הער, ראשענקע, וואָס איך וויל דיר זאָגען, — האָט זיך יעלין אָנגערופען נאָך דעם, ווי ער האָט צוריק בעהאלטען אין בוזעם דעם דאָקומענט.

— איך הער, טאטע.

— די צרות האָבען בלינד געמאכט מיינע קערפּערליכע אויגען, דערפאר זעה איך שארפער, דייטליכער מיט מיינע גייסטיגע אויגען...

— וואָס האָסטו דערזעהען מיט דיינע גייסטיגע אויגען?

— מיינע גייסטיגע אויגען זאָגען מיר, אז דאָ האָט געלייטעט א איידעלע האנד פון א איידעלען מענשען...

— וואָס מיינסטו דערמיט, פּאָטער?

— אָט זיץ איך די גאנצע צייט און טראכט: וואָס איז דאָ פּלוצלינג געשעהען?... העכער צעהן חדשים זיצען מיר פערשטויסען אין דעם פערוואָרפענעם ווינקעל און קיינער האָט זיך מיט אונז נישט אינטערעסירט, און פּלוצלינג, אָהן א שום שריט פון אונזער זייט, האָט זיך דער גענעראל-גובערנאטאָר דערמאָהנט, אז אין באיאן געפינט זיך א בלינדער פּאָסעליעניעץ מארק באָריסאָוויטש יעלין מיט זיין טאָכטער, און עס איז א יושר ערלויבען זיי צו בעזעצען זיך אין סריעטיענסק, וואו די לעבענס-בעדינגונגען וועלען פאַר זיי זיין פיעל לייכטער... אָט אזוי זיץ איך און טראכט די גאנצע צייט, און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאָס איז געשעהן, א דאנק דער בעמיהונג פון דעם איידעלען יונגענמאן, וועמענס האנד דו האָסט אָבגעשטויסען.

— פּאָטער!—האָט ראשעל אויסגעשפּראָכען מיט א שולדיגען קול און האָט געכאפּט קושען דעם פּאָטערס האנד.

— איך מאך דיר נישט קיין פאָרוואורף, מיין קינד. דו האָסט געהאנדעלט אזוי ווי דאָס הארץ האָט דיר דיקטירט. איך וויל דיר נאָר אויפמערקזאם מאכען, אז דאָס הארץ איז אָפט א שלעכטער בעל-יועץ, און אז דו האָסט פון זיך אָבגעשטויסען די האנד פון א גוטען מענשען.

— איך ווייס פּאָטער, אז דאָס איז א גוטער, איידעלער מאן... און איך האָב זיין האנד נישט אָבגעשטויסען, איך האָב איהם נישט ענטזאגט, איך האָב איהם נאָר געבעטען, ער זאָל אונז מעהר נישט בעזוכען, ווייל... איך קאָן זיך נאָך נישט ענטשליסען... ווייל מיר

דאכט זיך אלץ, אז איך בין פערבונדען מיט איהם... מיט דעם אונ־גליקליכען... מיט ליאָוואַ'ן.

— מיט דעם מענשען, וועלכער איז די סיבה פון אונזער פירב־טערליכען אונגליק?... זיין טויט האָט דיר שוין לאנג בעפרייט.

— זיין טויט? — האָט ראשעל אויסגעשריען מיט א ציי־טער. — ביסטו דען זיכער, אז מען האָט אויסגעפיהרט איבער איהם דעם טויט־אורטייל?... אפשר איז ער בעגנעדיגט געוואָרען?

— גוט:" נעהמען מיר אָן, אז ער איז בעגנעדיגט געוואָרען. בע־גנעדיגען א פעראורטיילטען צום טויט הייסט ביי אונזער רוסישער מאכט, פערבייטען די טויט־שטראָף אויף אייביגע שווערע קאטאָר־גע. נו? הייסט עס דען נישט טויט זיין?... זיין אָבגעשטאָרבען אויף דאָס גאנצע לעבען פאר דער פרייער וועלט?...

ראשעל האָט געשוויגען. זי האָט גאָרנישט געענטפערט. פון איהר געזיכט האָט מען געקאָנט בעמערקען, אז דעם פאָטערס ווערטער האָבען אצינד געמאכט אויף איהר א שארפען איינדרוק, אָבוואָהל זי האָט די זעלבע ווערטער שוין נישט איינמאָל פון איהם געהערט. אצינד, אין צוזאמענהאנג מיט זיין השערה וועגען גריגאָרי'ס אויי־דעלער טהאט, האָבען דעם פאָטערס ווערטער געהאט פאר איהר א בעזונדערע בעדייטונג, און האָבען בעריהרט אין איהר הארץ די עמפפינדליכסטע סטרונעס פון טרייהייט, פון געוויסען, פון ליע־בע, זאָגאר פון אייגענליעבע...

— יאָ, יאָ, מיין קינד, — האָט דער בלינדער ווי פערענדיגט זיינע פריהערדיגע ווערטער נאָך א קורצער פויזע.

ראשעל האָט נאָך אמאָל א קוש געטהאָן דעם פאָטערס אויס־געצערטע האנד און איז אויפגעשטאנען פון דער פריזבע, זאָגענ־דיג:

— דו וועסט דאָ בלייבען אליין, פאפאָטשקע, אויף א האלבע שעה. איך מוז לויפען צום טייך איבערשווענקען דאָס ביסעל וועש. אפשר פערלאנגסטו, איך זאָל דיר ארייגפיהרען אין דער יורטע?

— געה, קינד מיינס. געה, ראשענקע. איך וועל דאָ בלייבען זיצען. נור אייל זיך נישט און זיי פאָרזיכטיג ביים וואסער...

— זיי רוהיג, פאפאָטשקא.

ראשעל האָט פערוואָרפען אויפ׳ן אקסעל די פייכטע וועש און האָט זיך געלאָזט געהן צו דער שילקא, אומקוקענדיג זיך כסדר צו דעם אָרט, וואו איהר פאָטער איז געזעסען, ביז דער הויכער ברעג האָט פערשטעלט די יורטע פון איהרע אויגען.

עס האָט נישט געדויערט קיין צעהן מינוט, ווי ראשעל איז אוועק צום טייך, איז פון דעם באהן־הויף אין דער ריכטונג צו יע־לינס יורטע געגאנגען די איינציגע פאסאזשירין, וואָס איז אויסגע־שטיגען אין באיאן פון דעם נור וואָס דורכגעגאנגענעם סריעטיענס־קער צוג.

נישט קוקענדיג, אויף דער גרויסער היץ, איז די פאסאזשירין געווען איינגעהילט אין א לאנגער בונטער פאטשיילע, פון וועלכער עס האָבען נאָר ארויסגעקוקט איהרע שווארצע פייערדיגע אויגען.

די דאָזיגע פאסאזשירין איז געווען די ציגיינערין גלאשא.

צוקומענדיג נאָהענט צו דער יורטע און דערזעהענדיג דעם זי־צענדען אויף דער פריזבע, איז גלאשא געבליבען שטעהן.

— ווער איז דאָ? — האָט יעלין געפרעגט, ווען גלאשא׳ס טריט זענען נאָהענט פון איהם שטיל געבליבען.

יעלין האָט אָנגעשטרענגט זיין געהער און האָט אויסגערדרעהט דעם קאָפּ צו דעם אָרט, וואו גלאשא איז געבליבען שטעהן, און עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזען, אז ער קוקט איהר גלייך אין גע־זיכט.

— ווער איז דאָ? — האָט יעלין נאָכאמאָל איבערגע׳חזר׳ט זיין פראגע.

— זענט איהר דאָס דער בלינדער פאָסעליעניעץ? — האָט גלאשא געפרעגט אָנשטאָט צו ענטפערען. — דאָס וואוינט איהר אין דער... יורטע?

— אָבער ווער זענט איהר?

אין יעלינ׳ס קול האָט זיך געלאָזט הערען א אונגעדולדיגע נאָ־טע.

— איך בין א פרויענצימער.

— דאָס וויים איך לויט אייער קול, אָבער ווער זענט איהר? פון וואנען קומט איהר? וואָס פערלאנגט איהר?

— איך בין א ציגיינערין.

— א ציגיינערין? דאָס הייסט א קינד פון די אייביגע היימ־לאָזע?... איהר ווילט מסתמא א נדבה?... קיין געלד האָב איך נישט מיר זענען אָרים, זעהר אָרים. נור טאָמער זענט איהר הונ־געריג, אָדער דורשטיג, טאָ זייט אזוי גוט און געהט אריין אין דער יורטע און נעהמט, וואָס איהר וועט דאָרט געפינען. איך וואָלט אייך מיט פערגניגען אליין דערלאַנגט א שטיקעל ברויט, אָדער אביסעל מילך, בין איך אָבער בלינד, און מוז אליין בעדיענט ווערען. אָך־אָך־אָך...

גלאשא איז ארויסגעפאָהרען פון סריעטיענסק קיין באיאן זעהר קריגעריש געשטימט. איהר אייפערזיכט און איהר האס צו דער אונ־בעקאַנטער פערזאָן, צוליעב וועלכער גרישא האָט איהר פערלאָזט, האָבען אין איהר ארויסגערופען דאָס געפיהל און דעם געדאנק פון דעם שרעקליכסטען נקמה-אקט. זי האָט זאָגאר געהאלטען צו דעם דאָזיגען טייוולאָנישען צוועק אונטער דער פאטשיילע א פערגיפטעטען שטי־לעט. איהר קריגערישע שטימונג און איהר פערצווייפעלטער ענט־שלוס זענען אין איהר הארץ געשטיגען און אלץ מעהר און מעהר פעסטער געוואָרען אין פערלויף פון דער צייט, וואָס עס האָט גע־דויערט די רייזע פון סריעטיענסק ביז באיאן. אין דער זעלבער שטימונג איז זי געגאנגען פון דעם באהן־הויף ביז צו דער יורטע מיט דעם וועג, וואָס יערמיל האָט איהר בעצייכענט. פלוצלינג אָבער, דערזעהענדיג דעם עלענדען בלינדען און די גרויליכע חורבה, אין וועלכער עס לעבט איהר קאָנקורענטין, איז זי געבליבען שטעהן א ערשטוינטע, זי איז געוואָרען אָבהענדיג און אין איהר מוח איז בליץ שנעל, כמעט מעכאניש, ענטשטאַנען די פראגע:

— איז דאָס מעגליך?... אין דער חורבה זאָל דער יונגער מיל־יאָנער האָבען פערבראכט די אָוונעדען?...

די אויסגעלאָשענע אויגען, דאָס אויסגעצערטע פערגעלטע גע־זיכט, די שוואכע קראנקהאפטע שטים, די ריינהערציגע, גאסטפריינד־ליכע און מיטליידפולע ווערטער פון דעם אונגליקליכען פאסעליעניעץ האָבען גלאשא'ן ענדגילטיג ענטוואָפענט, האָבען, ווי דורך א צויבער, פערלאָשען דאָס פייער פון איהר לוסט צו נקמה, און גענען איהר

פאַרגענומענעם ענטשלוס, האָט איהר ארומגענומען א געפיהל פון רחמנות צו די בעוואוינער פון דער איינזאמער יורטע...

גלאשא איז געשטאנען א צעמישטע, זי האָט זיך איינגאנצען פערלאָרען. זי האָט געקוקט אויף די בלינדע אויגען, וואָס זענען אונ־בעוועגליך געווען אָנגעשטעלט אויף איהר, און איהר האָט זיך אויס־געדוכט, אז די אויגען ווײנען שטיל, אָהן טרערן. א פראָסט איז דורכגעלאָפען איבער איהר קערפּער. זי האָט פּלוצלינג פערלוירען איהר גאנצען קוראזש, איהר גאנצען מוט און זי האָט נישט גע־וואוסט, וואָס זי האָט צו ענטפערען דעם בלינדען אויף זיינע ווער־טער.

— פארוואָס־זשע געהט איהר נישט אריין אין דער יורטע?— האָט זיך יעלין ווידער אָנגערופען נאָך א געוויסער ווײלע.

— אָ, ניין, גוטער מענש, — האָט גלאשא געענטפערט מיט א ווייכער שטים. — איך בין נישט הונגעריג און נישט דורשטיג... און קיין נדבה פערלאנג איך אויך נישט. איך דאנק אייך פאר אייער גוט הארץ.

— טאָ וואָס־זשע האָט אייך אהער געבראכט?... זעצט אייך איהר זענט דאָך מסתמא מיעד? זעצט אייך, זייט אזוי גוט, און זאָגט מיר וואָס עס איז אייך ניחא.

— איך וויל זעהן אייער טאָכטער. איך וויל מיט איהר רע־דען...

— מיט מיין טאָכטער? — האָט יעלין פערוואונדערט גע־פרעגט.

— יאָ, גוטער מענש.

— פון וואנען קומט איהר דען?

— פון סריעטיענסק.

— פון סריעטיענסק? — האָט יעלין איבערגעפרעגט און איהם איז מאָמענטאל איינגעפאלען די השערה, אז די ציגיינערין איז גע־שיקט געוואָרען צו ראשעל'ן פון גרישא'ן.

— מיין טאָכטער וועט באלד אָנקומען — האָט יעלין צוגעגע־בען. — זעצט אייך, איך בעט אייך.

— וואו איז זי דען?

— זי איז אָט דאָ נישט ווייט, בי דער שילקאַ, מיט אונזערע וועש...

גלאַשאַ האָט מעהר גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט געזאָגט, און איז באַלד מיט איהר אייגענטימליכער שנעלקייט אַראָבגעלאָפען צום טייך.

ווי פערהאַלטען דורך אַ געהיימער האנד, איז גלאַשאַ אין מי־טען סאַמע אימפּעט געבליבען מיט אמאָל שטעהן. ווען זי האָט פּלוצלינג דערזעהן, ווי ראַשעל איז געשטאַנען אַ איינגעבויגענע ביז די קניע אין וואַסער און האָט געשווענקט די וועש.

ראַשעל האָט נישט בעמערקט די ציגיינערין. זי האָט זיך גע־טהון איהר אַרבייט און האָט מיט איהר זיסען סאָפּראַן און אַ טיפען געפיהל דערביי געזונגען איינס פון די מעלאַנכאָלישע קליינרוסישע ליעדער אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון די צוויטשערענדע פּוי־געל אויף די געדיכט בעגרינטע צווייגען פון די בוימער אין דער נאָהענטער טייגאַ.

גלאַשאַ איז אַ פּאָר מינוט געשטאַנען ווי אַ פערגליווערטע. זי האָט געקוקט אויף ראַשעל'ס איינגעבויגענע פיגור, אויף איהרע שע־נע אַלעבאַסטאַר־ווייסע נאַקעטע פיס, אויף איהר נישט איבריג לייכ־טע אַרבייט, זי האָט זיך צוגעהערט צו איהר זיס־טרויעריגען גע־זאנג און זי האָט דערפיהלט, ווי הייסע טרעהרען טרעטען־צו צו איהר קעהל און ברענען איהר, און שטיקען איהר, און נאָך אמאָל איז אין איהר מוח אויפגעשטאַנען די פראַגע:

— איז דאָס מעגליך?... איז דען מעגליך, אַז גרישאַ קאַלמאַר זאָל לאָזען פיהרען אַזאַ אָרים, אַזאַ געמאַטערט לעבען די פּערזאָן, וועלכע ער ליעבט און צוליב וועלכער ער האָט מיך פעררא־טען?... און אויב ער ליעבט זי, יאָ, און זי נוצט נישט אויס זיין ליע־בע, און אַרבייט דאָך שווער, ווי דאָס געמיינסטע דיענסט־מיידעל, און פיהרט דאָך איהר ביטער לעבען צוזאַמען מיט איהר אונגליק־ליכען פאָטער אין דער חושך'דיגער יורטע, איז זי דאָך אַ הייליגע... איז זי דאָך אַ מלאך אין מענשען־געשטאַלט!!! און אָט דעם מלאך האָב איך, אונגווירדיגע ציגיינערישע שלאַנג,

געוואַלט אָברוימען פון וועג מיט דער הילף פון דעם פערגיפטעטען געוועהר?:...

אויגענבליקליך האָט גלאשא ארויסבעקומען פון אונטער דער פאַטשיילע דעם פערבעהאַלטענעם שטילעט, זי האָט איהם ווייט אַ וואָרף געטהון אין דער טיפעניש פון דער שילקא, און גלייך דערויף האָט זי אראָבגעוואָרפען פון זיך די פאַטשיילע און האָט געמאַכט אַ פערצווייפעלטע בעוועגונג מיט דעם צוועק צי וואַרפען זיך אליין אין אָבגרינד פון דעם טיפען טייך...

ראשעל, וועלכע האָט אויפגעשווידערט פון דעם פלוצלינגען גע־רויש, וואָס דער שטילעט האָט ארויסגערופען מיט זיין פאַלען אין וואסער, האָט אויסגעגלייכט איהר פיגור, האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ הינטער זיך, כדי צו זעהן, ווער עס איז דער וואַרפער, און, דערזעהענדיג דאָס משוגה'דיגע לויפען צום וואסער פון דער אונבע־קאַנטער פערזאָן, האָט ראשעל מיט איין האסטיגען שפּרונג איהר פערשטעלט דעם וועג צום טייך, אויסשרייענדיג:

— וואָס ווילט איהר טהון, אונגליקליכע?!...

אַ געוויסע צייט זענען דיביידע פרויען געשטאַנען איינע גע־גען דער אנדערער, ווי צוויי שטומע אונבעוועגליכע סטאַטועז. גלא־שא איז געוועזן ווי בעטויבט, ווי פערשטיינערט. איהר געזיכט האָט בעדעקט אַ ברוינליכע בלייכקייט, און איהרע ברייט אויסגעשטאַרטע אויגען האָבען געקוקט פערווירט אויף ראשעל'ס רייצענדען האלב־נאַקעטען קערפּער, אויף איהר ענערגיש געזיכט מיט די וואונדער־שענע העל־בלויע אויגען און מיט די זיסע דינע ליפּען, פון וועלכע עס האָבען זיך נאָר־וואָס ארויסגעריסען מיט אַזוי פיעל ערשטוינונג, מיט אזוי פיעל רחמנות און מיט אזוי פיעל ענערגיע, די ווערטער:

„— וואָס ווילט איהר טהון, אונגליקליכע?!...“

ראשעל האָט די ערשטע איבערגעריסען דאָס שווערע שטיל־שווייגען. זי האָט איהרע צאַרטע ענטבלויזטע הענד מיט די פערקאַ־טשעטע ארבעל פון דער אָפענער בלוזע ארויפגעלעגט אויף גלאשא'ס אקסעל און האָט זאַנפט געזאָגט:

— איך פרעג אייך נישט, ווער איהר זענט. איך פערשטעה, אז איהר מוזט ז ע ה ר, ז ע ה ר אונגליקליך זיין... נאָר קאָנט

איהר מיר נישט זאָגען, וואָס אזוינס האָט איהר ארײנגעוואָרפען אין וואסער?...

— א שטילעט, — האָט גלאַשא קורץ געענטפערט מיט אַ שטים פון וואהנזיניגער אפאטיע און האָט פערדרעהט איהר גע־זיכט אין א זייט, אום אויסצומיידען ראשעל'ס מיטליידפולען בליק.

— א שטילעט? — האָט ראשעל געפרעגט א ערשטוינטע.

— א פערגיפטעטען שטילעט, — האָט גלאַשא געענטפערט מיט דער זעלבער שטים, נישט קוקענדיג ראשעל'ן אין געזיכט.

— איהר האָט געהאט די אבזיכט זיך צו דערשטעכען מיט דעם שרעקליכען געוועהר?

— איך האָב געהאט די אבזיכט ז י ך צו דערשטעכען מיט דעם שרעקליכען געוועהר... איהר האָט גערעטעט פון טויט די פער־זאָן, וואָס איז אהער געקומען מיט דער אבזיכט אייך צו ערמאָר־דען...

ראשעל האָט אויפגעשוידערט. נישט פון שרעק האָט זי אויפ־געשוידערט, נאָר פון דעם געדאנק, אז דאָ שטעהט פאר איהר א אונגליקליכע יונגע שענע גייסטעס־קראנקע, און נאָך פעסטער איז דער דאָזיגער געדאנק ביי איהר געוואָרען, ווען גלאַשא האָט פלוצ־לאנג א כאַפּ געטהון איהרע הענד, האָט זיי אָנגעהויבען קושען מיט א ווילדער ליידענשאפט און האָט מיט א פערשטיקטער שטים אי־בערגע'חזר'ט עטליכע מאָל:

— איהר זענט א הייליגע... איהר זענט א מלאָך.

— בערוהיגט אייך, פריינד מיינער, — האָט ראשעל צערט־ליך געזאָגט און האָט גלאַשא'ן א קוש געטהון אין געזיכט. — קומט מיט מיר, איהר וועט עפּעס עסען, עפּעס טרינקען, איהר וועט זיך אויסרוהען. אָט וועל איך נעהמען די וועש און מיר וועלען געהן.

ראשעל האָט פערוואָרפען אויפ'ן אקסעל די איבערגעשווענקטע וועש, מיט דער צווייטער האנד האָט זי גענומען גלאַשא'ן אונטער'ן אָרעם און זיי זענען אזוי ארויפגעגאַנגען אויף דעם ברעג, וואו גלאַ־שא האָט אויפגעהויבען די אוועקגעוואָרפענע פאטשיילע און האָט זיך ווידער אין איהר איינגעהילט, ציטערנדיג מיט דעם גאנצען קער־פּער ווי אין דער שטארקסטער קעלט.

— אייך איז קאַלט, אָרימע, — האָט ראשעל געזאָגט און האָט אויפֿגעהויבען אויף גלאשאַ'ן דאָס טוך. — קומט, וועט איהר טרינקען א גלאָז טהיי...

— אוי, ניין, איך וועל צו אייך נישט געהן, — האָט זיך פּלוצלינג גלאשא אָנגערופען און איז געבליבען שטעהן נעבען גרויסען שטיין, וואָס איז געלעגען אונטער א איינזאַמען לינדען־בוים.

— איך מוז אָבער געהן. אויף מיר ווארט דאָרט מיין בלינדער טאטע. ער איז אויך געווים אונרוהיג וועגען מיר.

— געה, געה, הימלישער מלאָך. איך וועל צו אייך קומען מאָר גען.

— מאָרגען וועלען מיר שוין דאָ נישט זיין. מאָרגען פאָהרען מיר איבער וואוינען אין סריעטענסק.

— קיין סריעטיענסק?... גוט. געה. איך וועל דאָ זיצען אויף דעם שטיין... איך וועל דאָ ווארטען..! געה, האָב נישט מורא!

— איהר גיט מיר דאָס וואָרט, אז איהר וועט דאָ רוהיג זי־צען?...

— געה. איך בין שוין רוהיג... איך וועל דאָ אויף דיר וואר־טען.

גלאשא האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שטיין און ראשעל איז האסטיג אוועק צו דער יורטע.

— דו ביזט שוין געווען אונרוהיג, טאטעשי, — האָט ראשעל געזאָגט און האָט געקושט דעם פאָטערס געזיכט.

— יאָ, אביסעל, — האָט דער בלינדער געענטפערט. — דאָ איז געווען איינע, א ציגיינערין, האָט זי געזאָגט, איז זי. זי האָט זיך געפרעגט אויף דיר.

— וואָס האָט זי פערלאַנגט?

— ווייס איך נישט. איך האָב איהר געזאָגט, אז דו ביזט ביים טייך, האָט זי דאָ נישט געוואָלט ווארטען, און איז צו דיר אהין געלאָפען. דו האָסט איהר געזעהן?

— יאָ טאטעשי!

— וואָס האָט זי דיר בעדארפט?

— איך האָב קיין צייט נישט געהאט מיט איהר צו רעדען. איך

האָב זיך געאײלט פֿערענדיגען מײן ארבײט און לױפֿען צו דיר...
זי װאַרט אױף מיר אױף דעם שטײן װאָס אונטער דעם לינדען־בױם. אַט װעל איך דיר נאָר מאַכען דײן פּיליזשאַנקע טהײ מיט מילך, װעל איך צוריק לױפֿען צו איהר... איך װעל פֿאַר איהר אױך מיטנעהמען א גלאָז טהײ.

אין א צעהן מינוט ארום, װען ראשעל איז צוגעקומען צום לינדען־בױם, האָט זי שױן קײנעם נישט געטראָפֿען. מיט הארצקלאַפּעניש האָט ראשעל בעקוקט דעם גאַנצען שטח װײט ארום. זי האָט מיט א אָנגעשטרענגטער אױפֿמערקזאַמקײט בעטראַכט די אױבערפֿלעכע פֿון דער שילקאַ׳ נאָר אַלץ ארום איז געװען רוהיג־שטיל, אָהן א שום צײכען, אָהן א שום שפּור פֿון א מענשליכען װעזען.

— זאָל די אונגליקליכע דאָך האָבען בעגאַנגען זעלבסטמאָרד אין מײן קורצער אָבװעזענהײט? — האָט ראשעל בײ זיך געטראַכט מיט א פֿערקלעמט הארץ.

לאַנג איז ראשעל געשטאַנען בײ דעם שטײן אונטער דעם לינדען־בױם און האָט געװאָלט געפֿינען אַן׳ענטפֿער אױף די פֿערפּלאָנטערטע פֿראַגען און געדאַנקען, װאָס דאָס ערשײנען און פֿערשװאונדען פֿון דער אונבעקאַנטער רעטזעלהאַפֿטער יונגער און בילד־שענער פֿרױ האָבען אין איהר ארױסגערופֿען.

ארום און ארום איז אָבער אַלץ געװען אײנגעהילט אין א טױטער שטילקײט. קײן שום געגענשטאַנד האָט ראשעל׳ן נישט געגעבען קײן ענטפֿער זאָגאַר אױף אײנע פֿון איהרע פֿיעלע פֿראַגען, און א אונרוהיגע, א נידערגעדריקטע איז ראשעל צוריקגעגאַנגען אהײם.

נור אומזיסט איז ראשעל אונרוהיג געװען. די װילדע ציגײנערין איז קײן זעלבסטמאָרד נישט בעגאַנגען.

באַלד װען ראשעל איז אװעק צו דער יורטע מיט דער װעש אױף דעם אַקסעל האָט גלאַשאַ דערהערט דאָס פֿײפֿען פֿון דעם צוג, װאָס איז געגאַנגען פֿון נערטשינסק קײן סריעטיענסק און אין אײן אָטעם איז גלאַשאַ אַװעקגעלאָפֿען צום װאָקזאַל, איז ארײן אין װאַגאָן און איז אָבגעפֿאָהרען פֿון באַיאַן.

אין יענעם אָװענד האָט זיך גלאַשאַ נישט בעװיזען אױף דער עסטראַדע. זי איז געלעגען אױף איהר געלעגער אין דער ציגײנער־

שטוב אין א שטאַרקען נערוועז־פיבער מיט א הויכער טעמפּעראַ־טור...

און פּונקט אין יענעם אָוונד, נאָך דער לאַנגער הפסקה איז גרישא קאָלמאַר געזעסען ביי זיין טיש אין „ארקאדיא" אין דער געזעלשאַפט פון סערגיי אפאַנאַסיעוויטש, יעפרעם אניסיעוויטש און סאמואיל לאזארעוויטש, פון דעם פאָטער, הייסט עס, וועלכער האָט זיך געלאָזט אָנרעדען און האָט צום ערשטען מאָל בעזוכט דעם קאבארעט' כדי צו הערען און אָנקוקען די וואונדער־שענע ציגיינע־רין גלאשא.

VI

אין נייעם וואהי־ארט

בעזונדערס הערליך איז אין יענעם פריהמאָרגען אויפגעגאַנגען די זון איבער יעלינ׳ס יורטע. די זון האָט נישט געברענט, נישט געבאַקען, אזוי ווי איר שטייגער איז אין די וויטער סיבירער דרומות־מזרחית׳דיגע ערטער באַלד ביי איהר אויפגאנג. אין יענעם פריה־מאָרגען האָט זיך די זון אויסנאהמסווייזע אויפגעפיהרט מילד, זי האָט משמעות בעריקזיכטיגט דעם בלינדען פאָסעליעניעץ מיט זיין טאָכטער, וועלכע האָבען זיך געקליבען אין וועג פון באיאן קיין סריע־טיענסק.

מארק באָריסאָוויטש איז געוועזן שטאַרק אויפגערעגט. דעם גאַנ־צען פריהמאָרגען, נאָך דער שלעכט־געשלאָפענער נאכט, האָט ער זיך געפונען אין א אונרוהיגער שטימונג, אין א מין רייזע־פיבער, און יעדע עטליכע מינוט האָט ער נערוועז און אונגעדולדיג געפרעגט:

— נאָך לאַנג צום צוג, ראשענקע?...

און ראשענקע האָט זיך נישט געפוילט. זי איז יעדעס מאָל ארויסגעלאָפען אין דרויסען, האָט א קוק געגעבען אויף דעם פּרי־מיטיוון זון־זייגער, וואָס זייער שכן, א יונגער בוריאַט, האָט אויס־געקריצט אויף א אָבגעהאַקטען וואָרצעל פון א איבערגעזעגטער ליי־דע פאר זייער יורטע — האָט ראשענקע א קוק געגעבען אויף דעם

דאָזיגען זייגער, און האָט דעם פּאָטער מיטגעטיילט, וויפיעל שעה עס איז נאָך דאָ צום צוג.

געווען ביי זיי אין דער יורטע א ביליג וואנד-זייגערל, זענען זיינע גלידער פערזשאווערט געוואָרען, זיין פּרצוף פערשימעלט גע־וואָרען, הענגענדיג אויף דער פייכטער וואנד.

— אַך־אַך־אַך, — האָט יעלין יעדעס מאָל אָבגעקרעכצט. — נאָך לאנג, נאָך זעהר לאנג צו ווארטען... אַך־אַך־אַך.

— זיי רוהיג, פּאפּאָטשקא. עס וועלען איבערלויפען די שעה'ן, — האָט איהם ראשעל געטרייסט און ברעוהיגט, אזוי ווי מען ברעוהיגט א אונגעדולדיג קינד.

— אוי, וועלען זיי איבערלויפען, — האָט יעלין מסכים גע־ווען שאָקלענדיג דעם קאָפּ און טיעף אָבזיפצענדיג. — אָט זענען דאָך איבערגעלאָפען צעהן חדשים... וואָס זאָג איך „איבערגעלאָפען”? אוי האָבען זיך די צעהן חדשים געשלעפּט, אָך־אָך־אָך... אוי האָבען זיי זיך לאנג און ביטער געשלעפּט, און דאָך זענען זיי איבערגע־לאָפען, און אצינד דאכט זיך מיר אזוי, אז ערשט נעכטען האָבען מיר זיך דאָ בעזעצט... נישט אמת, ראשענקע? דיר דאכט זיך נישט אזוי אויס?...

— אמת, פּאפּאָטשקא — האָט יעדעס מאָל ראשעל קורץ גע־ענטפערט.

דער בלינדער פּאסעליעניעץ' וועלכער איז געוועהנליך אָבגעזוע־סען לאנגע שטונדען פערזונקען אין זיין אינערליכער וועלט, אין זיין חשבון הנפש, און האָט זעלטען ארויסגערעדט מעהרערע ווערטער אויף איין מאָל, דער דאָזיגער שווייגענדער מארטירער איז אין יענעם פריהמאָרגען, א דאנק זיין אויפגערעגטען צושטאנד, אין וועלכען ער האָט זיך געפונען צוליב דעם שנוי, וואָס איז אזוי אומגעריכט פּאָרגעקומען אין זיין ביטערער לאגע — געוואָרען אונגעהויער רע־דעוודיג, און עס זענען נישט אריבערגעגאנגען קיין צעהן מינוט, אז ער זאָל זיך נישט ווענדען צו דער טאָכטער מיט וועלכער עס איז פראגע, אָדער מיט וועלכער עס איז בעמערקונג.

דאגעגען איז ראשעל אין יענעם פריהמאָרגען געווען נישט זעהר אויפגעלעגט צום רעדען. זי איז די גאנצע נאכט נישט געשלאָפען און

האָט זיך גייסטיג נישט איבריג גוט געפיהלט. דאָס זענען געווען די פאָלגען פון איהר נעכטיגען בעגעגנען זיך מיט דער רעטזעלהאפטער יונגער פערזאָן, וועלכער זי האָט געשטערט אין בעגעהן זעלבסטמאָרד, פון וועלכער זי האָט געהערט אזעלכע אונפערשטענדליכע גרויזאַמע און אויך צערטליכע ווערטער, און וועלכע איז ענדליך אויף א געהייםּ־ניספולען אופן פערשוואונדען געוואָרען.

די גאנצע נאכט האָבען ראשעל'ס מוח געבויערט די פראגען:

— ווער האָט דאָס געקאָנט זיין? פון וואנען האָט זי זיך דער־נומען? וואָס האָט איהר געשטויסען אין אָבגרונד פון טויט? וואוהין איז זי אהינגעקומען? האָט זי ווירקליך אויסגענוצט מיין קורצע אָב־וועזענהייט און זיך געוואָרפען אין דער טיפעניש פון דער שילקאָ? ווי זאָל איך פערשטעהן איהרע זונדערבארע ווערטער, אז זי איז אהער געקומען מיט דער אבזוכט מיך צו ערמאָרדען? זענען דאָס געווען ווערטער פון א וואהנזיניגער פאנטאזיע, אָדער ווערטער פון א ווירקליכקייט? פארוואָס? ווער איז זי דען? וואָס פאר א עולה בין איך געגען איהר בעגאנגען?...

אָט אזוי האָט ראשעל שלאָפלאָז פערבראכט די לעצטע נאכט אויף דעם טאפטשאן אין דער יורטע. און דאצו האָבען איהר פון צייט צו צייט געקלונגען אין די אויערן דעם פאָטערס ווערטער, אז די ענדערונג פון זייער וואוינאָרט האָבען זיי צו פערדאנקען דעם איי־דעלען גרינגארי סאמואילאָוויטש'ן... צו דעם האָט פון צייט צו צייט געשוועבט פאר איהרע אויגען די געשטאלט פון דעם אונגליקליכען, מיט וועמען זי האָט זיך גערעכענט פאר פערבונדען אויף אייביג... און ווידער האָבען איהר געקלונגען אין די אויערן דעם פאָטערס ווער־טער, אז מען דארף אָן איהם פערגעסען... פ ע ר ג ע ס ע ן, און נישט אָבשטויסען די האנד, וואָס א איידעלער מענש שטרעקט אויס צו אונז...

און ביי אלע פראגען, ביי די אלע געדאנקען, וואָס האָבען די לעצטע צוועלף שעה אזוי געקוועלט איהר אויסגעמאטערטען מח, ביי איהר גאנצער שווערער שטימונג, איז ראשעל דאָך מיט'ן פאָטער געווען צערטליך, ווי געוועהנליך, אזוי אז ער זאָל נישט פיהלען איהר שווער געמיט, און ווען ער האָט איהר געפרעגט:

— ראשענקע, דו פרעהסט זיך גאָרנישט דערמיט, וואָס מיר פערלאָזען ענדליך אָט דעם וויסטען בית־הקברות, און וועלען זיך בע־זעצען אין א שטאָדט, וואו דאָס לעבען קאָכט? — האָט זי מונטער געענטפערט:

— ווי פאלט דיר איין אזא פראגע, טייערער?... וואָס הייסט איך פרעה זיך נישט? איך בין גליקליך. איך בין איבערגליקליך. סריעטיענסק איז א שטאָדט מיט געשעפטען, מיט ביוראָ'ס, מיט קאַנ־צעלאריעס. דאָרט וועל איך זיכער געפינען וועלכע עס איז ארבייט און דו... דאָס הייסט, מ י ר וועלען האָבען די מעגליכקייט צו לעבען בעסער, בעקוועמער.

— העלף מיר, ראשענקע, ארויסגעהן אין דרויסען און זיך זע־צען אויף דער פריזבע... צום לעצטען מאָל איינאָטהעמען די היגע לופט.

ראשעל האָט געגעבען דעם פאָטער איהר אָרעם און האָט איהם פון דער יורטע ארויסגעפיהרט אין דרויסען. נאָך דעם, ווי זי האָט איהם געהאָלפען איינזעצען זיך אויף דער פריזבע, איז זי צוריק אריין אין דער יורטע ענדיגען דאָס פערפּאקען פון זייער ביסעל מטלטלים.

עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט האָט יעלין גערו־פען:

— ראשענקע... טאָכטער.!!

— אָט בין איך דאָ, — טאטעשי.

— נאָך לאנג האָבען מיר ביז צום צוג?

ראשעל איז צוגעשפּרונגען צו דעם זון־זייגער און האָט געענט־פערט:

— אצינד איז צעהן מינוט נאָך אכט.

— האָבען מיר נאָך גאנצע זעקס שעה?

— יאָ, פאָטער, זעקס שעה אָהן צעהן מינוט.

— אָ. אָ. נאָך לאנג צו ווארטען...

— זיי רוהיג, טאטעליו. די שעה'ען וועלען גיך פערגעהן, — האָט ראשעל געזאָגט און איז אריין צו איהר ארבייט.

עס זענען אוועק עטליכע מינוט, און ראשעל האָט ווידער דער־הערט, ווי דער פאָטער רופט זי.

— וואָס פערלאַנגסטו, טייערער?

— טראָג מיר ארויס מיין פלעד. מיך פיבערט אביסעל.

— דאָס איז „רייזע־פיבער", פאַפּאַטשקאַ, — האָט ראשעל געזאָגט מיט א פיגלארישען טאָן.

— דו מאכסט חוזק פון טאטען, דו שטיפערקע וואָס די ביזט?...

— חוזק? גאָט בעהיט!

— שאדט נישט,—האָט יעלין געזאָגט און א שוואכער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיין אייביג פערצאָגטען געזיכט. — זיי פרעהליך, שאַץ מיינער, און מאך חוזק פון טאטען. פון וועמען זאָל מען חוזק מאכען, אויב נישט פון א אייגענעם טאטען?...

און צום ערשטען מאָל אין פערלויף פון די צעהן חדשים, וואָס זיי זענען געווען פערשטויסען אין דער וויסטער יורטע, האָט ראשעל דערהערט פון איהר פאָטער א הערציך לאכען.

ראשעל האָט ארויסגעבראכט דעם שטארק אויסגעריבענעם פלעד, אין וועלכען זי האָט איהם זאָרגפעלטיג איינגעהילט' און איז צוריק אריין אין דער יורטע.

יעלין איז א געוויסע צייט געזעסען מיט א הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט זיינע ברייט־אָפענע, אָבער פינסטערע אויגען. ער האָט דעם קאָפּ לאנגזאם געריכטעט אין פערשידענע זייטען, אזוי אז מען האָט געקאָנט האָבען דעם איינדרוק, אז ער בעטראכט און געזעגענט זיך מיט דער ארומיגער לאנדשאפט, וועלכע ער וועט איינגיבען פערלאָזען... באלד אָבער האָט ער שטיל און טיעף אָבגעזיפצט. ער האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געבליבען זיצען, אזוי ווי שטענדיג, פערזאָרגט, פער'מרה־שחורה'ט און פערזונקען אין זיין אינערליבער וועלט.

פלוצלינג האָט זיך דערטראָגען דאָס עכאָ פון א ווייטען, סיגנאליזירענדען פייפען. יעלין האָט אויפגעשווידערט. ער האָט האסטיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ, ער האָט אָנגעשטרענגט דאָס געהער, און נאָך א פּאָר סעקונדען האָט ער נערוועז, מיט אונגעדולד גענומען רופען:

— ראשעל, ראשענקע!

ראַשעל איז מאָמענטאַן אַרויסגעלאָפֿען פֿון דער יורטע.

— דו פֿערלאַנגסט עפּעס, טאַטעליו? — האָט זי געפֿרעגט.

— דו האָסט געהערט דאָס פֿייפֿען?

— ניין, טאַטעליו, איך האָב גאָרנישט געהערט. איך האָב זיך שטאַרק פֿערטראַכט ביים פֿערפּאַקען די זאַכען.

— און איך האָב יאָ געהערט. איז דאָס נישט געווען דאָס פֿייפֿען פֿון אַ אָנקומענדען צוג, ראַשענקע?

— קאָן זיין, פּאַפּאָטשקאַ. מסתּמא פֿון אַ וועלכען עס איז פּראַכט־צוג. אַלענפֿאַלס נישט פֿון דעם צוג, מיט וועלכען מיר בעדאַרפֿען פֿאָהרען. זיי רוהיג, טייערער. מיר האָבען נאָך קנאַפּע זעקס שעה צו וואַרטען.

— נאָך קנאַפּע זעקס שעה? עקעלהאַפֿט, ווי די צייט שלעפּט זיך, אָך־אָך־אָך... זענען שוין די זאַכען פֿערפּאַקט?

— יאָ, טאַטעשי. פֿערפּאַקט און פֿערשנורעוועט. וועסטו אפשר עפּעס טרינקען? זעץ זיך, מלאך מיינער.

— שאַדט נישט, טייערער, — האָט ראַשעל צערטליך געזאָגט און האָט זיך געזעצט האַרט נעבען פֿאָטער אויף דער פּריזבע. — „אַרבייט מאַכט דאָס לעבען זיס". געדענקסטו, טאַטענקע? דאָס איז דאָך געווען דיין ליבלינגס־שפּריכוואָרט...

דער אויסערגעוועהנליך אויפֿגערעגטער יעלין האָט געוואָלט נאָך לאַנג רעדען איבער זאַכען, וואָס ער האָט געוועהנליך אין זיך געדריקט, ער איז אָבער פֿערשוויגען געוואָרען און האָט אויפֿסניי אָנגעשטרענגט זיין געהער, ווייל ער האָט ווידער דערהערט אַ פֿייפֿעריי, פֿיעל דייטליכער און פֿיעל נעהנטער, ווי פֿריהער, און באַלד דערויף האָט זיך דערהערט דאָס רוישען פֿון דעם וואַסער אין דער שילקאַ.

— דו הערסט, ראַשענקע?

— איך הער, פֿאָטער. דאָס פֿאָהרט אויף דעם טייך אַ מאָטאָרשיף.

נור אין דעם זעלבען מאָמענט איז צום ברעג פּונקט געגען דער יורטע צוגעפֿאָהרען סון־דזשון מיט גרישאַ'ס מאָטאָר־שיפֿעל, פֿון וועלכען עס איז אויסגעשטיגען סאַמואיל לאַזאַרעוויטש'עס קאַסיר, יעפֿרעם אַניסימאָוויטש.

— צי האָב איך די עהרע זעהען פאר זיך די הערשאפטען מארק באָריסאָוויטש יעלין און ראשעל מארקאָוונא יעלין? — האָט יעפרעם אניסימאָוויטש געפרעגט מיט א העפליכער פערנייגונג, ווען ער איז צוגעגאנגען צום אָרט, וואו עס זענען געזעסען דער פאָטער מיט דער טאָכטער.

— יאָ, דאָס זענען מיר, — האָט ראשעל געענטפערט א פערוואונדערטע, אויפשטעהענדיג פון דער פריזבע.

— און איך בין קראמאַלאָוו, יעפרעם אניסימאָוויטש קראמאַ־לאָוו. א פּאָליטישער פערשיקטער. איך בין קאסירער ביי סאמואיל לאזארעוויטש קאָלמאר אין סריעטיענסק. ביי דעם „קופּער־קעניג".

— זעהר אָנגענעהם, — האָט מארק באָריסאָוויטש געזאָגט און האָט אויסגעשטרעקט די האנד. — א פּאָליטישער פערשיקטער, און דיענט ביי א „קעניג" — האָט זיך יעלין געוויצעלט.

— שאדט נישט, מארק באָריסאָוויטש — האָט יעפרעם אני־סימאָוויטש אָבגעענטפערט, דריקענדיג יעלינ'ס אויסגעשטרעקטע האנד. — שאדט נישט. ווען יערער געקרוינטער קעניג וואָלט געווען ווי דער, וואָלטען מיר נישט געהאט קיינע פּאָליטיש פערשיקטע מאר־טירער.

— און דערצו נאָך גאָט די נשמה שולדיגער מארטירער, — האָט יעלין פון זיך מוסיף געווען. — אָך־אָך־אָך... בעדארף איך אייך פרעגען, יעפרעם אניסימאָוויטש, וואָס אייך האָט געבראכט אין אונזער „פּאַלעסטינא"? איהר שטעהט די גאנצע צייט?... ראשענ־קע, טראָג ארויס דעם טאבורעט, וועט זיך הערר קראמאלאָוו זע־צען.

ראשעל, וועלכע איז געשטאנען א איבערראשטע פון דעם אומ־ערווארטעטען בעזוך, האָט געוואָלט געהן אין דער יורטע נאָך א טאבורעט, נאָר קראמאלאָוו האָט זי אָבגעהאלטען, זאָגענדיג:

— נישט נויטיג, ראשעל מארקאָוונא. נישטאָ קיין צייט צו זיצען. געשיקט האָט מיר צו אייך מיין יונגער שעף...

— גריגאָרי סאמואילאָוויטש קאָלמאר, הייסט עס? — האָט זיך לעבהאפט אָנגערופען מארק באָריסאָוויטש.

— יאָ, ער אליין. פון אונזער איספּראוויניק האָט ער ערפאהרען אז אייך איז ערלויבט צו בעזעצען זיך אין סריעטיענסק...

— פון איספּראווניק, זאָגט איהר, האָט ער ערפאהרען? — האָט יעלין געפרעגט מיט א איראָנישער נייגירינקייט.

— יאָ, מארק באָריסאָוויטש, פון איספּראווניק... נו, האָט ער מיר געבעטען, איך זאָל אהער אראָבפאָהרען און פערנעהמען אויף זיין מאָטאָר־שיפעל אייך מיט אייער באגאזש, און אָבפיהרען אייך אין אייער נייע וואוינונג אין סריעטיענסק.

— מיר האָבען דאָך אָבער נאָך נישט קיין וואוינונג אין סריע־טיענסק... מיר מוזען איצט דאָרט אויסזוכען עפּעס א דירה — האָט ראשעל בעמערקט מיט א קוים בעהערשטער אונרוהיגקייט.

— ענטשולדיגט, ראשעל מארקאָווגא, — האָט קראמאלאָוו אָבגעענטפערט, — סאמואיל לאזארעוויטש האָט דערפאר געזאָרגט און איהר האָט שוין יאָ א וואוינונג. א אָבגעזונדערט הייזעל פון צוויי צימערען מיט א קיך, מיט א גערטעלע. אויך נאָהנט פון דער שילקא... די וואוינונג איז בעשיידען, אָבער בעקוועם איינגעריכ־טעט.

— נו, ראשענקע, האָב איך נישט רעכט געהאט? — האָט יעלין געזאָגט מיט א זעלבסצופרידענעם שמייכעל. — דו פער־שטעהסט? „פון אינספּראווניק האָבען זיי ערפאהרען"... יאָ, יאָ, נאָך פארהאן איידעלע מענשען אויף גאָטס וועלט. אפילו אין סיביר... נאָר זאָג, ראשענקע. זאָגט, יעפעם אניסימאָוויטש, ווען און אויף וואָס פאר א אופן וועלען מיר אָרימע עלענדע און פערשטויסענע זיך קאָ־נען אָבדאנקען דעם גוטען מענשען?

— זייט רוהיג, מארק באָריסאָוויטש, — האָט קראמאלאָוו געזאָגט. — סאמואיל לאזארעוויטש פערלאנגט נישט, מען זאָל איהם דאנקען פאר זיינע גוטע טהאטען.

— אָך־אָך־אָך. ווען איך וואָלט וועניגסטענס געקאָנט אָנקוקען די איידעלע געזיכטער... און איך האָב געמיינט, אז אויף אייביג... אויף אייביג בין איך בעגראָבען אָט אין דעם וויסטען קבר...

— זענט איהר רייזע־פערטיג, ראשעל מארקאָווגא? — האָט

יעפרעם אניסימאָוויטש געפרעגט נאָך א ווײַלע פון אַלגעמײנעם שטיל־שווײַגען.

— יאָ, מײַן הערר. נאָר אַרויסצוטראָגען אונזער נישט איבעריג־רײַכען באַגאַזש און אויפזעצען זיך אויפ׳ן שיף.

סון־דזשון האָט מיט זײַן אײַביגען כינעזישען שמײכעל אויף זײַן פלאכען און בלאס־געלען געזיכט ארויפגעטראָגען אויף דעם מאָטאָר־שיפעל די פערפאקטע חפצים. ראשעל און קראמאלאָוו האָבען אונטער די הענד ארײַנגעפיהרט יעלינ׳ען און איהם אוועקגעזעצט אויף דעם בעקוועמסטען פלאַץ פון דעם שיפעל, און אזוי ארום האָט דער בלינדער פאָסעליעניעץ מיט זײַן טאָכטער פערלאָזט די וויסטע יורטע, וואו זיי האָבען זיך אָבגעפלאָגט העכער צעהן חדשים.

עס האָט געדויערט א קנאפע שעה און יעלין מיט ראשעל׳ן האָבען בעטרעטען די שוועל פון זייער נײַער וואוינונג אין סריעטיענסק.

— איך בעגריס אײַך, מײַנע הערשאפטען, מיט דער נײַער וואוינונג און ווינש אײַך פיעל, פיעל גליק אין נאָמען פון סאמוראיל לאזארעוויטש׳ן, אין נאָמען פון גריגאָרי סאמואילאָוויטש׳ן און אין מײַן אײגענעם נאָמען, — האָט פײַערליך אויסגעשריגען יעפרעם אניסימאָוויטש און האָט מיט רעספעקט א קוש געטהון ראשעל׳ס האנד.

ראשעל האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט קײן ווערטער נישט געפונען פון טיעפער איבערראשונג אין דעם ערשטען אויגענבליק. זי האָט איהרע אײגענע אויגען נישט געגלויבט. געמיטליכע, היימליכע, פריש־אוסגעקלעבטע, העלע צימערלעך. א הויכער שנײ־ווײַסער סופיט, א ביז־צום גלאנץ געוועקסטע פאָדלאָגע, נײַע בעקוועמע מעבעל. ארום דער הײַזעל א שעהן גערטעלע מיט בלומען און בליהענדע אקאציען. דורך די קרישטאָל־קלאָרע שויבען פון די פענסטער רײַסען זיך ארײַן גאנצע סנאָפּעס זון־שטראהלען, און מען זעהט דאָס שטראָמענדע העל־גרינע וואסער פון דער שילקא, מען זעהט דעם העל־בלויען הימעל מיט די קלײנע מאט־ווײַסע וואָלקענדלעך, מען זעהט דעם ווײַט־ווײַט משופּע׳דיגען האָריזאָנט מיט דער אונענדליכער לאנדשאפט. דאָ אָטעמט זיך לײַכטער, דאָ פיהלט מען זיך פריש, מונ־

טער, פריי. דאָ איז גוט, דאָ איז זיס, דאָ איז מען א לעבעדיגער מענש — און ראשעל האָט שיער נישט אויסגעשריען:

— טאַטענקע! זעה, קוק אָן, וואו מיר געפינען זיך נאָך דעם וויסטען פינסטערען קבר.

זי האָט זיך אָבער אויגענבליקליך דערמאָהנט, אז ליידער קאָן איהר פאָטער נישט האָבען דאָס זעלבע פערגעניגען, וואָס זי האָט, בעוואונדערענדיג זייער נייעם וואוין־אָרט. זי האָט פּלוצלינג דער־פיהלט א שמערצהאפטען מיטלייד צו דעם אונגליקליכען בלינדען, און אָנשטאָט ארויסצוזאָגען איהרע געפיהלען מיט ווערטער, האָט זי דעם פאָטערס הענד צוגעדריקט צו איהרע ליפּען און האָט זי בעדעקט מיט הייסע הערצליכע קושען.

דערנאָך, ווען זי איז ענדליך געקומען צו זיך. פון דעם ערשטען איינדרוק האָט זי אויסגעשטרעקט איהר האנד צו קראַמאַלאָוו'ן זאָגענדיג:

— זאָל איך דאנקען, יעפרעם אניסימאָוויטש?... אָ, ניין דאָס וואָלט געווען צו באנאל.

— און פאר וואָס, ראשעל מארקאָוונא?... פאר וואָס קומט מיר צו דאנקען?

— פאר וואָס? דאָס איז אנ'אנדער פראגע... נור גיט איבער די איידעלע מענשען, אין וועמענס נאָמען איהר האָט זיך צו אונז עלענדע און פערשטויסענע מטריח געווען, גיט זיי איבער, אז מיט דעם אויגענבליק, וואָס איך האָב בעטרעטען די שוועל אָט פון דעם נייעם נעסט, האָב איך אָנגעהויבען גלויבען אין מענשען, אין מענש־ליכע גוטהערציגקייט...

— זייט רוהיג, ראשעל מארקאָוונא. דאָס וועט איבערגעגע־בען ווערען וואָרט־ביי־וואָרט. און איצט האָב איך צו אייך א ביטע...

— איהר האָט צו מיר א ביטע? — האָט ראשעל איבערגע־פרעגט און האָט אָנגעקוקט קראַמאַלאָוו'ן פאַרשעמט.

קראַמאַלאָוו האָט ארויסגענומען פון בוזעם־טאַש א פּאקעט און האָט געזאָגט מיט א געוויסער פערלעגענהייט:

— אָט דעם פּאקעט שיקט אייך איבער סאמואיל לאזארע־וויטש...

— וואָס ענטהאלט דען דער פּאקעט? איז אייך נישט בע־וואוסט? — האָט ראשעל געפרעגט און האָט געקוקט ערשטוינט אמאָל אויף קראמאַלאָוו׳ן און אמאָל אויף דעם פּאקעט.

— געוויס איז מיר בעוואוסט. דער פּאקעט ענטהאלט אַ גע־וויסע סומע געלד און אייניגע צייל׳ן, אייגענהענדיג געשריבען פון סאמואיל לאזארעוויטש׳ן...

— געלד?... דו הערסט, פּאַטער?... איך ווייס נישט! איך... איך קאָן זיך נישט ענטשליסען... איך...! הערר קראמאַלאָוו, איך גלויב, אז איהר פערשטעהט מיין... מיין פערלעגענהייט. אויב אייך איז בעקאנט דאָס, וואָס עס איז פּאַרגעקומען צווישען מיר מיט גריגאָרי סאמואילאָוויטש׳ן... עס איז מיר זעהר פּיינליך, אָבער איך קאָן דאָס געלד נישט נעהמען... די צייל׳ן, וואָס דער איידעלער מאן האָט גע־שריבען, וואָלט איך זעהר וועלען איבערלייענען און בעהאלטען, אָבער דאָס געלד...

ראשעל האָט גערעדט נערוועז און אויפגערעגט. איהר געזיכט איז אינגאנצען רויט געוואָרען און אין איהרע אויגען האָבען גע־גלאנצט טרעהרען.

— דער פּאקעט איז אדרעסירט אויף אייער נאָמען, ראשעל מארקאָוונא, און ער איז פערזיגעלט מיט דעם סיגנעט פון דעם „קופּער־קעניג“, — האָט קראמאַלאָוו ערקלערט. — איך האָב נישט דאָס רעכט אויפצוזיגלען. אויב אייך אינטערעסירט די צייל׳ן פון דעם אידעלען מאן, אזוי ווי איהר האָט בעוויליגט זיך אויסצודריקען, מוזט איהר איבערנעהמען דעם פּאקעט און אייגענהענדיג איהם אויפ־עפענען... איך מוז אייך זאָגען, פּיעלגעשעצטע ראשעל מארקאָוונא, אז סאמואיל לאזארעוויטש וועט זיך פיהלען זעהר געטראָפען, אויב איהר וועט זיך ענטזאגען צו בעהאלטען די קליינע סומע...

— דו הערסט, פּאַטער?...

— איך הער, טאָכטער מיינע, — האָט זיך אָבגערופען מארק באָריסאָוויטש, וועלכער איז די גאנצע צייט געזעסען שטיל אין אַ בעקוועמען ווייכען פאָטעל. — איך הער. ראשענקע... האָסטו דאָך נור וואָס געזאָגט, אז דו האָסט אָנגעהויבען גלויבען אין מענ־

שעה... מאַ גלויב־זשע, אַז דער פּאַקעט איז געשיקט געוואָרען מיט דער בעסטער, מיט דער ריינהערציגסטער אבזיכט...

— דו האָסט רעכט, פאָטער, איהר וועט מיר פערצייהען, געעהרטער יעפרעם אניסימאָוויטש... איך גלויב, אַז איהר פערשטעהט מיין לאגע... נור מיין פאָטער האָט רעכט...! ער איז שטענדיג געווען א מענש מיט א געזונדטען, לאָגישען פערשטאנד. ער האָט אויך אצינד רעכט, און מיט טיעפער אכטונג און דאנקבארקייט עמפּפאנג איך דאָס פּאַקעט.

— אצינד קאָן איך מיט א רוהיג הארץ אייך זאָגען: „אויף ווידערזעהן", און געהן אָבגעבען מיין שעה דין וחשבון.

— אויף ווידערזעהן, — האָבען גלייכצייטיג זיך אָבגערופען יעלין און ראשעל.

— איך האָף, אַז איהר וועט אונז אָפט בעזוכען, — האָט ראשעל צוגעגעבען, בעגלייטענדיג קראמאַלאָוו'ן ביז צו דער טהיר.

— מיט פערגעניגען, ראשעל מארקאָוונא. אויף ווידערזעהן.

— נישט אמת, ראשענקע? — האָט יעלין זיך אָנגערופען, ווען ראשעל איז צוריק אריינגעקומען אין שטוב. — איך האָב דאָס געפיהל, ווי מיר וואָלטען זיך געפונען אין א פּאַלאַץ, אין א גן־עדן...! גיב מיר דיין קעפּעלע, לאָמיר דיר צום ערשטען מאָל צודריקען צו מיין ברוסט אין אונזער נייער וואוינונג.

ראשעל האָט אוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויף דער פאָטערס ברוסט. ער האָט הייס געקושט איהר קאָפּ, איהר שטערן, איהרע אויגען, איהרע פינגער, זאָגענדיג:

— אָט אַזוי, טייערע... אָט אַזוי, איינציגע מיינע... אָט אַזוי... אָט אַזוי!! נו, און אצינד נעהם לייען איבער, וואָס דער גוטער מענש שרייבט.

מיט הארץ־קלאַפּעניש און מיט ציטערנדיגע פינגער האָט ראשעל אויפגעזיגעלט דעם קאָנווערט, פון וועלכען זי האָט ארויסגענומען א שפּאַנעל־נייעם באנקנאָט אויף פינף־הונדערט רובל און פאָלגענדע קורצע צייל:

„זעהר געעערטע, אָבוואָהל נאָך אונבעקאנטע פריינד! געטריי צו אונזערע סיבירער זיטען, שיק איך אייך איבער דאָס קליינע גע־

שענק צוזאמען מיט מיין אויפריכטיגען איניגסטען גליק־וואונש צום טאָג פון אייער בעזעצען זיך אין אייער נייעם וואוין־אָרט. אויב מיר קענען אונז נאָך נישט פ ע ר ז ע נ ל י ך, רופט דאָך אין מיר ארויס צו אייך אכטונג און פ ר י נ ד ש א פ ט דאָס וועניגע, וואָס איך האָב וועגען אייך געהערט פון מיין איינציגען זוהנ׳ס מויל, און דאָס גיט מיר דאָס רעכט צו האָפען, אז איהר וועט מיין האנדלען בעטראכטען, ווי דאָס האנדלען פון אנ׳אלטען נאָהנטען פריינד, און דאָס וועט דינען אלס ערשטער שריט צו אונזער פערזענליכער בעקאנטשאפט. מיט אמת׳דיגער אכטונג סאמואיל לאזארעוויטש קאָלמאר״.

— דו פערשטעהסט, ראשענקע? — האָט יעלין זיך אָנגערופען א געריהרטער ביז צו טרעהרען. — גיעב מיר דאָס בריוועלע... אויב איך בין אזוי געשטראָפט און קאָן מיט מיינע אויגען נישט אָנקוקען די טייערע אותיות, וויל איך וועניגסטענס ארויספיהלען זיי דורך מיינע פינגער.

— גוט טאטעשי, — האָט ראשעל געזאָגט, איבערגעבענדיג דעם פאָטער קאלמאר׳ס בריוועל, און צוויי שטילע, אָבער גרויסע, טראָפען טרעהרען האָבען זיך ארויסגעקוילערט פון איהרע אויגען.

יעלין האָט לאנג געהאלטען דאָס פאפיר מיט די פינגער פון ביידע הענד. ער האָט אָנגעשטעלט אויף די ציילען די אויסגעלאָשענע אויגען, און האָט קוים־קוים בעוואויגען די ליפען, פונקט ווי ער וואָלט שטיל, פאר זיך, הייסט עס, לייענען דאָס אָנגעשריבענע.

— דו פערשטעהסט, ראשענקע? — האָט ענדליך יעלין געזאָגט. — דו פערשטעהסט די ווערטער: „געטריי צו אונזערע סיבירער זיטען?״... א מערקווירדיג לאנד סיביר, מערקווירדיגע מענשען, מערקווירדיגע זיטען, מערקווירדיגע טראדיציעס... וואו זעהט מען ד אָ ר ט ביי אונז, אזא בעציהונג פון א מיליאָנער צו אזא אָרעמען פערשטויסענעם קאליקע, ווי איך בין?...

— וואָס וואונדערט עס דיר אזוי, פאפאָטשקא? דו פערגעסט, אז...

— איך פערגעס, אז דעם מיליאָנערס זוהן איז אין דיר פערליעבט, ווילסטו זאָגען?... אז ער האָט געבעטען דיין האנד, ווילסטו זאָגען?... הערסטו? איז עס דאָך טאקי נאָכמעהר מערקווירדיג, ווייל

אונזערער א מיליאָנער וואָלט אין אזא פאַל געקעהרט וועלטען. ער וואָלט פערפאָלגט מיט אלע מיטלען סיי דעם פאָטער און סיי די טאָכטער. ער וואָלט זיך אין זיי נוקם געווען אָהן רחמנות, וועהרענד דער סיבירישער „קופּער־קעניג" בעווייזט אונז אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט, אזוי פיעל וואהלטאט מיט אזא טאקט, מיט אזא אכטונג, מיט אזא אויפריכטיגקייט, און זוכט אונזער נאָהנטע בעקאַנטשאפט... דאָס קלינגט פאר איינעם פון די אונזעריגע ווי א לעגענדע, ווי א טרוים, און דאָ אין סיביר איז דאָס די איינפאכע ווירקליכקייט.

— דו האָסט רעכט פאָטער, — האָט זיך ראשעל אָבגערופען. — עס קלינגט ווי א טרוים, און דאָך איז עס די שענע ווירקליכקייט...

— נא, ראשענקע, נעהם די ציילען און פערבאהאלט זיי... דאָס איז א טייערער, א זעלטענער דאָקומענט, פערבעהאלט איהם צום אייביגען אָנדענקען.

— און דעם באנקנאָט? — האָט ראשעל געפרעגט. — איך וואָלט דעם באנקנאָט אויך פערבעהאלטען צום אייביגען אָנדענקען... מיר איז שווער זיך צו ענטשליסען און בענוצען זיך מיט דעם געלד...

— איך פערשטעה דיך, קינד מיינס... נאָר, פערפאלען!! אין אונזער לאגע טאָרען מיר נישט זיין אזוי עמפּפינדליך. בפרט אז עס איז נישט אויסגעשלאָסען קיין מחותנעשאפט מיט דעם איידעלען מאן... איבריגענס, בעטראכטען מיר די סומע נישט ווי א מ ת נ ה, נאָר ווי א ה ל ו א ה. איך האָף, אז דו וועסט דאָ אין פּריעטיענסק געפינען וועלכען עס איז פּאָסטען, וועסטו בּיסלעכווייז אָבשפּאָרען און אָבצאָהלען דעם הוב...

— דו האָסט ווידער רעכט, דו קלוגער קאָפּ מיינער. אין אונזער לאגע בעדאַרף מען זיין פּראקטישער, אויסגערעכענטער.

— אָט, אָט, אָט. דו וועסט זוכען בעשעפטיגונג, וועסטו קיין צייט נישט האָבען אזוי אָבגעבען זיך מיט מיר און מיט דער ווירטשאַפט, מוז מען אריינגעהמען א מענשען, און א מענש קאָסט געלד. וועסטו בעקומען א פּאָסטען, מוז מען אודאי האָבען בעדינגונגען... נו, און א חוץ דעם מוזען מיר זאָרגען פאר אונזער קליידונג... מיר

לעבען דאָך נישט מעהר אין דעם וויסטען מדבר... יאָ, ראַשענקאָ, מען מוז זיין פּראַקטיש. און מיט די זעקס קאַרבען אַ חודש, וואָס די פּאָליציי צאָהלט אונז אויס, וועלען מיר ווייט נישט קומען.

אין אַזעלכע געשפּרעכען איז פאַר דעם פאָטער מיט דער טאָכטער אַוועק דער ערשטער טאָג אין זייער נייעם וואוינאָרט.

אַ ערשטער און אַ אָנגעשטרענגטער פון די אויסערגעוועהנליכע איבערלעבענישען פון יענעם טאָג, איז מאַרק באָריסאָוויטש גליך מיט דעם אונטערגאַנג פון דער זון אַרויף אויף זיין פרישען בעקוועמען געלעגער אין דעם פרייען לופטיגען צימער, און איז מאָמענטאַן אַריינגעפאַלען אין אַ טיפען, זיסען שלאָף, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך גענוג אָבגעשפּיעלט און אָנגעשטיפט אין פערלויף פון דעם לאַנגען הערליכען פריהלינגס־טאָג. דערפאַר אָבער האָט ראַשעל נאָך נישט געקאָנט דענקען וועגען שלאָפען געהן.

די געשעהענישען פון די לעצטע פיער און צוואַנציג שעה. די אונערוואַרטעטע ערלויבניש פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, דאָס רעטזעלהאַפטע ערשיינען און פערשווינדען פון דער געהיימניספולער „זעלבסמערדערין״, ווי אויך איהרע זאָנדערבאַרע ווערטער, דער בעזוך פון יעפרעם אַניסימאָוויטש, די אויפריכטיגע ציילען פון דעם „קופּער־קעניג״, דאָס איבערפאָהרען פון באַיאַן קיין סריעטיענסק אין דעם זעלבען מאָטאָר־שיפעל, אין וועלכען זי האָט זיך מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק צום ערשטען מאָל נעהנטער בעקענט מיט דעם יונגען קאַלמאַר, די נייע וואוינונג מיט איהר בעקוועמער איינריכטונג און פראַכטפולער אָבגעזונדערטער אַנלאַגע — דאָס אַלץ צוזאַמען גענומען האָט אויפגערעגט איהרע ערשעפּטע נערווען. איהר אַנגעוועהטאָגט האַרץ, איהר אויסגעמאַטערטען מח ביז צו דער העכסטער מדרגה, און זי האָט געגאַרט נאָך רוה, נאָך איינזאַמקייט, נאָך מעגליכקייט צוזאַמענצוקלייבען איהרע צושפּליטערטע געדאַנקען און אָריענטירען זיך אין דער נייער אומגעריכטער לאַגע, אין וועלכער זי האָט זיך פּלוצלינג געפונען.

האָט איהר אָבער דער אונגליקליכער פאָטער גראָד אין יענעם טאָג גענומען אין אַנשפּרוך מעהר ווי געוועהנליך, ווענדענדיג זיך זיך צו איהר יעדען אויגענבליק מיט אַ אַנדערער פראַגע, מיט אַ אַנ־

דערער בעמערקונג, מיט א אנדערער השערה, אזוי אז זי האָט געמוזט דעם גאַנצען טאָג אָנשטרענגען איהר גאַנצע ווילענסקראַפט און זיין צום פאַכער צערטליך־אויפמערקזאם און איהם נישט געבען צו פיהלען איהר שווערען זעעלען־צושטאַנד.

ענדליך איז דער לאַנגער טאָג פאַריבער. דער פאָטער איז טיעף און רוהיג איינגעשלאָפען, זי איז אליין אין דעם איינזאַמען שטילען נעסט, קיינער שטערט זי נישט, קיינער בעאונרוהיגט זי נישט, און זי קאָן זיך פריי איבערגעבען איהר אינערליכער וועלט, איהרע פערשיעדענע געדאַנקען, איהרע פערשיעדענאַרטיגע געפיהלען...

ראַשעל האָט לייכט אָבגעאָטהעמט. זי איז א פאָר סעקונדען געשטאַנען איינגעבויגען איבער דעם פאָטערס געלעגער און זיך צוגעהערט, ווי זיין האַרץ קלאַפּט רוהיג און נאָרמאַל. פאָרזיכטיג האָט זי בעריהרט מיט איהרע ליפּען דעם פאָטערס שטערען, פונקט ווי זי וואָלט געווען א צערטליכע מוטער, און דער שלאָפענדער וואָלט געווען איהר איינציג קינד, און פונקט אזוי פאָרזיכטיג, אויף די שפּיץ־פינגער, האָט זי פערלאָזט דאָס הייזעל און איז ארוים אין גערטעל, וואו זי האָט זיך געזעצט אויף א באַנק אונטער א געדיכטער שמעקענדער אקאַציע.

די זון איז שוין געווען אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען. הויך איבער דעם הימעל האָבען לאַנגזאם געשוועבט רויטליך־גרויע וואָלקענדלעך, צווישען וועלכע עס האָבען דאָ און דאָרט קאָקעט געפינקעלט די ערשטע שטערענדלעך, וועהרענד אויף דעם ווייטען האָריזאָנט האָבען די לעצטע שטראַהלען פון דער זון נאָך פערגאָלדעט איינינגע שפּיצען פון די אונענדליך לאַנגע און הויכע בערג. אלץ ארום האָט זיך שטופענוויז איינגעהילט אין דעם רונקען־בלויען שאָטען פון דעם הערליכען פריהלינגס־אָווענד, די אָבגעקיהלטע לופט האָט זיך אָנגעפילט מיט א זאַפטיגען ערפרישענדען באַלזאַמען־אַראָמאַט, איבער דעם גאַנצען שטח פון דעם איינזאַמען ווינקעלע האָט געהערשט א רוהיגע געהיימניספולע שטילקייט, אין וועלכער עס האָט זיך פון צייט צו צייט דערטראָגען א לייכטער גערויש פון א פעראייזעלטער כוואַליע, וואָס האָט זיך אָבגעשלאָגען אין ברעג פון דער שילקאַ, און

עפּעס אַ גערויש פון דעם זאַנפטען אָוועגד־ווינטעלע צווישען די
בלעטער פון די ארומיגע אקאציען.

ראשעל האָט טיעף אין זיך איינגעאָטעמט די פרישע ערקווי־
קענדע לופט. אין דער צויבערפולער אטמאָספערע, אין דער פול־
שטענדיגער רוהיגקייט האָט זי זיך מיטאמאָל דערפיהלט מונטערער,
קרעפטיגער, לעבהאפטער. איהר קאָפּ איז מיטאמאָל געוואָרען פריי־
רע, לויטערער, קלאָרער, און איהרע געדאנקען האָבען אָנגענומען
א דייטליכע, סיסטעמאטישע ריכטונג.

לאנג איז ראשעל געזעסען אויף דער באנק אונטער דער אקאצ־
יע. אין א גענויער כראָנאָלאָגישער אָרדנונג האָט זיך פאר איהר
דורכגעטראָגען איהר יונג לעבען, פון איהר פריהסטער קינדהייט ביז
צו די איבערלעבענישען פון די לעצטע טעג, און זי איז געקומען
צום בעשלוס, אז דאָס לעבען האָט פּלוצלינג פאר איהר אוועקגע־
שטעלט א זעהר ערנסטע אויפגאבע, און אז די אויפלעזונג פון דער
דאָזיגער אויפגאבע האָט א ענטשיידענדע בעדייטונג פאר איהר גאנ־
צען ווייטערדיגען לעבען...

— אָ, גאָט מיינער, גאָט מיינער, — האָט זי אויסגערופען
צום שלוס פון איהרע לעצטע געדאנקען. — ווי שווער מיר איז דער
ענטשלוס... אין מיין הארץ לעבט די פערגאנגענהייט. עס לעבט
מיין ליעבע צו דעם העלדישען אידעאליסט. אין מיינע אויערען קלינ־
גען זינע ערהאבענע ווערטער, פונקט ווי איך וואָלט זיי אָט נאָר
וואָס געהערט. פאר מיינע אויגען הערט נישט אויף שוועבען זיין
רייצענדע געשטאלט פון העלדען־מוט און ליעבע, וועהרענד מיין
פערשטאנד זאָגט מיר: „פערגעס! ליאָווא איז פאר דיר אויף אייביג
פערלאָרען... פערגעס. און נעהם פון לעבען דאָס, וואָס דאָס לעבען
שטרעקט אויס צו דיר מיט א מילדער האנד”...

ראשעל איז מעכאניש אויפגעשטאנען פון דער באנק, און מיט
אנ'אראָבגעלאָזטען קאָפּ, פערטיעפט אין איהרע געדאנקען, האָט זי
גענומען געהן אין דער ריכטונג צום שטוב. זי האָט אָבער פּלוצלינג
דערהערט, ווי עמיצער רופט מיט א שטילען קול:

— ראשעל מארקאָוונא...

ראשעל איז געבליבען שטעהן א דערציטערטע. זי האָט אויפ־

געהויבען דעם קאָפּ און האָט דערזעהן פאר זיך שטעהן דעם יונגען קאָלמאר.

— גריגאָרי סאמואילאָוויטש? — האָט זי קוים געקאָנט אויס־רעדען, און זי האָט דערפיהלט, ווי דאָס בלוט האָט איהר געשלאָגען אין קאָפּ אריין, און דאָס הארץ האָט אָנגעהויבען האסטיג קלאפּען אין איהר ברוסט. זי האָט זיך נישט געקענט האלטען אויף די פיס און זי האָט זיך נישט־ווילענדיג, צוריק אראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק.

— יאָ. דאָס בין איך, ראשעל מארקאָווגא, — האָט גרישא געענטפערט זאנפט־בעהאדצט און איז צוגעגאנגען נאָהענט צום אָרט, וואו ראשעל איז געזעסען. — יאָ. דאָס בין איך... לאנג האָב איך געקעמפּט מיט זיך, ראשעל מארקאָוונא. מיט אלע קרעפטען האָט עס מיר געצויגען אהער, צו בעגריסען אייך מיט דעם נייעם וואוין־אָרט. אין מיינע אויערען האָט אבער כסדר געקלינגען אייער ביטע, איך זאָל אייך מעהר נישט בעזוכען... ענדליך האָב איך נישט געקאָנט ביישטעהן..! איך האָב געמוזט... איהר פערשטעהט, ראשעל מארקאָוונא?... און איך גלויב, אז איהר וועט מיר גרויסמוטיג פערצייהען.

— פערצייהען? — האָט ראשעל אָבגעענטפערט מיט א שווער־מוטיגען שמייכעל. — אַ גאַט מיינער. מיר זענען אייך שולדיג אזוי פיעל דאנקבארקייט... דאָס הייסט, אייער געערטען פאָטער. נו... און אייך... איך זאָל אייך „פ ע ר צ י י ה ע ן" — דאָס איז א פּאַ־ראדאָקס.

— א פּאראדאָקס?...

— יאָ, גריגאָרי סאמואילאָוויטש, ווייל איך בין גליקליך צו האָבען די מעגליכקייט, אויסצודריקען אייך אין נאָמען פון מיין אָרימען פאָטער און אין מיין אייגענעם נאָמען אונזער טיעפסטע דאנקבארקייט.

— פאר וואָס, ראשעל מארקאָוונא? פאר וואָס דאנקט איהר? — האָט גרישא געפרעגט, דריקענדיג ראשעל'ס אויסגע־שטרעקטע האנד און בעריהרענדיג זי מיט די ליפּען.

— פאר וואָס... זעצט איר, גריגאָרי סאמואילאָוויטש, און לאָמיר רעדען אָפענהערציג...

— מיר, סיבירער, רעדען און האנדלען שטענדיג אָפענהערציג, — האָט גרישא געענטפערט און האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער באנק.

— ערקלערט מיר, ווי קומט עס, וואָס דער היגער גענעראל־געבערנאטאָר האָט זיך פלוצלינג פעראינטערעסירט מיט דעם ביטער־רען גורל פון דעם בלינדען פּאָליטישען קאטאָרזשניק, וואָס איז פערשטויסען אויף פּאָסעלעניע אין עפּעס א וויסטער יורטע אין דעם פערגעסענעם דאָרף באיאן, און האָט איהם ערלויבט בעזעצען זיך דאָ, אין סרעטיענסק?...

די פראגע איז גרישא'ן געשטעלט געוואָרען אין אזא קאטעגאָ־רישען טאָן און איז געווען פאר איהם אזוי אונערוואַרטעט, אז ער האָט אין ערשטען אויגענבליק זיך איינגאנצען פערלוירען און האָט נישט געוואוסט, וואָס און ווי אזוי ער זאָל אויף איהר ענטפערען.

— איהר שווייגט? — האָט זיך ראשעל אָנגערופען נאָך א קורצער ווייל.

— דאָס איז געווען די אידעע פון מיין פאָטער, — האָט גרי־שא קורץ געזאָגט, און אין זיין שטים האָט זיך געהערט א בעזונ־דערע צערטליכקייט.

— און ווער האָט דורכגעפיהרט די דאָזיגע עדעלע אידעע אין אזא קורצער צייט?

— מיין פאָטערס א איבערגעגעבענער פריינד... א גענעראל.

— נו... און איהר האָט זיך גאָרנישט בעטייליגט?

— איך...

— נו..! און ווער האָט פאר אונז אויסגעפונען און איינגע־אָרדענט אָט דאָס דאָזיגע פראכטפולע ווינקעלע?... און ווער האָט געזאָרגט דערפאר, אז מיר זאָלען אהער בעקוועם און שנעל איבער־פאָהרען אין אייער מאָטאָר־שיפעל?...

— ראשעל מארקאָווגא! — האָט גרישא זיך אָבגערופען מיט ענטשלאָסענהייט. — איהר האָט געזאָגט: „לאָמיר רעדען אָפענהער־ציג", נו, וועל איך זיין אָפענהערציג און אייך ענטפערען: יאָ...

דאָס בין איך געפּאָהרען מיט אונזער פריינד קיין טשיטאַ און האָב אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַז די נויטיגע פּאַרמאַליטעטען זאָלען ערלעדיגט ווערען ווי אַמשנעלסטען... דאָס האָב איך אייגענהענדיג איבערגעגעבען אונזער איספּראַווניק דעם גובערנאַטאָר'ס פּעראָרדנונג און האָב געזעהען, אַז דאָס זאָל אייך זאָפאָרט מיטגעטיילט ווערען... דאָס האָב איך אויסגעזוכט און איינגעריכטעט אַט דאָס דאָזיגע „פּראַכטפולע ווינקעלע", לויט ווי איהר רופט עס אָן... פון גאַנצען הארצען האָב איך געוואָלט אַליין אריבערפיהרען אייך אהער פון באיאַן, האָב איך אָבער נישט געוואגט צו האנדלען געגען אייער וואונש, און האָב געבעטען אונזער קאַסיר, ער זאָל מיך פערטרע־טען... יאָ, ראשעל מאַרקאָוונאַ. נאָר קיין דאנק קומט מיר נישט פאַר דעם. ערשטענס, ווייל ביי אונז סיביריאַקעס איז פון דור־דורות א הייליגע טראַדיציע, בעוויזען הילף און מיטלייד יעדען פערשיקטען, נישט קוקענדיג אויף זיין פערגאַנגענהייט, בפרט ווען דער פער־שיקטער איז א פּאָליטישער, און נאָך מעהר, ווען דער מארטירער איז א אונשולדיגער קרבן פון דעם זשאַנדאַרמישען ווילקיר. די דאָ־זיגע טראַדיציע איז ביי אונז שטופּענווייז פערוואנדעלט געוואָרען אין א קולט, אין א רעליגיאָן, און ווען עמיצער ערפיהלט די פאַר־שריפטען פון זיין רעליגיאָן, קומט איהם דערפאַר נישט קיין דאנק. און צווייטענס...

גרישאַ איז פּלוצלינג פערשוויגען געוואָרען. עס האָבען איהם פערפעהלט די געהעריגע ווערטער אויסצודריקען דאָס, וואָס ער האָט געהאט צו זאָגען.

ראשעל איז געזעסען אונבעוועגליך. זי האָט מיט דער טיעפ־סטער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט גרישאַ'ן. זי האָט פערשטאַ־נען און געפיהלט דאָס, וואָס גרישאַ האָט בדעה ווייטער צו זאָגען. זי האָט געפיהלט, אַז אָט־אָט ענטשטעהט ווידער דער ערנסטער מאָ־מענט, אין וועלכען גרישאַ וועט מיט זיין אָפענהערציגקייט ווידער בעטען איהר האנד. און א אונבעגרייפליכע אנגסט האָט איהר פּלוצ־לונג ארומגענומען. זי האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם געדאנק, אַז אצינד מוז קומען די ענדגילטיגע ענטשיידונג און זי וועט מוזען דייטליך ענטפערען: „יאָ" אָדער „ניין".

ראשעל האָט געוואָלט אָברוקען דעם ענטשיידענדען מאָמענט. זי האָט געוואָלט געווינען צייט, אום פרייער און רוהיגער צו בעטראכטען און בעהערשען די ערנסטע אויפגאבע, און דער צופאל איז איהר געקומען צו הילף און האָט זי ארויסגעפיהרט פון איהר פערלעגענהייט: דורך דאָס אָפענע פענסטער פון דעם שלאָפצימער האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגען יעלינ׳ס קול.

— ראשענקע מיינע... טאָכטער.!!

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, גריגאָרי סאמואילאָוויטש,— האָט ראשעל א גליקליכע זיך אָנגערופען, אויפשטעהענדיג פון דער באנק און רייבענדיג גרישא׳ן די האנד. — מיין פאָטער האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף. ער רופט מיך. איך מוז געהן צו איהם..!

— און איך האָב אזוי פיעל וועגען וואָס מיט אייך צו רעדען...

— ראשענקע!... וואו ביסטו? — האָט זיך ווידער דערהערט יעלינ׳ס אונרוהיגע שטים.

— איהר הערט? איך מוז געהן... מיר וועלען זיך נאָך זעהען... מיר וועלען נאָך רעדען... מאָרגען!!! איבערמאָרגען.!! אצינד מוז איך געהן.

— ראשענקע, וואו ביסטו?... מיט וועמען רעדסטו?.!!

— אָט געה איך, טאטע... אויף ווידערזעהן, גריגאָרי סאמואילאָוויטש.

VII

גלאשעס פערלאנג

מיט א שווער הארץ האָט גרישא קאָלמאר פערלאָזט דאָס נייעסט פון דעם בלינדען פאָסעליעניע. ער איז אהינגעקומען מיט דעם פעסטען ענטשלוס צו מאכען א סוף צו דער נישט־קלאָרער לאגע, אין וועלכער זיין גאנץ וועזען קוועלט זיך, זינט ער האָט זיך ראשעל׳ן ערקלערט אין ליעבע. ער איז געווען פעסט ענטשלאָסען, צו שטעלען איהר די פראגע קורץ און דייטליך, און פאָדערען פון איהר

דעסגלייכן א דייטליכע תשובה. איז דאָס אָבער איהם נישט גע־לונגען. דער בלינדער צופאַל האָט איהם געשטערט. נאָך מעהר: פון ראשעל׳ס לעבהאַפטען אויפשפרינגען פון דער באַנק, ווען זי האָט דערהערט דעם פאַטער׳ס שטים, פון דעם זאַנדערבאַרען טאָן, מיט וועלכען זי האָט געזאָגט: „מיר וועלען זיך נאָך זעהען... מיר וועלען נאָך רעדען...״ האָט גרישא לייכט ארויסגעדרינגען, אז ראשעל איז געווען צופרידען מיט דער געלעגענהייט, צו בעפרייען זיך פון דעם געשפרעך לעת־עתה און אָבלעגען איהם אויף א אונבעשטימטען טער־מין. און ווי אַנ׳עכטען סיביריאַק, וועלכער איז אין יעדער הינזיכט גראַדעליניג, רעדט דאָס, וואָס ער פיהלט און דענקט, אָהן א שום פּניה, אָהן א שום הינטערשטער כוונה, און קוקט אויף דאָס לעבען פון דעם לאָגישען און פּראַקטישען שטאַנדפּונקט — איז איהם ראַ־שעל׳ס האַנדלען פאַרגעקומען רעטזעלהאַפט, אונפערשטענדליך, כמעט אוננאַטירליך.

אז ראשעל איז צו איהם נישט גלייכגילטיג, האָט ער נישט גע־צווייפעלט. ער האָט דאָס געפיהלט מיט דעם אינסטינקט, וואָס איז אזוי אייגענטימליך יעדען אמת־ליעבענדען הארץ. ער האָט דאָס ארויסגעלייענט פון דעם בליק, מיט וועלכען איהרע אויגען האָבען אויף איהם געקוקט. ער האָט דאָס געהערט אין דעם טאָן, מיט וועל־כען זי האָט יעדעס מאָל ארויסגערעדט זיין נאָמען. ער האָט דאָס בעמערקט אין מאַנכע איהרע בעוועגונגען בעת זיי האָבען זיך בע־גריסט. אָדער בעת זיי האָבען זיך געזעגענט — הייסט פארוואָס ציהט זי? פארוואָס זאָגט זי נישט ארויס קלאָר און דייטליך דאָס, וואָס זי דריקט אין הארצען?...

— שוין זשע איז דאָס צוליעב דעם, ווייל זי איז טריי דעם אָנדענקען פון איהם?... פון איהר ערשטען געליעבטען, וועלכער איז די סיבה פון זייער אונגליק, וועלכער איז פעראורטיילט געוואָ־רען צו טויט־שטראָף און וועגען וועמענס שיקזאל זי האָט נישט דעם מינדעסטען בעגריף?...

און אָט טאַקי דאָס איז פאַר גרישא׳ן געווען דאָס אונפער־שטענדליכסטע.

דער סיבירער בכלל איז פעסט און אונערשיטערליך אין זיין

געטרייקייט און איבערגעגעבענהייט צו וועמען עס איז. ער איז א געטרייער מאן, א געטרייער פאטער, א געטרייער פריינד. מיט דעם מאמענט אבער, ווען דער אביעקט פון זיין געטריישאפט איז אראב פון דער סצענע און האט אויפגעהערט עקזיסטירען, הערט אויך אויף די איבערגעגעבענהייט. ווייל דער פראקטישער און פראזאאישער סיבירער וועט קיינמאל נישט בעגרייפען, וואס דאס הייסט אזוינס, בלייבען טריי עפעס אנ'אבסטראקטען אנדענקען און לעבען מיט די געדאנקען, מיט די חושים, אין דער פערשטארבענער פערגאנגענהייט.

מיט אזעלכע רעיונות איז גרישא אוועק פון יעלינ'ס וואהנונג און איז מעכאניש, מעהר אינסטינקטיוו, ווי אבזיכטליך, געגאנגען אין דער ריכטונג צום העל-בעלויכטענעם בנין פון „ארקאדיא".

גרישא איז אריין אין זאל און האט זיך אוועקגעזעצט ביי זיין טיש, וועלכער איז, ווי געוועהנליך, נישט בעזעצט געווען. ער האט זיך געהייסען דערלאנגען א קאלטען, ערפרישענדען געטראנק מיט אייז, און האט געקוקט מעכאניש אויף דער עסטראדע, וואו יערמיל האט געוויילט דאס פובליקום מיט זיינע ווילדע טענץ.

— מיין אלערנידריגסטע אכטונג, גריגארי סאמואילאוויטש, — האט טיאפקין בעגריסט דעם יונגען מיליאנער מיט זיין שקלאפיש־זיסען שמייכעל.

— זדראוסטוואויטיע, קוזמא לוקיטש, — האט גרישא געענט־פערט אפאטיש.

— איהר זענט ביי אונז די לעצטע צייט א זעלטענער גאסט, גריגארי סאמואילאוויטש... אפנים מייגע ארטיסטען ווילען אייך מעהר נישט, כע־כע־כע. — האט טיאפקין געזאגט מיט דעם זעלבען שמייכעל.

— פאר וואס? — האט גרישא קאלטבלוטיג געענטפערט. — אט סתם... אזוי האט זיך די לעצטע צייט געמאכט. אנגעלעגענ־הייטען. זעצט אייך, קוזמא לוקיטש.

— כע — כע. די אנגעלעגענהייטען, — האט טיאפקין אי־בערגע'חזרט'ט גרישא'ס אויסדרוק און האט זיך געזעצט אויף אנ־

עק שטוהל. — אמת, פיעלגעשעצטער גריגאָרי סאַמויִלאָוויטש. ביי יעדען זענען פאַרהאַן ז י י נ ע אנגעלעגענהייטען.

— איהר וועט אפשר עפּעס טרינקען, קוזמא לוקיטש?

— אויב אייך איז ניחא, גריגאָרי סאַמויִלאָוויטש...

— וואָס טרינקט איהר אמליעבסטען?

— אַלץ איינס, גריגאָרי סאַמויִלאָוויטש... מעג זיין א פלעשעל שאַמפּאַניער.

דער גאַרסאָן האָט געבראַכט א פלאַש שאַמפּאַניער מיט'ן „ווייסען קעפּעל", די בעסטע און טייערסטע מאַרקע. אַזוי האָט טיאַפּקין אַליין בעשטעלט.

— איהר זאָגט „אנגעלעגענהייטען", טייערסטער גריגאָרי סאַמויִלאָוויטש, — האָט טיאַפּקין אָנגעהויבען מיט כלומר'שט אָנ־ערנסטען טאָן. — אָט נעמט מ י י נ ע אנגעלעגענהייטען, האָבען אויך די לעצטע צייט אָנגעהויבען געהן שלימזל'דיג...

— דהיינו?

— מיט איין וואָרט: פּעך, סמאָלע, גריגאָרי סאַמויִלאָוויטש.

— למשל?

— אָט נעמט, למשל, נעבטען.

— וואָס איז געווען נעבטען?

— צום ערשטען מאָל האָט נעבטען אייער הויכגעשעצטער פאָטער, אונזער טייערסטער סאַמויִל לאַזאַרעוויטש, זאָל איהם גאָט שענקען געזונד און לאַנגע יאָהרען — האָבען זיי נעבטען, הייסט עס, צום ערשטען מאָל בעוויליגט בעעהרען מיין אנשטאַלט מיט זייער בעזוך מיט דער אבזיכט, צו זעהען אונזער פּרימאַדאָנע, גלאַפירא ניקיטישנאַ, הייסט עס. און איהר זענט אויך געווען, און זיין עקסעלענץ סערגיי אפאנאסיעוויטש זוויעזדין איז אויך מיטגעקומען, א קלייניגקייט. די אָנגעזעהענסטע פיגורען אין אונזער סריעטיענסק. די וויכטיגסטע „טוזען" אונזערע. איז זי פּונקט ווי אויף להכעיס נעבטען קראַנק געוואָרען, און פּטור... נו, איז דאָס נישט קיין פּעך? אדרבה, זאָגט!

— און היינט איז זי שוין געזונד?

— ווער געזונד? וואָס געזונד? — טיאַפּקין האָט מיט אַמאָל

אויסגעטרונקען דעם בעבער שאמפאניער, פונקט ווי ער וואָלט אויף איהם אויסגעלאָזט זיין גאנצען פערדרוס. — ווייס איהר דער... דער ליעבער גאָט! אָט ליעגט זי כסדר דאָרט אין זייער שטוב, און כאָטש רעד צו דער וואנד.

— און וואָס איז איהר?

— זי שווייגט, ווי א שטיין. האלט אויסגעגלאָצט די אויגען און שווייגט, כאָטש רעד צו איהר פון היינט ביז מאָרגען... נישט פרעהליך, גריגאָרי סאמואילאָוויטש. מיר וועלען שוין פון איהר קיין נחת נישט האָבען... איך וועל מוזען אויסשרייבען אַן'אנדערע פרי־מאָדאָנע.

— און וואָס זאָגט דער דאָקטאָר? האָט איהר גערופען צו איהר א דאָקטאָר?

— צוויי מאָל גערופען דעם דאָקטאָר!

— און וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

— זי האָט דעם דאָקטאָר נישט צוגעלאָזט צו זיך... נאָר איך האָב דעם דאָקטאָר זיין האָנאָראר בעצאָהלט. צוויי מאָל צו „רויטע־קע", יעי באָגו... „דאָס איז פשוט", האָט ער געזאָגט... באלד, ווי האָט ער דאָס אָנגערופען? „א ציגיינערישע איפּו... איפּאָ... היפּאָכאָנדריע"...

— היפּאָכאָנדריע?...

— אָט/אָט... ווייס איהם דער גוטער יאָהר, וואָס פאַר א ציגיינערישע קרענק דאָס איז... נאָר איך בעדאַרף נישט דעם דאָקטאָר, גריגאָרי סאמואילאָוויטש... ווי זאָגט מען עפּעס: „צו באָרשטש בעדאַרף מען קיין צייהן נישט".

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

טיאפּקין האָט אויסגעלעדיגט דעם צווייטען בעכער וויין, ער האָט זיך נעהנטער איינגעבויגען צו גרישאַ'ן און האָט געזאָגט מיט אַ בעלעהרדיגטען טאָן:

— אָט וועל איך אייך ערקלערען, געשעצטער מיינער: מען מוז קענען דאָס פערפלוכטע ציגיינערישע געשלעכט. זעלטען, זעהר זעלטען, ווען אַ ציגיינערין זאָל זיך באמת פערליבען אין איינעם פון נאָש בראָט... א שטיף, א לאַך, א קוש, פערשטעהט זיך, צוליעב דער

מטבע, דאָס יאָ. אָבער איינליעבען זיך? חס וחלילה. דאָס וואָלט גע־היסען, לויט זייער איבערצייגונג, „פ ע ר ש ו ו ע כ ע ן ז י י ע ר ר א ס ע"... נאָר טאָמער האָט זיך די ציגיינערין י אָ אין אייך איינגעליעבט, איז שלעכט, איז ביטער. דאָ וועט שוין קיין שום מי־טעל נישט העלפען. אָדער איהר וועט מוזען זיין איהרער, אָדער זי וועט זיך דאָס לעבען נעהמען, און פטור... יאָ, יאָ, גריגאָרי סאַמוּ־אילאָוויטש. מיט גלאשא'ן איז נישט פרעהליך.

— איהר מיינט אזוי?

— אָט וועט איהר זעהן. לאָמיר רעדען אָפען, גריגאָרי סאמוּ־אילאָוויטש. לאָמיר רעדען אָן קונצען. ווי אייגענע מענשען, הייסט עס. עס איז דאָך נישט קיין סוד. אלע ווייסען, אז גלאשא איז אין אייך איינגעליעבט ביז צום משוגע ווערען. אָבער וואָס העלפט עס?... איהר, גריגאָרי סאמואילאָוויטש, דער איינציגער זוהן פון אונזער „קופער־קעניג", איהר, די קרוין פון אונזער גאָלדענער יונגוואַרג, איהר וועט זיך דאָך נישט אָבשמד'ן און חתונה האָבען מיט עפּעס א ציגיינערין...

— נישט נאָר צוליעב א ציגיינערין, קוזמא לוקיטש, אפילו צוליעב א פרינצעסין וועל איך זיך אויך נישט אָבשמד'ן.

— אָט, אָט... די ציגיינערישע טאָכטער וויל דאָס אָבער נישט פערשטעהן. זי ווייסט נאָר איינס. זי ליעבט אייך און „שאבאש"!... נישט גוט, גריגאָרי סאמואילאָוויטש. מען מוז וואָס גיכער אויסשריי־בען א נייע פרימאדאָנע...

— קוזמא לוקיטש! הער, קוזמא לוקיטש!

דאָס האָט גערופען דער אינהאבער פון „ארקאדיא" דער סריע־טיענסקער איספראווניק, וועלכער איז געזעסען ביי איינעם פון די טישען נאָהנט פון דער עסטראדע אין דער געזעלשאפט פון צוויי שאנסאָנעטקעס, און איז שוין געוועזן אין „רויטען הומאָר", אביסעל בגילופין.

טיאפקין איז צוגעשפרונגען צום איספראווניק'ס טיש.

גרישא האָט נאָך א קורצער ווײַלע בעצאָהלט די רעכנונג און האָט פערלאָזט דעם זאל.

טיאפקינס פלוידעריי, וועלכער גרישא האָט לכתחלה געשענקט

וועניג אויפמערקזאמקייט, האָט שטופענווייז אויף איהם געמאכט א געוויסען רושם, און האָט ענדליך אין איהם ערוועקט דאָס רעט־זעלהאפטע געפיהל צו דער אָרימער וואנדערענדער ציגיינערין, וואָס ער האָט זיך די לעצטע צייט בעמיהט מיט אלע קרעפטען צו פער־טויבען און דערשטיקען אין זיך, בעטראכטענדיג דאָס דאָזיגע געפיהל ווי א פערראַט, ווי א פערשוועכונג פון זיין טיעפער ליעבע צו ראַ־שעל מארקאָוונא.

גרישא האָט פּלוצלינג ווידער דערפיהלט, אז אויך גלאשא איז איהם טייער, אז אויך גלאשא פערנעהמט א געוויסען אָרט אין זיין הארצען, אז דאָס געפיהל, וואָס ציהט איהם צו גלאשא'ן, איז עטוואָס העכערס, ווי קערפערליכע ליידענשאפט, און ער האָט זיך דערפיהלט שולדיג געגען איהר, שולדיג דערמיט, וואָס ער האָט זיך מיטאמאָל אזוי דערווייטערט פון איהר, מיטאמאָל זי פערלאָזט, נישט נעהמענדיג אין אכט, אז אויך אין גלאשא'ס ברוסט שלאָגט א פיהלענד הארץ, אז אויך אין א ציגיינערין לעבט דאָס מענשליכע געפיהל פון זעלבסטווירדע, און אז מיט זיין האנדלען האָט ער אין איהר פער־לעצט דאָס דאָזיגע געפיהל און האָט איהר פעראורזאכט שווערע מאָ־ראלישע ליידען...

גלאשא איז קראנק. די ווילד־פרעהליכע גלאשא ליעגט שטום ווי א שטיין. די שענע גלאשא, וואָס האָט איהם פערשאפט אזוי פיעל זיסע מאָמענטען מיט איהרע אויסערגעוועהנליכע צערטליכקייטען, ליגט נידערגעשלאָגען אין א ווילדער אומגעבונג, ציהענדיג אויף זיך די ביטערע בייזע אויגען פון דער ציגיינער־באנדע...

און אזוי טראכטענדיג, האָט זיך גרישא דערמאָהנט, ווי גלא־שא האָט נישט איין מאָל פאר איהם איהר הארץ אויסגעגאָסען און צווישען אנדערעס געזאָגט:

— איך ווייס נישט, מיט וואָס דאָס צו ערקלערען, גרישולא, איך ווייס נאָר, אז איך האָב מיין ציגיינערישע משפחה קיינמאָל נישט ליעב געהאט, אז איך האָב זיך שטענדיג געפיהלט צווישען זיי ווי א פרעמדע... פארוואָס? ווייס איך נישט. זיי האָבען מיר קיינמאָל נישט שלעכטס בעהאנדעלט. נאָר פון דעם מאָמענט אָן, וואָס איך האָב דיך דערקענט, איז מיר דאָס לעבען צווישען זיי אינגאנצען שוועד

און איבערדריסיג געוואָרען... אָ, גרישענקע, פארלאָז מיך נישט...!
אמת, דו וועסט נישט פערלאָזען דיין אָרימע גלאשא?... און טאָמער פערלאָזטו מיך... ניין, ניין, ניין... איך וויל גאָר דעם דאָזיגען געדאנק נישט דערלאָזען...

און מיט א ווילדער קראפט האָט זי יעדעם מאָל ביי די דאָזיגע ווערטער צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איהר ברוסט און בעדעקט זיין געזיכט מיט ברענענדע קושען...

— ניין! איך טאָר זי נישט פערלאָזען! — האָט גרישא אויסגעשריען און האָט זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג פון דער ציגיינער־שטוב.

דער גאנצער ציגיינער־כאָר האָט זיך דעמאָלט געפונען ביי דער „ארבייט" אין „ווינטער־גאָרטען", און אין דער גרויסער אונגעמיטליכער דונקעל־בעלויכטענער שטוב איז געווען שטיל, פוסט, נאָר אויף א רויטען בעטצייג אין מיטען דער שטוב זענען געלעגען צוזאמענגעקנוילט צוויי נאקעטע איינגעשלאָפענע קליינינטשקע ציגיינערלעך, נעבען זיי האָט געדרעמעלט זיצענדיגערהייט א אלטער גרייז־גרויער ציגיינער, און אין איינעם פון די ווינקלען איז גלאשא געלעגען אויף איהר געלעגער.

גלאשא האָט זיך אין פערלויף פון די לעצטע פיער און צוואנציג שעה שטארק פערענדערט. איהר געזיכט האָט בעדעקט א דונקעלע בלאסקייט און איז ווי קלענער, ווי איינגעשרומפּט געוואָרען. איהרע אויגען האָבען זיך טיעף איינגעגראָבען, האָבען געקוקט ווי דורך פערגליווערט־געוואָרענע טרעהרען, און ארום זיי זענען פּלוצלינג ענטשטאנען צוויי שווארץ־בלויע ראמען, און איהר גאנצע געשטאלט האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א פערצווייפעלטער נידערגעשלאָגענהייט, וואָס גרענעצט מיט וואהנזין.

ווען גרישא האָט בעטרעטען די שוועל פון דעם ציגיינער־נעסט, האָט די אלטע אויפגעעפענט די אויגען און, זעהענדיג, אז ער לאָזט זיך געהן צום ווינקעל, וואו עס שטעהט גלאשא'ס געלעגער, האָט זי זיך אָנגערופען מיט איהר הייזעריגער, קוים־קוים דערהערבארער שטים:

— לאָז איהר צופרידען, פאניטש... וועק איהר נישט.

גרישא איז געבליבען שטעהן נישט ווייט פון דער אלטער.

— זי שלאפט? — האט ער שטיל געפרעגט.

די אלטע האט נישט געענטפערט. איהרע אויגען האבען זיך מאָמענטאן צוריק פערמאכט און זי האט ווייטער געדרעמעלט.

גרישא איז געשטאנען א געוויסע ווײלע אונבעוועגליך, ערווארטענדיג פון דער אלטער ציגײנערין א ענטפער, און פלוצלינג האט אבגעקלינגען אין זיינע אויערען די גוט בעקאנטע גלאשא׳ס שטים:

— גרישא!...

ווי געשטויסען פון א אונגעהויערער קראפט, איז גרישא בליץ־שנעל צוגעלאפען צו גלאשא׳ס געלעגער, און איידער ער האט בע־וויזען א ווארט ארויסצורעדען, האט זי איהם, ווי מיט אייזערנע צוואנגען, ארומגעכאפט מיט איהרע ענטבלויזטע הענד, האט איהם פעסט צוגעדריקט צו איהר ברוסט, און האט איינגעזאפט איהר ברענענדע ליפען אין זיינע אויגען, אין זיינע ליפען, אין זיין שטע־רען, צורעדענדיג דערביי מיט א פיבערהאפטער שטים:

— דו מיינער... דו זיסער... גרישוליו, גרישענקע.

נאך דעם דאזיגען ערשטען ליידענשאפטליכען אויסברוך, איז גלאשא אוועקגעפאלען אויף איהר געלעגער א ערשעפטע, כמעט א אהנמעכטיגע, און איז געלעגען א געוויסע צייט מיט פערשלאסענע אויגען, וועהרענד אויף איהרע באקען איז ארויסגעטרעטען א רויט־ליכע פארב, און אויף איהרע ליפען האט געשפילט א לייכטער, זיס־טרויעריגער שמייכעל.

גרישא איז געזעסען שווייגענד אויף גלאשא׳ס געלעגער, נישט בעפרייענדיג זיין האנד, וועלכע גלאשא האט קרעפטיג געהאלטען אין איהר האנד. ער האט נישט אראבגענומען זיינע פייכטע אויגען פון דעם אזוי שטארק פערענדערטען געזיכט, און אין זיין הארץ האבען זיך צופלאקערט זיינע אלע געפיהלען צו דער אונגליקליכער ציגיי־נערין, זיינע רעטזעלהאפטע, פאר איהם אזוי אונפערשטענדליכע גע־פיהלען...

גלאשא האט ענדליך אויפגעעפענט די אויגען, זי האט גרי־שא׳ס האנד צוגעטראגען צו די ליפען, זי האט אויף איהם געקוקט

עטליכע סעקונדעו מיט א בליק פול צערטליכקייט און פערצייהונג, און האט זיך אנגערופען מיט א מאדנער שטים:

— מיין טייערסטער... דו האסט רחמנות אויף דער ארעמער גלאשא? דו האסט זיך דערוואוסט, אז גלאשא איז קראנק, ביזטו געקומען?... יא, אדלער מיינער. גלאשא איז קראנק...

וואס איז דיר? וואס פעהלט דיר, שוועסטער?..:

— כא-כא-כא... שוועסטער?... זייט ווען בין איך דיין שוועסטער? דו טרייבסט שפאס, גרישענקע?...

— א ניין, גלאשא. איך טרייב נישט קיין שפאס... איך האב קיין שוועסטער נישט געהאט... דאס הייסט איך האב יא געהאט א שוועסטערעל, גיזעלא האט זי געהייסען, א יונגערע פון מיר. נור ווען זי איז אומגעקומען, בין איך קוים דריי יאהר אלט געוועזן און איך געדענק איהר נישט. מיר דאכט זיך אבער, אז ווען גיזעלא וואלט געלעבט, וואלט איך צו איהר געפיהלט פונקט אזא ליעבשאפט ווי די, וואס איך פיהל צו דיר...

— און ווי אזוי ערקלערסטו אזא זאנדערבארע ליעבשאפט צו א בלוט פרעמדער פערזאן, און דערצו נאך א ציגיינער-קינד?...

— איך וויים נישט, גלאשא. איך קאן דאס נישט ערקלערען. דאס איז טאקי פאר מיר א רעטעניש.

— ווי זאגסטו, האט מען גערופען דיין שוועסטערעל?

— גיזעלא.

— גיזעלא? אך, וואס פאר א שענער נאמען. זי האט געמוזט זיין רייצענד.

— איך געדענק זי נישט. מיין פאטער בעהויפטעט, אז זי איז געוועזן א לעבעדיקע ליאלקע. נור צוויי איינגעבוירענע בעזונדערע צייכען האט זי געהאט.

— און נעמליך?

— אויף דעם רעכטען פוס האט זי געהאט זעקס פינגערלעך, און אויף דער לינקער זייט האט זי געהאט א ברוינעם פלעק בעוואקסען מיט האר. נאר איך געדענק דאס נישט איך בין אינגאנצען אלט געוועזן דריי יאהר, ווען זי איז אומגעקומען.

גלאשא האט פלוצלינג אויפגעשווידערט, די רויטליכע פארב

איז מיט אמאָל אראָב פון איהרע באקען, איהר געזיכט האָט צוריק בערעקט די דונקעלע בלאסקייט, זי האָט געקוקט א פּאָר סעקונדען אויף גרישא'ן מיט א משונה'דיגען בליק און האָט געפרעגט מיט א פערענדערטער, אויפגערעגטער שטים, איינהילענדיג אין דער דעקע איהר גאנצער קערפּער.

— אומגעקומען, זאָגסטו? געשטאָרבען מיט א נישט-נאטירלי-כען טויט?

— זי איז אומגעקומען אין פלאמען בעת א שרעקליכער שריפה.

— דאָ אין סריעטיענסק?

— ניין. אין א שטאָדט אין פּוילען. מיין זעליגע מוטער האָט געשטאמט פון יענער שטאָדט, און דאָרט זענען מיר געבוירען גע-וואָרען.

— שוין לאנג איז דאָס אונגליק געשעהען?

— שוין א יאָהר צוואנציג.

— ווי אלט איז דעמאָלס גיזעלא געווען?

— קנאפּע צוויי יאָהר.

— הייסט עס, ווען זי וואָלט געלעבט, וואָלט זי געווען אין איין עלטער — מיט מיר. איך בין קנאפּע צוויי-און-צוואנציג...

גלאשא איז פּלוצלינג פערשוויגען געוואָרען און האָט זיך שטארק פערטראכט.

— וועגען וואָס טראכסטו, גלאשורא?

— איך טראכט וועגען דעם, וואָס דו האָסט געזאָגט, אז ווען גיזעלא וואָלט געלעבט, וואָלסטו צו איהר געפיהלט אזא ליעבשאפט, ווי צו מיר.

— אזוי גלויב איך, גלאשא.

— רוף מיך גיזעלא, גרישא...

— וואָס פאלט דיר איין?

— מיר געפעלט אזוי דער נאָמען... נו, און י ע נ ע ר ליעבסט דו א נ ד ע ר ש?...

— „י ע נ ע ר“? — האָט גרישא איבערגעפרעגט און איז אינגאנצען רויט געוואָרען.

— איך מיין די טאָכטער פֿון דעם בלינדען פּאָסעליעניעץ אין באיאַן.

— דו ווייסט? — האָט גרישא געפרעגט אַנ׳ערשטוינטער.

— קיין אָל וועסטו אין אַ זאַק נישט בעהאַלטען, ברודער-קע... נור הער, וואָס גלאשא וועט דיר זאָגען: אין בעצוג צו אי ה ר זאָלסטו קיין בייזע אַבזיכט נישט האָבען, ווייל זי איז אַ הייליגע, אַ מלאך פֿון הימעל...

— איך... איך פֿערשטעה דיך נישט גלאשא.

— דו פֿערשטעהסט מיך יאָ, גרישא... דו זאָלסט דאָס אָרע-מע קינד, חס וחלילה, נישט פֿערפֿיהרען... דו זאָלסט מיט איהר חתונה האָבען.

— דו קענסט זי דען?

— איך האָב זי נעכטען קענען געלערענט.

— דו? אויף וועלכען אָרט? — האָט גרישא געפרעגט, ווע-רענדיג אַלץ מעהר און מעהר אונרוהיג און ערשטוינט.

— איך בין נעכטען געווען אין באיאַן.

— דו ביזט געווען...

— איך בין אַהין געלאָפען מיט דער אַבזיכט אָבצורוימען פֿון וועג דאָס בעשעפֿעניש, וואָס האָט דיך אַרויסגעריסען פֿון מיינע אָ-רעמס... ערמאָרדען די פּערזאָן, צוליעב וועלכער דו האָסט מיך פֿער-לאָזט...

— גלאשא! וואָס הער איך? וואָס רעדסטו? — האָט גרי-שא אויסגעשריען אַ דערשראָקענער, און איז האַסטיג אויפגעשטא-נען פֿון גלאשא׳ס געלעגער.

— יאָ, גרישא... און מיט ד ע ר אבזיכט האָב איך מיטגע-נומען מיין פֿערגיפֿטעטען שטילעט, מיט ד ע ר אַבזיכט בין איך געלאָפען קיין באיאַן אין איין אָטעם, און אין מיין הארצען, אין מיין מוח, אין מיינע אַלע נערוועו האָט געברענט די לוסט צו נקמה... נאָר ווען איך בין צוגעקומען צו דער וויסטער יורטע, ווען איך האָב דערזעהען דעם עלענדען בלינדען אַליין זיצען אויף דער פּריזבע מיט די שפּורען פֿון זיין מאַרטירערישען לעבען אויף זיין געזיכט, ווען איך האָב דערהערט זיין שוואַכען קול, מיט וועלכען ער האָט

צו מיר גערעדט אזוי פריינדליך, אזוי ליעבהארציג — בין איך געבליבען שטעהען, ווי עמיצער וואלט מיר פלוצלינג אבגעגאסען מיט אייז-קאלטען וואסער, דאס העלישע פייער איז מיטאמאל אין מיר פערלאשען געווארען, א פראסטיגע קעלט האט דורכגענומען אלע מיינע גליעדער, און ווי א בליץ איז אין מיין מוח ענטשטאנען די פראגע: „איז דאס מעגליך? אין אזעלכע אומשטענדען לעבט דעם מיליאנער'ם געליעבטע?"...

— גלאשא, גלאשא...

—ווארט, הער מיך אויס... דער אונגליקליכער האט "גע-זאגט אז זי איז ביים טייך, בין איך אהין אוועקגעלאפען, און קיינ-מאל אין לעבען וועל איך יענעם מאמענט נשט פערגעסען... ז י, מיין קאנקורענטין, די נייע געליעבטע פון דעם יונגען „קופער-קעניג", איז געשטאנען ביז איבער די קניע אין וואסער, איהר גאנ-צער קערפער גידריג איינגעבויגען, איהרע צארטע, אלעבאסטער-ווייסע הענד האבען געשווענקט און געדרעהט די וועש, ווי דאס א-רימסטע דארפס מיידעל, און דערביי האט זי אזוי זיס, אזוי רו-היג, אזוי ריהרענד געזונגען... ניין, גרישא, וואס אין מיר איז פאר-געקומען אין יענעם מאמענט לאזט זיך נישט איבערגעבען מיט ווער-טער... ווי געשטויסען פון א צויבער-קראפט, האב איך אוועקגע-שליידערט דעם שטילעט ווייט אין דער שילקא און בין געלאפען זיך אליין ווארפען אין די ארעמס פון די כוואליעס...

— גלאשא...

— נור מאמענטאן האט ז י מיר פערשטעלט דעם וועג מיט איהרע ברייט-אויסגעשטרעקטע הענד, און האט מיר געשטערט צו פערווירקליכען מיין פערצווייפעלטע אבזיכט... דו הערסט, גרישא? דו פערשטעהסט? די פערזאן, וועלכע איך האב געוואלט ערמאר-דען, האט מיך גערעטעוועט פון טויט... א, גאט! ווען דו וואלסט זעהען, ווי שען, ווי געטליך שען, ווי הימליש שען זי איז געווען אין יענעם מאמענט... און ווי גוט, ווי זאנפט, ווי פיהלבאר זי האט צו מיר גערעדט... זי איז א הייליגע, גרישא. זי איז א מלאך אין א מענשען-געשטאלט... האב מיט איהר חתונה, איהר וועט ביידע גליקליך זיין... און איך... און איך!!!

לענגער האָט זיך די ציגיינערין נישט געקאָנט בעהערשען. די טרעהרען האָבען איהר געשטיקט, איהרע נערוועז האָבען נישט אויס־געהאַלטען, און זי האָט ארויסגעבראָכען מיט א פערביטערטען גע־וויין.

גרישא האָט איינגאנצען געציטערט פון אויפרעגונג און פון מיטלייד צו דער אומגליקליכער גלאשא. ער האָט צערטליך געקושט איהרע הענט און געזאָגט מיט א ווייכער, שמערצפולער שטים:

— גלאשא, גלאשוראטשקא, וויין נישט, רייס נישט מיין הארץ' בערוהיג זיך... איך ווייס, איך פערשטעה דיך. איך האָב זיך שטארק פערשולדיגט. איך האָב געגען דיר נישט גוט געהאנדעלט. איך האָב בעדארפט זיין אָפענהערציגער צו דיר, ווי א ברודער צו א שוועסטער... איך האָב נישט געטאָרט אזוי זיך פון דיר דער־ווייטערען, און איבערלאָזען איר דעם אויף ווילקיר פון די שרעק־ליכסטע געדאנקען... גלאשא איך בעט דיך, הער אויף וויינען, הער אויף רייסען אונזערע ביידענס הערצער...

— גענוג, גרישא. איך וויין שוין מעהר נישט, — האָט גלא־שא זיך אָבגערופען מיט א פעסטען קול, מאכענדיג איבער זיך אַנ׳־אויסערגעוועהנליכע אָנשטרענגונג.

— גיעב מיר דיין האנד און פערשפרעך מיר, צו ערפילען מיין ביטע... מיין איינציגע ביטע זייט מיר קענען זיך.

— וואָס עס וועט נאָר זיין אין מיין מענשליכער מעגליכ־קייט, — האָט גרישא. פייערליך פערשפראָכען, געבענדיג גלאשא'ן זיין האנד.

— איך בעט דיך, דו זאָלסט מיט איהר וואָס גיכער חתונה האָבען. דו זאָלסט נישט לאַנג ציהען, דו פערשטעהסט.

— וועגדעט עס זיך נאָר אין מיר, גלאשא?

— יאָ. זי וועט איינוויליגען. זי וועט עס טהון אום צו פער־לייכטערען דאָס לעבען פון איהר אומגליקליכען פאָטער, נו... און טאקי אויך איהר אייגען לעבען. און איך, גרישא, וויל זיין אייער דינסט... אָט דאָס איז מיין איינציגער פערלאנג...

— גלאשא, איך... איך פערשטעה דיך נישט. טרייבסטו שפאס? מיינסטו דאָס ערנסט?

— דאָס איז מיין היילינסטער וואונש. איך קאָן לענגער אין דער אומגעבונג נישט לעבען. אויף די עסטראַדע וועל איך שוין צוריק זיך נישט אומקערן. אוים מיט מיינע לאַרבער-קרענץ. איך האָב איצט פאַר זיך נאָר צוויי וועגען: דעם וועג אין אייער הויז, און דעם וועג צו דער שילקא... איך וועל בעטרעטען דעם וועג, וועלכען דו וועסט פאַר מיר אויסקלויבען.

— גלאַשא...

— דו קענסט מיין ליעד: „איך בין גלאַשא די פרייע, די ווילדע"?... דו קענסט מיין כאַראַקטער? געגוג. צוויי מאָל וועל איך מיין ביטע נישט איבער'חזר'ן. דו ביזט אויך א פרייער מענש. האַנ-דעל אזוי ווי דיין הארץ וועט דיר דיקטירען.

— זיי רוהיג, גלאַשא. מאָרגען וועל איך מיט איהר רעדען. וועגען אלץ וועל איך מיט איהר רעדען.

— איצט בין איך רוהיג... בעדאַרף איך פרעגען, ווי מען רופט איהר?

— ראַשעל מאַרקאָוונא יעלין.

— זי האָט מיר געזאָגט, אז זיי פאָהרען איבער וואוינען אהער.

— זיי זענען היינט פריה אָדער איבערגעפאָהרען.

— גיעב מיר דיינע ליכטיגע אויגען, גרישא... אָט אזוי, אזוי, אזוי... און איצט געה, געה. דאָס געזונדעל קאָן יעדען אויגענבליק אָנקומען... איך וויל נישט, זיי זאָלען דיך דאָ טרעפען... איך וויל נישט, זיי זאָלען דיך אָנקוקען מיט זייערע פרעבע אויגען... געה, מיין איינציגער, און פערגעס נישט דיין „שוועסטער" כא-כא-כא...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך גלאַשא צעלאַכט מיט איהר אייגענטימליכען געלעכטער.

— זיי רוהיג, מיין גוטע, קלוגע גלאַשא. א רוהיגע נאכט!

גרישא האָט עטליכע מאָל הערצליך געקושט גלאַשא'ס הענד, און איז אוועק צו דער טהיר, וואו ער האָט זיך אָנגעשטויסען פנים אל פנים אויף יערמיל'ן.

יערמיל האָט א פנים אין יענעם אָוועגד איבערגעכאַפּט די מאָס און געמאַכט א פּאָר איבריגע כוסות. זיין פנים האָט שטארק

געגלאַנצט, זיינע אויגען זענען געוואָרען קליין, מוטנע און אינגאַנ־צען איז ער געווען שטאַרק עמאָציאָנירט.

דערזעהענדיג גרישאַ'ן, האָט ער פאַר איהם ברייט אויפגע־עפענט די טהיר. ער האָט זיך אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע, סאַלו־טירענדיג ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל און קוקענדיג דערביי פרעך אין גרישאַ'ס געזיכט מיט אַ צווידייטיגען שמייכעל.

נאָך דעם ווי גרישא האָט פערמאַכט הינטער זיך די טהיר, איז יערמיל אויסגעבראָכען מיט אַ ווילדען געלעכטער, איז אויף זיינע אונזיכערע פיס זיגזאַגענדיג צוגעלאָפען צו גלאַשאַ'ס געלעגער, און האָט אָנגעהויבען זידלען מיט זיין בעטרונקענעם קול:

— עך, דו שפלה, דו ביזט קראַנק, אַ?... צו געהן אַרבייטען ביסטו קראַנק, און דאָ אויפנעהמען דיין ליעבהאָבער דעם זשיד האָסטו יאָ כח?... עך דו...

— אוועק פון מיר, דו בעזויפענער הונד! — האָט גלאַשאַ אויסגעשריען מיט אַ דערשראָקענעם און פערצווייפעלטען קול. — אוועק, אויב דיר איז דאָס לעבען ניהאַ!...

— וואָס דו גיפטיגע שלאַנג?... הונד רופסטו מיך?... דו דראָהסט מיר?... איך וועל האַרט אויף דיר האָדעווען ביז צום זיבע־טען שוויס, און דו וועסט דאָ דריבען מיט דיין פערפלוכטען זשיד, דו קאַנאַליע... און דו האָסט נאָך אַ חוצפה מיך זידלען, מיך דראָהען?!... אַט וועל איך דיר ווייזען! — האָט יערמיל געברילט מיט שוים אויף די ליפען און האָט זיך געוואָלט וואַרפען אויף גלאַ־שאַ'ן מיט זיינע אויפגעהויבענע צוזאַמגעדריקטע פויסטען, נאָר דאָ האָט פּלוצלינג נאַזאַר'ס אייזערנע האַנד אָנגעכאַפּט יערמיל'ן ביים קאַרק און ער איז ווי אַ קלאָץ אוועקגעפאַלען אויף דער ערד פאַר גלאַשאַ'ס געלעגער.

— בינדט איהם! — האָט נאַזאַר אַ געשריי געגעבען בעפעה־לעריש צו די איבריגע צייגיינער, וועלכע זענען נאָר וואָס מיט איהם צוזאַמען אריינגעקומען אין שטוב.

חברה האָט געוויסענהאַפט ערפיהלט דעם „פאַטריאַרכס'' בע־פעהל און האָט יערמיל'ן געבונדען הענד און פיס, ווי אַ שעפּס, און נאָך דעם, ווי מען האָט איהם מקיים פסק געווען אויף דעם

ציגיינערישען אופן, האָט מען איהם במעט אין א בעוואוסטלאָזען צו־שטאנד און א בעגאָסענעם מיט בלוט אריינגעוואָרפען אין פאָדער־הויז.

— ניין, — האָט יערמיל ביי זיך בעשלאָסען, ווען ער איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך אין דעם פינסטערען פאָדערהויז, און בעגיסענדיג זיך מיט טרעהרען. — ניין. עס מוז נעהמען א סוף. אזא שאנדע קען איך נישט איבערלעבען... עך, גלאשא, גלאשא...

און נאָך אין דעם זעלבען טאָג, נאָך דעם ווי מען האָט איהם בעפרייט פון די שטריק, איז דער ציגיינערישער טענצער יערמיל פליאסון נעלם געוואָרען פון סריעטיענסק, און קינער האָט נישט געוואוסט, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען.

— נעהמט איהם דער רוח, — האָט זיך נאזאר ראָפּוכא אָנ־גערופען, ווען דאָס גאנצע ציגיינער-געזינדעל איז געזעסען ביים מי־טאָג ארום דעם לאנגען טיש. — איך האָב שוין לאנג איהם געוואָלט ארויסטרייבען, ווי א פארשיווען הונד. דאָס איז א בראָדיאנא, נישט קיין ציגיינער. נו, איז ער אליין אוועק.

— מען מוז אָבער מודה זיין, אז ער איז א טענצער א בריה, א מאדים, — האָט בעמערקט איינער פון דער חברותא.

— א „בריה", א „מאדים". מיר האָבען שוין געזעהען אזעל־כע ארטיסטען. ווען איך בין געווען יונגער האָב איך אזעלכע טענ־צער פערשטעקט אין דער כאָלעווע, — האָט נאזאר געזאָגט מיט פעראכטונג, און האָט זיך געווענדעט צו גלאשא'ן, וועלכע האָט זיך אויך געפונען ביים טיש:

— ביסטו שוין אינגאנצען געזונד?

— ווי דו זעהסט, זיידע...

— וועסטו היינט קאָנען שפּיעלען?

גלאשא האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען און האָט נישט געענט־פערט.

— פארוואָס ענטפערסטו נישט?

— איך וועל זיך נאָך מישב זיין.

— נישטאָ זיך וואָס מישב צו זיין, גלאשא. א ציגיינער-כאָאָהן א פרימאדאָנע איז נישט ווערט א דרייער. איך האָב זיך שריפט־

ליך פערפליכטעט ארויסצושטעלן אין „ארקאדיע" א פולען כאָר, ווען נישט, מוזען מיר צאָהלען שטראָף. און קוזמא לוקיטש איז א ביטערער בעל-דבר. ער וועט אונז נישט שענקען. ער האָט מיר שוין נעכטען געגעבען אָנצוהערען.

— איך פיהל אָבער, אז איך קאָן שוין מעהר נישט אזוי שפיעלען ווי ביז איצט...

— נארישקייטען. געה נאָר ארויס אויף דער עסטראדע וועסטו שוין שפּיעלען. פאר דעם עולם-גולם איז גענוג, ווען דו בעווייזט זיך, און ער קומט שוין אריין אין התפעלות.

דאָס געזינדעל האָט זיך ביי די ווערטער פונאנדערגעלאכט.

— איבריגענס האָבען מיר בעשלאָסען, דאָס הייסט, איך און טיאפקין, נאָך היינט טעלעגראפיש אנגאזשירען די קליינע שורא'ן, וואָס זי האָט ביי אונז געשפּיעלט אין ניזשני-נאָוואָגאָראָד. זי טרעט איצט אויף אין מאסקווע אין „מאווריטאניע". אָבער ביז זי וועט אהער קומען איז פערפאלען, מוזטו שפיעלען, גלאשא.

— לאנג וועט דויערען ביז שורא וועט אהער קומען? — האָט גלאשא פערזאָרגט געפרעגט.

— אלץ איינס. א וואָך, א חודש, דו מוזט דערווייל ערשיינען אויף דער עסטראדע.

— גוט, זיידע, — האָט גלאשא געזאָגט נאָך א גרויסען נאָכדענקען. — ביז שורא וועט קומען, וועל איך אויפטרעטען. איך טאָר נישט דערלאָזען, איהר זאָלט דורך מיר האָבען שאָדען.

נאזאר ראָפּוכא האָט מיט אויגען פול דאנקבארקייט א קוק געטהון אויף גלאשא'ן. ער האָט משמעות געוואָלט עפּעס זאָגען, ער האָט אָבער נור געמאַכט א בעוועגונג מיט'ן קאָפּ, און האָט מעהר קיין וואָרט נישט גערעדט אין דער איבעריגער צייט פון דעם מיטאָג.

צומאָרגענס אין אָוונד, ווען גלאשא איז געזעסען פאר איהר טואַלעטען-טישעל אין איהר גארדעראָבע-צימער, איז אריינגעקומען גרישא, און נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך צערטליך בעגריסט, האָט ער זיך אָנגערופען:

— נו, גלאַשוראַ, גראַטוליר מיר... מיר האָבען זיך נעכטען פערלאָבט. אין אַ חודש אַרום וועט זיין די חתונה.

גלאַשאַ איז אין ערשטען אויגענבליק טויט-בלאַס געוואָרען. אין איהרע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען. איהרע ליפּען האָבען געציטערט. איהר ברוסט האָט זיך ראַש בעוואויגען, און זי האָט קוים געקאָנט שטיל אַרויסרעדען:

— און איך?...

דיין וואונש וועט ערפילט ווערען. דו וועסט זיין מיט אונז צוזאַמען.

— און ראַשעל בעשטעהט?

— זי וויסט אַלץ, גלאַשאַ. איך האָב איהר אַלץ דערצעהלט. איך האָב זיך פאַר איהר ריינהערציג מתודה געווען. איך האָב איהר געשוואָרען אויף דעם אַנדענקען פון מיין זעליגער מוטער, אַז אונזער בעציהונג איז געווען אַ זויבערע, אַ צערטליכע, אָבער אַ זיטליך-אידעאַלע... זי האָט מיר געגלויבט, גלאַשאַ. ווען איך האָב איהר געזאָגט, אַז דיין איינציגער פערלאַנג איז, צו לעבען אין אונזער ענגען פאַמיליען-קרייז, האָט זי זיך אָנגערופען מיט אַ טיף-גערירהרטער שטים:

„אָרימע גלאַשאַ. אַצינד פערשטעה איך איהר פערצווייפעלטען שריט... זאָג איהר, אַז איך וועל זיין גליקליך, זי צו זעהן אין אונזער הויז"...

— גרישאַ, דאָס איז דער גליקליכסטער מאָמענט אין מיין ביז-איצטיגען לעבען... גרישאַ, געה אין זאַל און זעץ זיך ביי דיין טיש... די ציגיינערין גלאַשאַ וועט היינט אַזוי שפּילען, אַז דער זאַל וועט ציטערען, הילכען, ווילדעווען און וועט אַרויס פון די כלים פון אויסערגעוועהנליכער התפעלות!...

VIII

איז קאַמער נומער פיער.

איינע פון די גרויזאַמסטע און שוידערליכסטע „טויטען-הייזער’’ אין ווייטען מזרח-סיביר איז געווען די קאַטאָרזשנע טורמע אין אוסט-קאַרא, וואָס ליגט צווישען בערג, נאָהנט פון דער שילקא, אַבגעלעגען אנ׳ערך הונדערט זעכציג וויאָרסט פון סריעטיענסק ווייטער צו צפון.

א נידריגע, פייכטע, פינסטערע, לאַנגע הילצערנע געביירע, מיט וועניגע קליינע, געדיכט פערקראַטעטע שמוציגע פענסטערלעך, וועלכע זענען נאָך דערצו פערשטעלט געווען מיט א הויכען פאַרקאַן פון דיקע פערשפיצטע פאַליעס — האָט די דאָזיגע טורמע גיכער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסען קבר, איידער אַ געביידע פאַר לעבעדיגע מענשען, אַפילו פאַר פ ע ר ב ר ע כ ע ר. און דאָך האָבען אין דעם דאָזיגען „טויטען-הויז’’ אָבגעלעבט יאָהרען-לאַנג טויזענדער מענשען און מענשען, וועלכע האָבען, זייענדיג אויף דער פרייהייט, פערנומען אָנגעזעהענע געזעלשאַפטליכע אָדער קולטורעלע שטעלונגען.

דאָרט האָבען געשמאַכט די רוסישע אריסטאָקראַטישע אָנפיהרער פון די „דעקאַבריסטען’’, דאָרט האָבען זיך אָבגעקוועלט די איידעלסטע פוילישע פאַטריאָטען נאָך די אונגעלונגענע אויפשטאַנדען. דאָרט זענען פערשטויסען געוואָרען די יונגע שווערמער פון די „נאַראָדאָוואָלצעס’’. דאָרט האָבען געוועלקט די בלומען פון דער העלדישער אידישער יוגענד, וואָס האָט מיט געוועהר אין דער האַנד געקעמפט געגען די כוליגאַנעס אין פאָליצייאישע מונדורען בעת די בלוטיגע פאָגראָמען, און דאָרט זענען אויסגעלאָשען געוואָרען נאָך פיעלע יונגע לעבענס, פון וועלכע די געזעלשאַפט און זאָגאַר די גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט האָט געקאָנט פיעלעס ערוואַרטען. נאָר דאָס

גרויזאַמסטע אין דער גרויזאַמער אוסט-קאַרער קאַטאָרזשנער טורמע איז געווען די קאַמער נומער פיער.

אין דער דאָזיגער קאַמער איז געווען א מיש-מאַש פון פּאָליטישע און די ערגסטע קרימינעלע פערברעכער. דאָרט האָבן זיך אויפגעהאַלטן פעראורטיילטע צו טויט-שטראָף, וועלכע דער „בארמהערציגער" צאַר האָט „בעוויליגט צו בעגנעדיגען" און האָט זיי פערביטען די טויט-שטראָף אויף קאַטאָרגע אָהן א טערמין. דאָרט האָט מען געהאַלטן מערדער רעצידיוויסטן, וואָס, אָבאַרבייטענדיג זייער קאַטאָרגע פאַר א מאָרדטהאַט, האָבן זיי ווידער דערהרגעט א מענשען, און דערפאַר פעראורטיילט געוואָרען צו אייביגע קאַטאָרגע. דאָרט האָבן זיך געפונען קאַטאָרזשניקעס-בראַדיאַנעס, וואָס זענען שוין מעהערע מאָל אַנטלאָפען פון זייערע פריהערדיגע טורמעס. מיט איין וואָרט, דאָרט האָט מען געהאַלטן בעשטראָפטע, פאַר וועלכע עס איז פערלוירען געווען יעדע האָפנונג, אומצוקעהרען זיך ווען עס איז צו דער ליכטיגער וועלט.

אויב די דיסציפלין אין די קאַטאָרזשנע טורמעס איז געווען בכלל א האַרבע, א שטרענגע, א ריקזיכטלאָזע, איז די דיסציפלין אין דער קאַמער נומ. 4 פון אוסט-קאַרער טורמע געווען א אונמענשליכע, פשוט א אונערטרעגליכע, אַזוי אַז אויף די פערשפּאַרטע פון דער דאָזיגער קאַמער איז ממש אויסגעפיהרט געוואָרען א אַקט פון ברוטאַלער, פערביסענער נקמה, און נישט קיינע „געזעצליכע" רעפּרעסיע. און דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס נישט איינער פון די אונגליקליכע, בפרט פון די אינטעליגענטערע אַרעסטאַנטען, איז, אָבזייענדיג א קורצע צייט אין דער דאָזיגער קאַמער, אַראָב פון זין, איז בעגאַנגען אויף א שוידערליכען אופן זעלבסטמאָרד, האָט מיט א וואָרט און טהאַט בעליידיגט איינעם פון די בעאַמטע, כדי אויפ'ן אָרט דערשאָסען צו ווערען און אַזוי אַרום אָבשליסען די רעכנונג מיט זיין אונערטרעגליכען לעבען, אָדער ער האָט ריזיקירט צו אַנטלויפען און אונטערשטעלען זיין קאָפּ דער קויל פון דעם סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואך.

און דאָך, טראָץ דער אונגעהויערער שטרענגקייט און וואַכזאַמער השגחה פון הונדערטער וועכטער און קאָזאַקען, וואָס האָבן

בעוואכט די טורמע פון אינווענינ און פון דרויסען, איז דאָך פון צייט צו צייט געלונגען געוויסע ריזיקאַנטען דורכצופיהרען זייער פּלאַן און אנטלויפען מיט גאנצע ביינער פון דער שרעקליכער תפיסה.

עס איז געווען ענדע מארט, ווען דער הארטער סיבירישער ווינטער הויבט אָן נאָכלאָזען, די זון הויבט אָן ווארימער שיינען, אין דער טייגא הויבט זיך אָן הערען דאָס צוויטשערען פון די ערשטע פריהלינגס-פויגעל. די טייכען הויבען זיך אָן בעפרייען פון דעם דיקען אייז, פון אונטער דעם צעגעהענדען שניי הויבען אָן ארויס-קוקען די בלויע קעפּלעך פון די בלומעלעך, וועלכע דאָס פאָלק האָט געקרוינט מיט דעם נאָמען „הימעלס-שליסעל", און צוזאמען מיט דער אויפלעבענדער נאטור ערוואכט און די אָנגעוועהטאָגטע הער-צער פון די פערשטויסענע אין די „טויטען-הייער" א נאָגענדע בענקשאפט נאָך פרייהייט, נאָך אונבעשרענקטער בעוועגונג. און ביי יעדען איינציגען פון די אונגליקליכע וואקסט פון שעה צו שעה די לוסט, צו צעשמעטערען די אייזערנע קייטען און לויפען פון דעם קאלטען און פינסטערען קבר. ליידער, אָבער, זענען דאָס על-פּי רוב נישט מעהר ווי אונמעכטיגע האָפנונגסלאָזע שטרעבונגען, וואָס מא-כען נאָך מעהר אונערטרעגליך דאָס לעבען פון די געשמירטע און דערפיהרען זיי ביז צו דער לעצטער שטופע פון פערצווייפלונג. וויל שטארק זענען די קייטען, הויך איז דער פּארקאן און וואכזאם איז דאָס אויג פון נאטשאלסטווא, און צום אָנקומען פון דעם ליבען פריה-לינג ווערט די בעוואכונג פון דער טורמע פיעלפאך פארשטארקט.

און דאָך געפינען זיך ענטשלאָסענע נאטורען, וואָס שטעלען זייער לעבען אויף דער קאָרט, מאכען דעם ריזיקאלישען שריט, און — אָדער זיי פאלען פון די קוילען פון די וועכטער, אָדער עס געלונגט זיי, און זיי געניסען פון דער פרייהייט אין דער אונענד-ליכער, און גאסטפריינדליכער טייגא, וואו די האנד פון זייערע פערפאָלגער וועט זיי קיינמאָל נישט דערגרייכען.

שטיל איז געווען אין קאמער נומ. 4. א קליין נאפט-לעמ-פעל, וואָס איז אראָבגעהאָנגען פון דעם פעררויכטען און סתם שמו-ציגען סופיט אויף א פערזשאווערט קייטעל, האָט דורך דאָס פער-קאָפּטשעטע גלעזעל נישט איבריג העל בעלויכטען די לאַנגע נאָ-

רעם און די האַלב־אָבגעגאָלטע קעפּ מיט די געלבלאַסע אויסגעצער־טע געזיכטער פון די איבער־הונדערט קאַטאָרזשניקעס, וועלכע זענען געלעגן אויף די נאַרעס צוזאַמענגעדריקט און צוזאַמענגע־פּרעסט אונטער זייערע גרויע כאַלאַטן מיט די געלע לאַטעס, פער־זונקען אין זייער טיפן אָבער אונרוהיגען שלאָף, בעת וועלכען אין זייערע אָרימע, אָנגעשטרענגטע מוחות קומט פאַר א ווירוואר, א קאַשמאַר פון אויסטערלישע חלומות.

צווישען דער גאַנצער שלאָפענדער גרויסער מאַסע זענען בלויז צוויי קאַטאָרזשניקעס אויף איין עק פון די נאַרעס נאָך געלעגן וואַך, און האָבען זיך אומזיסט בעמיהט איינצושלאָפען. איינער איז געווען א יונגער מאַן פון א יאָהר צוויי־דריי־און־צוואַנציג, און דער צווייטער האַט אויסגעזעהן ווי איבער זעכציג.

דער יונגער איז געווען א „גרינער", א „יאָלד". ער איז ערשט קוים צוויי חדשים געווען אין דער קאַמער, ווערהרענד דער אַלטער איז געווען א „וועטעראַן", א „תושב", וועלכער איז אין זיין לע־בען שוין דורכגעגאַנגען דורך פייער און וואַסער און דורך אַלע מדורי גהינום.

דער אַלטער איז דורך די בעוואוינער פון דער קאַמער איינ־שטימיג אויסגעוועלט געוואָרען פאַר זייער „סטאַראָסטאַ", פאַר זייער עלטסטען און פאַרשטעהער, הייסט עס. פאַר איהם האָבען אַלע געהאַט דרך־ארץ. מיט זיין מיינונג האָבען זיך אַלע גערעכענט, ווייל ער איז געווען א דורכגעטריבענער קאַטאָרזשניק מיט א פיעל־יעהריגער פּראַקטיק. ער האָט געקענט די טורמע־נאַטשאַלסטווא דורך און דורך און האַט פערשטאַנען, ווי אַזוי די ציהען זיי צו פער־רעדען. און האַט חברה געוואָלט עפּעס א שטיקעל אַרבייט דורכפיה־רען, האַט מען זיך פריהער מייַשב געווען מיט דעם אַלטען, און אָהן זיין הסכמה האַט מען קיין פינגער אין קאַלטען וואַסער נישט איינ־געטונקען.

אַמאָל, מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק, ווען ער האַט זיך נאָך פריי אַרומגעדרעהט אין זיין געבורטס־שטעדטעל אין פּוילען און האָט געהאַט א חזקה עולה לתורה זיין צו דער תוכחה פאַר א פּאָר זהובים, פלעגט איהם דער שמש אויפרופען: „יעמוד מורנו רבי

אַלעקסאַנדער סענדער בר׳ שרגא „פייוועל״. אין שטעדטעל ווידער האָט מען איהם פּשוט גערופען „סענדער סאָלדאט״, ווייל ער האָט פינף יאָהר געדינט דעם קיזר אין טיף רוסלאנד, נור אין דער אוסט־קארער טורמע האָט מען איהם, ווי יעדען בראַדיאַנא, גערופען „אי־וואן אָהן א־נאָמען״ („איוואן בעזאימיענני״), און די חברים זיי־נע פון דער קאמער נומ. 4 האָבען איהם טיטולירט „דיעדוש־קא״.

צוליעב וועלכע מעשים טובים דער דאָזיגער זקן איז געווען א תושב אין די קאטאָרזשנע טורמעס האָט קיינער נישט געוואוסט. נישט מען האָט איהם וועגען דעם געפרעגט און נישט ער האָט אליין דערצעהלט. ער האָט א פּנים געהאלטען פאר א „פּחיתות הכבוד״ אריינלאָזען זיך מיט דער „פּראָסטער כאלאסטריע״ אין אינטימע געשפּרעכען וועגען זיין רייכער פערגאנגענהייט. דאָס אָבער איז פאר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אז ער איז שוין דריי מאָל גע־לאָפען פון קאטאָרגע. דאָס ערשטע מאָל איז ער געלאָפען פון דער בעריהמטער אלעקסאנדראָווסקער טורמע, וואָס ביי אירקוטסק. דאָס צווייטע מאָל איז ער געלאָפען פון נערטשינסקער טורמע. דאָס דריי־טע מאָל איז ער געלאָפען גאָר פון סאכאלין, און טאקי דערפאר האָט חברה פאר איהם געהאט „שטארק דרך־ארץ.

געלאָפען איז ער יעדעס מאָל פון דער טורמע צו פריהלינג־צייט. דעם גאנצען זומער איז ער אָבגעלעגען אין דער טייגא און האָט זיך דערנעהרט מיט דעם, וואָס גאָט האָט געגעבען. נאָר ווען עס איז אָנגעקומען דער ווינטער און איהם האָט בעדראָהט דער שרעקליכער טויט פון הונגער און פראָסט, האָט ער זיך אליין געמאָלדען צו נאַ־טשאלסטוואָ, האָט אריינגעכאפּט א הונדערט ריטער, און מען האָט איהם אויפסניי איינגעשפּאנט אין דער טאטשקע אין א שווערערע, שטרענגערער קאטאָרגע.

— דו שלאָפסט? — האָט דער אלטער שטיל און פאָרזיכטיג געפרעגט זיין יונגען שכן.

— עס שלאָפט זיך נישט, דיעדושקא.

— דו קלערסט? דו טראכסט?

— עס קלערט זיך און עס טראכט זיך פון זיך אליין.

— א נו, לאָמיר הערן, וועגן וואָס עס טראַכט זיך.

— עס טראַכט זיך דיעדושקאַ: צי ווייסט מיין אָרימע מאַ־מע, וואָס פאַר א קנאָפּע טובה זי האָט מיר געטהון דערמיט, וואָס זי האָט זיך אזוי ערנידריגט פאר דעם צארישען סאטראפּ, געקניעט פאר איהם, געוויינט פאר איהם און ביי איהם אויסגעבעטעלט בע־גנעדיגונג פאר מיר?... וואָלט דען נישט פיעל בעסער געווען פאר מיר צו ליעגען א ט ו י ט ע ר אין פינסטערען קבר, און נישט קיין ל ע ב ע ד י ג ע ר?

— זאָג דאָס נישט, ליאָווא. א טויטער האָט שוין מעהר נישט קיין שום האָפנונג זיך צו בעפרייען פון קבר, ווערענד דער לעבעדי־גער קאָן דאָך ווי עס איז האָפען?... נו, און וואָס נאָך טראַכט זיך?

— פרעג נישט, דיעדושקאַ.

— איך פרעג יאָ, ליאָווא. אפשר קאָן איך דיר מיט וואָס עס איז בייהילפיג זיין.

— הע. וואָס קאָן מיר ווער העלפען?... איך קען נישט דיין פערגאַנגענהייט, דיעדושקאַ, איך ווייס נישט, צי דו וועסט מיך פערשטעהן. אין קורצען וועל איך דיר נאָר זאָגען, אז איך ברען זיך און בראָט זיך אין א שרעקליכען גהינום.

— אָך־אָך־אָך, — האָט דער אלטער אָבגעזיפצט און האָט גאָרנישט געזאָגט.

ליאָווא איז געלעגען א פּאָר מינוט שטיל און האָט זיך ווידער אָנגערופען מיט פערביטערטקייט:

— דו פערשטעהסט, דיעדושקאַ, ווי מיר איז שווער און בי־טער, אז איך בין געצוואונגען צו ארבייטען אין די גאָלד־גרובען, וואָס געהערען צום טיראַן, וועלכער טרינקט דאָס בלוט פון צעהנדלי־גער טויזענדער מענשען, און געגען וועלכען איך האָב זיך ענטשלאָ־סען צו קעמפען מיט אלע מיטלען. קענסטו דאָס פערשטעהן?...

— איך פערשטעה אלץ, ליאָווא אוי, אוי פערשטעה איך. איך האָב זיך גענוג אָנגעקוקט און אָנגעהערט פון אייערע לייט.ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געלאָפען פון אלעקסאַנדראָווסקען זאוואָד, איז מיט מיר צוזאַמען ענטלאָפען אייערער א חברה־מאַן, א פּאָליאַק איז

ער געווען, פון סאמע ווארשא. א יונג מיט ביינער, א קראסאוויעץ, מיט א געשליפענער צונג. פייער און פלאם. אין דיינע יאָהרען איז ער געווען. נו, זענען מיר צוזאמען אנטלאָפען, צוזאמען זיך ארומ־געשלעפט אין די געדריכטע טייגעס אויף יאקוטסקער טראקט שע־נע עטליכע וואָכען, נו, האָב איך זיך פון איהם גענוג אָנגעהערט... ער האָט לאנג נישט אָנגעצויגען. געווען, משמעות, צו עדעל גע־בויר'ען. ער האָט דאס געמאכט קורץ און שארף. קראנק געווארען, אוועקגעפאלען און שאבאש. טאקע דארט אין דער טייגא האָב איך איהם מקבר געווען. מיט מיין גרויסען מעסער, וואס איך האָב צוגע'לקח'ענט אין דער קיך פון דער טורמע, האָב איך אויסגע־שניטען א יונג בוימעלע, און אריינגעשטעלט צו קאפענס ביי דעם קבר... עך, ליאָווא, ליאָווא. שוין העכער א יאָהר צוועלף איז פון יענער צייט אָבגעלאָפען, און ווען איך דערמאָהן זיך, ווערט מיר פאסקודנע אויף דער נשמה. אָך־אָך־אָך...

דער אלטער איז פערשוויגען געוואָרען אויף א געוויסע ווייל'ע און ווייטער דערצעהלט:

— אין נערטשינסקער קאטאָרגע האָב איך זיך אויך בעקענט מיט איינעם פון איירע בחורים. אַ איד'ל איז ער געווען. אַ שנעק פון א יאָהר אַכצעהן, ניינצעהן, נישט מעהר. א שווארצער, א קליי־ניטשקער, א דארענקער. ממש הויט און ביינער. האָט ער אָבער אָנגעהויבען דרשנ'ען האָבען אלע מויל און אויערן אויפגעעפענט. הירשעלע האָט מען איהם גערופען, א ליטוואק איז ער געווען. דאכט זיך אַ וויטעבסקער, אָדער אַ מאָהילעווער... דו ביסט איינ־געשלאָפען, ליאָווא?

— איך הער, דיערושקא. דערצעהל, דערצעהל.

— פון פאך איז ער געווען א זעצער. בייטאָג האָט ער געאר־בייט ביי אַ דרוקער פאַר געלד און מפרנס געווען זיין מוטער די אלמנה מיט איהרע פיער קליינע יתומים, וואָס זענען אַ חוץ איהם פערבליבען נאָך דעם פאטער'ס טויט. דער פאטער איז אויך גע־ווען אַ זעצער, און איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט, האָט הירשקע נאָך איהם פערנומען זיין שטעלע אין דער דרוקעריי און דאָרט געבויגען דעם רוקען דעם גאנצען טאָג. אין דער נאכט ווידער האָט

ער געארבייט עטליכע שעה אין דער געהיימער דרוקעריי פון זיין חברה, פון די סאָציאַליסטלעך, הייסט עס... מיר דאַכט זיך, אז דו הערסט גארגישט, ברודערקע.

— איך שלאָף נישט, זיידעשי. איך הער אויפמערקאַם.

— נו, ווי זאָגט מען ועפּעס: „דער קרוג געהט אזוי לאַנג נאָך וואַסער, ביז ער ווערט צובראָכען".

— די אָכראַנע, הייסט עס, האָט ענטדעקט די דרוקעריי?

— נאָך ווי אזוי ענטדעקט. אין דער סאַמער רעכטער ארבייט. נאָך אונזער הירשקע האָט איין זשאַנדאַרם אויפ'ן אָרט אוועק-געלעגט. על פּי דין איז איהם געקומען טויט-שטראָף, נאָר, נעהמענ-דיג אין אכט זיינע יונגע יאָהרען, האָט מען איהם פערמשפּט צו אכט יאָהר קאַטאָרגע אין די גרובעריייען. עך, ברודער ליאָווא, אַט ווי קליין דאָס איז געווען, ווי דאַר און מאָגער, ווי נישט אָנזעהענ-דיג, איז דאָס געווען א מזיק, א מאַדים בעת דער ארבייט... שטעהט און האקט מיט'ן שווערען לאָם די הארטע שטיקער פעלזען און זינגט זיך דעוויבײ צום טאקט עפּעס א סאָציאַליסטיש ליעדעל. אָדער גאָר עפּעס א אידישע הצפּקע, און כהו איהם עפּעס.. דער אינוואַליד, דער אויפזעהער, הייסט עס, בייזערט זיך כלומרשט, בכן עס איז שטרענג פערבאָטען צו רעדען אָדער צו זינגען ביי דער ארבייט און אליין שמייכעלט ער צו בשעת מעשה אונטער די געדיכטע וואָנסעס און עס טהוט איהם הנאה... און ביי אונז, אלטע קאַטאָרזשניקעס, איז די ארבייט גאָר אנדערש געגאַנגען, ווען הירשקע איז געוועזען מיט אונז. מיר פלעגען ענדיגען די אויפגעגעבענע ארבייט פיעל פריער, ווי געוועהנליך, און זענען פריער צוריקגעגאַנגען אין אונזערע קאַזאַ-מאַטען. יאָ. איך האָב עפּעס אנגעזעהען קאַטאַרזשניקעס מיט מיי-נע אויגען. איך אליין בין אויך נישט געווען פון די, וואָס דריי פאַר א גראָשען, נאָר א צווייטען הירשקע האָב איך ביז היינטיגען טאָג נישט בעגעגענט... ער איז נישט געווען אַזאַ צעקראָכענער הערינג, ווי דו, צווישען אונז געערדט...

— ווען דו זאָלסט וויסען, דיעדושקאַ, וואָס פאַר א שווערער שטיין עס פרעסט מיין הארץ און מיין געוויסען, וואָלסטו אזוי

ניט געזאָגט, — האָט ליאָווא פערביטערט זיך אָבגערופען און האָט שווער אבגעזיפצט.

— אנו, אדרבה. קוילער ארויס דעם שטיין, לאמיר איהם בע־טראכטען...

— צוליעב מיר איז פעראונגליקט געווארען אַ אונשולדיגע פא־מיליע, ביי וועלכער איך האָב געוואוינט. די איינציגע טאכטער פון דער דאזיגער פאמיליע האָט מיך הייליג געליעבט.

— הע? הייליג געליעבט? און דו האָסט זי אויך הייליג געליעבט?

— איצט יאָ. איצט בענקט זיך נאָך איהר.

— און דאמאלס? דאס הייסט, איידער די ביסט ארייגעפאלען?

— דאמאלס האָב איך זיך נישט אבגעגעבען קיין דין וחשבון, ווייל אלע מיינע חושים זענען געווען פערנומען מיט איין געדאנק, מיט איין אידעאל. נאר איצט פרעסט מיר דאס געוויסען... איך קאָן זיך נישט שענקען דעם פאקט, וואָס איך האָב אזוי לייכטזיניג געהאַנדעלט און אומגליקליך געמאכט אונשולדיגע מענשען.

— נארישקייטען, ליאָוואַ, נארישקייטען. האקט מען דעם וואלד, מוזען פאלען שפענער... נו, און נאָך וועלכע געדאַנקען לאָזען דיר נישט איינשלאפען?

אנשטאט צו ענטפערן, האָט ליאָווא טיעף אָבגעזיפצט.

— דו שווייגסט, הע?... שאדט נישט. איך וועל דיר זאגען, וואָס דו טראכסט. אָט הער: דו טראכסט, „ווי אזוי לויפט מען פון דאנען?"... מיין נישט, אז דו ביזט א בן־יחיד. דו זעהסט אָט די גאנצע כאָפטע, וואָס ליעגט און כראָפעט, און פייפט, און קרעכצט און באלאקעט פון שלאָף?... נישט איינער צווישען זיי טראָגט דאָ זיינע קיידאנעם שוין העכער צעהן יאָהר. קוק זיך צו, וועסטו זע־הען, ווי די אייזערנע בראסלעטען האָבען זיך שוין אריינגעגעסען אין זייערע פיס. און דאָך, ווי נאָר עס הויבט אָן ווערען ווארעם אין דרויסען, ווי נאָר די ליעבע זון הויבט אָן ווי עס איז אריינ־שיינען אהער אָט דורך די דאָזיגע קליינע פערקראטעטע לעכער, הויבען זיי אָן טראכטען: „ווי אזוי לויפט מען פון דאנען?"...
אזוי דויערט עס א וואָך, צוויי וואָכען, ביי אנדערע א גאנצען חודש,

און שאבאש. יאָ, יאָ, זוהנעשי. אזוי געהט אוועק א יאָהר נאָך א יאָהר, און מען זיצט, מען פוילט אין דעם קבר...

— ביסטו פונדעסטוועגען שוין יאָ אמאָל געלאָפען, ריעדוש־קא... שוין דריי מאָל געלאָפען.

— אמת. שוין דריי מאָל געלאָפען... מיינסטו אפשר, אז עס ווילט זיך נישט לויפען צום פערטען מאָל?

דער אלטער האָט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען און, איבערצייגענדיג זיך, אז אלע שלאָפען און קיינער הערט איהם נישט, האָט ער צוגעגעבען:

—אוי, וואָלט איך געלאָפען, זונעשי. שוין פינף יאָהר פויל איך דאָ. אין די פינף יאָהר איז נאָך קיין איין טאָג נישט פערגאַנ־גען, אז איך זאָל נישט פלאַנעווען, ווי אזוי צו מאכען פון דאנען ויברח. איך בין שוין אָבער אלט. נישטאָ מעהר די אמאָליגע כוחות. א פנים, מיר איז שוין בעשערט, דאָ אויסצוציהען די קאָפּיטעס... אָך־אָך־אָך... און זעהסטו די איינגעפאלענע אלטע ברוסט מיינע? דאָרט קלאפט דאָס הארץ און רייסט זיך צו דער פרייער טייגאַ. איי, איז דאָרט גוט אין דער טייגא. דאָרט איז שטיל, רוהיג, פריש. דאָרט פילט זיך דער בראָדיאגא ווי א פרייער פויגעל. זענען שוין אָבער מיינע פיס נישט די, וואָס אמאָל.

דער אלטער איז פערשוואונדען געוואָרען. ליאָווא האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען, ער האָט צוגעבויגען דעם קאָפּ מעהר צו דעם אלטענס געזיכט, ער האָט דאָס געזיכט אָנגעקוקט א פּאָר סע־קונדען און האָט זיך גאנץ שטיל אָנגערופען:

— לאָמיר לויפען צוזאמען, דיעדושקא.

דער אלטער האָט נישט געענטפערט. ער איז געלעגען מיט פערמאכטע אויגען. ליאָווא האָט צוריק אוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויף דעם הארטען, שמוציגען, שטרויענעם קישעלע, נישט אויפהערענ־דיג צו קוקען אויף דעם אלטענס געזיכט.

— דו שלאָפסט, דיעדושקא? — האָט ער נישט דרייסט גע־פרעגט נאָך א קורצער ווייל.

— איך טראַכט, וואָס דיר צו ענטפערען... איך האָב אויף דיר רחמנות. איך זעה שוין, אז דו ביזט איינער פון יענע שלי־

מזלען, וועלכע עס דיענט נישט דער קלימאט פון דער קאמער נומ. 4, און, אָדער זיי פערלירען דאָס, וואָס זיי האָבען קיינמאָל נישט געהאט, דאָס הייסט, זיי ווערען משוגע, אָדער זיי מאכען דאָס קורץ און שארף און טהוען זיך אָן א מעשה... האָב איך אויף דיר רחמנות, הייסט עס, און וואָלט טאקי זעהר וועלען ארויסראטעווען דיך פון דאנען... דאָס הייסט, לויפען מיט דיר אין דער טייגא, און דאָרט טאקע אָבשטארבען, און דו זאָלסט מיך אין דער טייגא מקבר זיין, אזוי ווי איך האָב אמאָל דאָרט מקבר געווען יענעם יונגען פּאָליאק... יאָ, ליאָווא. דאָס איז א פּלאַן.

— געהסטו איין, זיידעשי?...

— מען דארף אויף דער עלטער טהון א גוטע זאך. מען בע־דארף ארויסראטעווען פון גהינום א יונגע נשמה.

— ביסט מרוצה, הייסט עס, און מיר וועלען צוזאמען לוי־פען?... ווען?

— ששש... האלט זיך איין, כאפּ נישט. שוין. ער לויפט שוין... האָב געדולד, יאָלד. נישט אזוי לייכט טהוט זיך, ווי עס רעדט זיך. א פּלאַן האָב איך שוין לאנג אויסגעארבייט. ער ליעגט שוין איינגאנצען אָט דאָ אין דעם פליכעוואטען קאָפּ.

— נאָר אין וואָס אין די מניעה? — האט ליאָווא געפרעגט, און אין זיין שטילען קול האָט זיך געהערט האָפנונג און אונגע־דולד.

— די מניעה איז אין דעם, וואָס איצט זענען די יוצר־משרתים פון אונזער רעזידענץ אזוי ווי די ווילדע וועלף. לויפען ארום טאָג און נאכט, שנאָרען, שפּירען, קוקען אריין אין יעדען ווינקעל, פערשטארקען די השגחה איבער נאש בראט, אזוי, אז די מינדעסטע בעוועגונג וועט נישט פערשוואונדען פון זייער ביי־זען אויג אין זייער מוטער'ס מוטער אריין... אזוי איז יעדעס יאָהר, ווען עס קומט אָן דער פריהלינג. ווייל מען ריכט זיך דאמאָלס אויף נאטשאלסטוואָ מיט די רויטע לאמפּאסען און רויטע לאצען, אויף דעם גובערנאטאָר, אָדער גענעראל־גובערנאטאָר, הייסט עס, מיט זייער קלאפּערגעצייג, וועלכע פאָהרען געוועהנליך אין די פריהלינגס־חדשים רעווידירען די קאטאָרזשנע טורמעס. נאָר ווי נאָר מען ווערט

פּטור פון די אונגעבעטענע געסט און אין בוך פון דער טורמע איז איינגעשריבען, אז בכן אין אוסט-קאָרער קאטאָרגע איז אלץ „אין אָרדנונג", משטיינס געזאָגט, ווערט דאָ „ליהודים"... אונזער נאַ־טשאַלסטוואָ מאכט א כוסה, כאפּט א קערטעל. צו אונז ווערט מען צוקער-זיס, דערפאר וואָס מיר האָבען זיך נישט בעקלאָגט. אויף א צוויי מעת-לעת בעפרייט מען אונז פון דער ארבייט. די שמירה ווערט אויך אביסעל אָבגעשוואכט. דו פערשטעהסט? אָט דאמאָלס וועט מען מאכען די קונץ.

— מוז מען ווארטען, הייסט עס, און האָבען געדולד.

— און שכל אויך. קיינער דארף נישט מערקען פון דיין פנים, פון דיין קוק, אז דו טראָגסט זיך ארום מיט בייזע געדאנקען. פאר נאש בראט, פאר אונזערע חברים, איז נישטאָ, וואָס מורא צו האָ־בען. זיי וועלען קיינמאָל נישט פערשיטען. אין דעם פּרט איז דאָ שטארקע אחדות. אדרבה, יעדער ארעסטאנט בעציהט זיך מיט רעס־פּעקט און מיט געפיהל צו דעם ריזיקאנט, וואָס שטעלט איין זיין לעבען, ארויסצורייסען זיך פון די דאָזיגע ענגע ווענד און לויפען אין די פרייע פרייהייט. געווען דאָ א מעשה מיט א פּאָר יאָהר צו־ריק, ווען איינער א קאטאָרזשניק, א געוועזענער פּראָוואָקאטאָר, האט פערשאָטען אונזערען א חבר. האָט מען דעם מוסר צומאָרגענס געפונען א דערשמיקטען אויף דער נארע אונטער זיין כאלאט. מען האָט דאָס אָבגעארבייט שיטאָ קריטאָ, און געה שריי הי וקים... אזוי, אזוי, ברודערקע. ביי אונז מאכט מען נישט קיין שהיות מיט אזא סוואָלאָטש... נאָר פאר נאטשאלסטוואָ, זעהסט, מוז מען זיין פאָר־זיכטיג. זיי האָבען א חוש הריח. פון דיין נאָז וועלען זיי ארויסלייע־נען דאָס, וואָס עס טהון זיך ביי דיר אונטער'ן פּופּעק... און איצט גענוג. האָב מיר א גוטע נאכט און פלוידער נישט קיין נארישקייטען פון שלאָף.

עס זענען פערגאנגען עטליכע מינוט, און דער אלטער בראָ־דיאגאָ האָט שוין געפייפט מיט דער נאָז פון שלאָף, ווערהרענד ליאָ־ווא איז געלעגען מיט אָפענע אויגען, און זיין מוח האָט געארבייט פיבערהאפט, נאָר נישט אזוי דערדריקט, נישט אזוי פערצווייפעלט, ווי פריהער. אין זיין הארץ האָט זיך אָנגעצונדען א פונק פון האָפ־

נונג, און זיין פאנטאזיע האָט איהם געמאָלט די אונענדליכע טויגא מיט איהר אונבעגרעניצטער פרייהייט... און אינמיטען די פערשיעדענאַרטיגע רעיונות, וואָס האָבען זך געפּלאָנטערט אין זיין מוח, האָט ער פון צייט צו צייט אינסטינקטיוו א קוק געגעבען אויף דעם שלאָפענדען אלטען, ווי אויף זיין מלאך־גואל, און האָט צו זיך געזאָגט:

— א אינטערעסאנטער בראָדיאגאָ דער דיעדושקא.

עס איז אוועק א געוויסע צייט. דער פריהלינג איז אריינגעטרעטען אין זיינע נאטירליכע רעכט מיט זיין פולען גלאנץ, און אין אוסט־קאָרער טורמע האָט זיך אָנגעהויבען א פיבערהאפטע בעוועגונג, ווי אין יעדער רעגירונגס־אנשטאלט, בעת מען ריכט זיך אויף א אינספּעקציע פון א הויכגעשטעלטער פיגור, פון וועלכער עס איז אָבהענגיג דער גורל און דער אוואנס פון די געהעריגע בעאמטע.

מען האָט גענומען פערקאלכען די פערשמוצטע, פעררויכערטע וועגד און סופיטען אין אלע קאמערען. מען האָט געוואשען די פענסטער, געשייערט די נארעס, יעדען טאָג פערקעהרט די פאָדלאָגע און אויסגעשאָטען מיט פרישען, געלען זאמד. מען האָט געלופטערט דאָס „בעטצייג", מ'שטיינס געזאָגט: מען האָט די קאטאָרזשניקעס אָפטער געגאָלט די בערד און די האלבע קעפּ. מען האָט זיי אָפטער געפיהרט אין באָד, וואו זיי האָבען יעדעס מאָל געמוזט וואשען זייער גרויען לייוועגדענעם קאָסטיום. דער דירעקטאָר אליין איז יעדען טאָג געלאָפען אין קיך, אין די בעקעריי, און האָט שטרענג געוואָרענט, אז אין דעם קרויט־באָרשטש און אין דעם ברויט זאָלען זיך למען השם נישט ארומדרעהען אזוי פיעל ווערעם, ווי א גאנץ יאָהר. ער איז יעדען אָוועגד פאר דער „פּאָווערקע" אריינגעפאלען מיט זיין סוויטע אין די קאמערען, און האָט געהאלטען פאר די ארעסטאנטען אזא רעדע:

— הערט־אויס, רעביאטא! צו אונז וועט אינגיכען בעווילעגען צו קומען א אינספּעקטאָר. דאָס הייסט, דער גובערנאטאָר, אָדער אפשר גאָר זיין עקסצעלענץ, טאקע דער גענעראל־גובערנאטאָר אליין. נו, וועלען זיי דאָך מסתמא בעוויליגען צו פרעגען, אויב ווער פון אייך האָט זיך נישט אין וואָס עס איז צו בעקלאָגען, טאָ

געדענקט, אז אייך איז דאָ וואויל ווי די וועלט, אז איך בעגעה זיך מיט אייך ווי א טאטע מיט ציטעריגע קינדער, אז צו עסען האָט איהר דאָס שענסטע און דאָס בעסטע איבער די אויערן, און אז איהר הערט קיינמאָל נישט קיין גראָב וואָרט פון קיינעם. מיט איין וואָרט, אז איהר זענט מיט אלסדינג העכסט צופרידען... נאָר, געדענקט-זשע אָבער, די שעה זאָל נישט קומען, טאָמער וועט זיך ווער פון אייך, חס וחלילה, ארויסכאפּען מיט א שלעכט וואָרט, וועט איהר זיך אלע דערנאָך ביי מיר א פינסטער יאָהר אויסריכטען. איך וועל אייך אלעמען דערגעהן דאָס לעבען אזוי, אז איהר וועט האָבען צו זינגען און צו זאָגען. איהר פערשטעהט, רעביאטא?... נו, טאָ געדענקט-זשע און האלטס קאָפּ.

ענדליך האָט דער דירעקטאָר דערהאלטען די ידיעה, אז דער גענעראל-גובערנאטאָר מיט זיין שטאב פאָהרען ארויס פון טשיטא אויף די אינספּעקציע און אז אָט-אָט וועלען זיי אָנקומען קיין אוסט-קארא. שנעל ווי א בליץ האָט זיך די דאָזיגע ידיעה באלד פונאנדערגעטראָגען אין אלע קאזעמאטען.

— נו, זוהנעלע, — האָט דער אלטער בראָדיאגא זיך געווענדעט צו ליאָווא׳ן מיט א פייערליכער בעגייסטערונג. — ענדליך האָט פאר אונז אויסגעשלאָגען די געוואונשענע שעה. אצינד טאָר מען קיין צייט נישט פערלירען און מען מוז זיך נעהמען צו דער ארבייט מיט אלע כלים. נאָר געדענק די דריי פּרינציפּען: פּאָרזיכט, פּאָרזיכט און ווידער פּאָרזיכט.

— זיי רוהיג, זיידע, — האָט ליאָווא געענטפערט מיט א בעזונדערער ענערגיע און האָט פון גרויס אויפרעגונג געכאפּט קושען דעם אלטען׳ס אויסגעדארטע, אויסגעהאָרוועטע האנד. — דו קאָנסט זיך אויף מיר פערלאָזען. זאָג, בעפעהל, און איך וועל אלץ הייליג אויספיהרען.

— גוט. הער מיט קאָפּ. דאָס קליפּער-געצייג איז היינט ארויסגעפאָהרען, וועלען זיי אהער אָנקומען אין א דריי פיער טעג ארום. ווייל אויף דעם וועג פון טשיטא ביז צו אוסט-קארא ליגען עטליכע קאטאָרזשנע טורמעס. אויסרייסען בעדארפען מיר גלייך אין דער ערשטער נאכט נאָך זייער אָבפאָהרען פון דאנען, ווייל דאמאָלס זע-

נען כמעט אלע בעאמטע און וועכטער בגילופין, און דערצו זענען זיי ערשעפּט פון דעם לאַנגען ריכטען זיך אויף די חשוב'ע געסט, שלאָפען זיי ווי געהרג'טע. הייסט עס, אז אין משך פון די דריי טעג מוז אונזער ארבייט אָבגעטהון ווערען. דו פערשטעהסט? אָבער אָבגעטהון מוז דאָס ווערען גלאַט, פיין, שיטאָ קריטאָ.

— זייט רוהיג, דיעדושקא. איך פערשטעה, מיט וואָס אזא שטיקעל ארבייט שמעקט.

— טאָ הער-זשע: איך בין אלט. מיינע הענד און מיינע פיס זענען שוין נישט די, וואָס אמאָל. קלעטערען איבער דעם הויכען פּארקאַן וועל איך שוין נישט בעוויזען. הייסט עס, אז מען קאָן נישט אריבער, מוז מען אהונטער. איז אָט וואָס איך האָב אויסגעפּלאָנעוועט. נאָר הער מיט קאָפּ.

— איך הער, דיעדושקא. זייט רוהיג.

— די בלינדע וואנד פון דער טעכנישער מאסטערסקאיא, וואו דו ארבייטסםט, שטעהט הארט ביי דעם פּארקאַן. האָסטו דאָס בעמערקט?

— געוויס האָב איך בעמערקט.

— מוז מען אונטערגראָבען אָט די דאָזיגע בלינדע וואנד און דעם פּארקאַן. קיין מכשירים צו דער דאָזיגער ארבייט פעהלען נישט אין דער מאסטערסקאיא, און גראָבען זאָלסטו דאָרט, וואו עס שטעהט די גרויסע אייזערנע דרעה-באנק. דו פערשטעהסט?...

— איך פערשטעה, איך פערשטעה.

— אונזערע חברים קאַפּוסטין און גאָנטשאר, וועלכע ארבייטען אויך אין דערזעלבער מאסטערסקאיא, וועלען דיר צוהעלפען אָברוקען און צוריקען די דרעה-באנק, זיי וועלען ביסלעכווייז ארויסטראָגען די אויסגעגראָבענע ערד, און זיי וועלען אכטונג געבען, אז קיין בייז אויג זאָל דיר נישט שאַדען... איך האָב זיך שוין מיט זיי וועגען דעם דורכגעשמועסט.

— קאָן מען זיך אויף זיי פערלאָזען?

— אויף מיין אחריות. דאָס זענען גוטע, דיענסטפערטיגע חברים און זעהר אָנשטענדיגע בחירים, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי זענען נעבעך ארייגעפאלען אין אונזער קאמער נום. 4 צוליב

דעם, וואָס זיי האָבען מאנס געווען עפּעס א שיקסעל ביז צום טויט. איך רעכען, אז אין דריי טעג וועסטו מיט דער ארבייט פארטיג זיין.

— גאנץ בעשטימט. אויב עס וועט נאָר צוגעהן גלאטיג.

— עס מ ו ז צוגעהן גלאטיג. טאָמער טיאָבקעט דיר דאָס הארץ און דו ביזט ביי זיך נישט זיכער, טאָ לאָז אָב און זאָג „פּאַס", און ווארף-ארויס פון קאָפּ דעם רעיון וועגען אנטלויפען.

— וואָס רעדסטו, זיידע? מיט דעם רעיון זענען דורכגענומען אלע מיינע חושים. זיי רוהיג. עס וועט די ארבייט ביי מיר נישט דויערן קיין דריי טעג.

— זעה-זשע... און ווען די אינספּעקציע וועט אָבפּאָהרען, און די פינסטערע נאכט וועט איינהילען די טורמע מיט אלע איהרע בע-שעפּענישען, און ארום און ארום וועט זיין שטיל, וויסט און שטאָק-פינסטער, וועלען מיר דורך דאָס לאָך ארויסקריכען אין די פרייע וועלט און זאָלען זיי געדענקען ווי מ'האָט אונז גערופען.

— און ווי אזוי וועלען מיר זיך אין דער נאכט ארויסבעקו-מען פון דער קאמער? די טהיר איז דאָך פעסט פערשלאָסען פון דרויסען?

— איי, דו נאריש קעפּעלע. מיר וועלען אין יענעם אָווענד זיין בעהאלטען טאקי אין דער מאסטערסקאיא.

— און בעת דער פּאָווערקא?

— וועלען מיר ליגען, ווי געווענליך, אויף אונזערע ערטער אויף דער נאַרע.

— באלד נאָך דער פּאָווערקא ווערט דאָך אָבער פעררינעלט און פערשלאָסען די טהיר?...

— וועלען מיר גאָר דאמאָלס זיין בעהאלטען אין דער מאס-טערסקאיא?...

— איך פערשטעה אייך נישט, דיעדושקא, ווי אזוי קאָן מען אין דערזעלבער צייט ליגען אויף דער נאַרע און זיין בעהאלטען אין דער מאסטערסקאיא.

— דו פערשטעהסט נישט?

— ניין. איך הויב נישט אָן צו פערשטעהן.

— איז גוט, זוהנעלע. הייסט עס, אז מיין המצאה איז גאָר א וואזשנע. דו ווייסט, ווי אזוי דער נאדזיראטעל מאכט ביי אונז די פּאָווערקאַ? האַ?

— געווים ווייס איך. ער קומט אריין מיט צוויי סאָלדאטען און צעהלט די ארעסטאנטען, די צאָהל שטימט מיט דער ליסטע, און פערלאָזט די קאמער, פערשליסענדיג הינטער זיך די טהיר.

— קיין נעמען רופט ער נישט אויס?

— ניין.

— און די, וואָס ליגען אויף די נארעס, הייסט ער אויפשטעהן?

— ניין. ער צעהלט נאָר איבער און געהט אוועק.

— נו וועלען מ י ר דאמאָלס ליגען בעהאלטען אין דער מאסטערסקאיאַ, און אונטער אונזערע כאלאטען וועלען ליגען אויף דער נארע שטרויענע קאטאָרזשניקעס. דאָס הייסט, צוויי טשוטשעלעס, מאנעקענס אין לייווענדענע מלבושים. פערגעס נישט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אז צוויי טעג נאָך דער רעוויזיע הוליעט נאטשאלסטוואָ און מע שיקט אונז נישט צו דער ארבייט, וועט נאטשאלסטוואָ נישט אזוי גיך זיך ארומזעהן, אז מיר פעהלען, און מיר וועלען קאָנען פריי לויפען אכט-און-פערציג שעה ביז מען וועט אָנהויבען אונז נאָכיאָגען. דאמאָלס אָבער וועט דאָס הייסען: „זוך דעם ווינד אין פעלד", בפרט ביי אזא ערפאהרענעם ויברח'ניק, ווי איך בין...

— און דער סאָלדאט, וואָס געהט-ארום אויף דער וואך פון דרויסען?

— ווייס איך שוין, ווי אזוי זיך דורכצושווארצען, אז ער זאל גאָרנישט בעמערקען. בפרט נאָך אין א שטאָק-פינסטערער נאכט.

— נו, און די קאמער?

— פאר דער קאמער איז נישטאָ קיין סודות. אדרבה, די קאמער וועט אונז צוהעלפען מאכען די שטרויענע חברים. איך שטעל זיך פאָר, ווי די קאמער וועט זיך שטיקען פון געלעכטער נאָך דער פּאָווערקע.

— און אז מען וועט זיי נעהמען אויפן פערהער?

— איז דער ענטפער: „זנאַט ניע זנאַיעס אי וויעדאַט ניע וויעדאַיעם"...

IX

אין דער טייגאַ

גרויס, משונה׳דיג גרויס, אומענדליך לאַנג און אומענדליך ברייט איז די טייגאַ אויף יענער זייט פון דער בייקאַלער אָזיערע, אין ווייטען צפונית-מזרחיתדיגען סיביר. פערנעהמענדיג אַ שטח פון פיעל טויזענדער קילאָמעטער אין קוואַדראַט, הויבט זי זיך אָן אויף דעם לינקען ברעג פון דעם גראַנדיעזען אַמור, געהט פאַרביי דער שילקאַ, בעריהרט די בייקאַלער בערג, לויפט נאָהענט פון דער גאָלדענער לענאַ און דערגרייכט ביז צו די ברעגען פון אָכאָטער ים. צענהדליגער טייכען און טייכלעך שלענגלען זיך צווישען איהרע אור-אַלטע פערשידענאַרטיגע בוימער. זי איז ערטערווייז דורכגע-שניטען פון די הויכע, מיט צעדער-בוימער און זילבער-טאָפּאָלען בעוואַקסענע פעלזען פון דער לאַנגער סטאַנאָוויער — יאַבלאָנאָוויער בערגען-קייט, ווי אויך פון פיעל אַנדערע בערג-פעלזען, אין וועל-כע די ווילדע אַלמעכטיגע נאַטור האָט מייסטערהאַפט אויסגעהוילט גראָטען און היילען, וואו מענשען און חיות קאָנען הונדערטער יאָה-רען האָבען זייער בעהעלטעניש, און קיינער זאָל פון זייער עקזיס-טענץ נישט וויסען.

און צויבערפול איז די טייגאַ. בעדעקט אין ווינטער מיט דעם זילבער-ווייסען, זויבערען און פראַנקענדען שניי, זעהען אויס די אונצעהליגע היילות פון איהרע הויכגעוואַקסענע געדיכטע בוימער מיסטיש-גרויזאַם... בעדעקט אין פריהלינג מיט גרינע בלעטער פון אַלערליי שאַטונגען און מיט בונטע פערשידענע ווילדע בלומען, רייצט די טייגאַ דאָס אויג און די פאַנטאַזיע מיט איהר מערכענהאַפ-טער מאַיעסטעטישער הערליכקייט... און רעטזעלהאַפטע קולות הערט זיך אין דער טייגאַ, און דו ווייסט נישט, וועמענס זענען די קולות און פון וועלכען אָרט זיי דערטראָגען זיך, און דו האָסט דעם איינ-

דרוק, אז דאָס זענען קולות פון אונגעזעהענע אונטערערדישען גיים־טער... און אַנדערש זעהט אוים די בלויקייט פון דעם הימעל־געוועב איבער דער פויגל־פאַרביגער טייגאַ. און אַנדערש אָטהעמט זיך אין איהר פרישער, זאַפטיגער און דופטיגער באַלזאַמען־לופט. און, אַ בעצויבערטער פון דער דאָזיגער טייגאַ־אַטמאָספערע נאָך דער ענ־גער, פינסטערער און פערפעסטעטער קאַמער נומער 4, האָט ליאַ־וואַ מיט אַ פולער ברוסט אַבגעאָטעמט און אויסגעשריען:

— דיעדושקאַ, מיר זענען דאָך אין אַ גן־עדן!...

און, ווי אַ בערוישטער פון אַ שטאַרק־ווירקענדען שלאָף־גע־טראַנק, איז ער אַנידערגעפאַלען מאָמענטאַל טיעף איינגעשלאָפען, נאָך איידער דער אַלטער האָט בעוויזען אָבצוענטפערן אויף זיין אויסגעשריי.

דער אָרט, וואָס דער אַלטער ערפאהרענער בראָדיאַגאַ האָט אָ־נערקענט ווי אַ זיכערע בעהעלטעניש פאַר דער ערשטער צייט, ביז עס וועט איבערגעהן דער ערשטער רעש און די פערוואַלטונג פון דער אוסט־קאַרער קאַטאָרגע, ווי אויך די אַרומיגע פאָליציי וועלען זיך ביסלעכווייז בערוהיגען און אויפגעבען דאָס פערפאָלגען פון די אַנטלאָפענע, — דאָס דאָזיגע אָרט איז געווען אַ קליינער שטח, בעדעקט מיט הויכען מעד, אונטער אַ שוץ־דאַך פון אַ מיט הויכען גראָז בעוואַקסענעם פעלד, און פון אַלע דריי זייטען פערשטעלט מיט געדיכטע אוראַלטע, דיקע בלעטער־בוימער, עטליכע טריט פון דעם פערשטעקטען ווינקעלע איז געלאָפען פון די בערג אַ שמאָלער שטראָם מיט קאַלטען קרישטאַל־קלאָרען וואַסער.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי זענען געגאַנגען כמעט אָהן אַ שום אָברוה דריי טעג און דריי נעכט, ביז זיי זענען געקומען צו דעם אויסדערוועלטען אָרט אין דער טייגאַ, האָט דער אלטער נישט געפילט קיין ערמידונג און קיין בעדערפעניש אין שלאָף. דעם בראָדיאַגאַס פיס זענען געוואוינט צום געהן, זיי ווערען קיינ־מאָל נישט מיעד. און שלאָפען שלאָפט דער בראָדיאַגאַ טאַקי גע־הענדיגערהייד. ער שלאָפט מיט אָפענע אויגען, אזוי ווי דער פויגעל קראַניק, הערענדיג דערביי די לייכטעסטע בעוועגונג פונדערוויי־טענס.

איז ער זיך געזעסען דער אַלטער קאַטאָרזשניק און האָט גע-קוקט אויף זיין יונגען איינגעשלאָפענעם חבר מיט אויגען פול צערט-ליכקייט, אזוי ווי א זיידע קוקט אויף זיין ציטעריג אייניקעל, און אין זיין אַלטען מח זענען פּלוצלונג ענטשטאַנען געדאַנקען, פאַר איהם זעלבסט פרעמדע און זאַנדערבארע.

— איך בין שוין אלט, — האָט ער ביי זיך געטראַכט. — מיינע יונגע יאָהרען זענען געווען פערפעהלט, און מיינע אלטע יאָה-רע אודאי און אודאי... א קאטאָרזשניק, א בראָדיאגא, ווידער א קאַטאָרזשניק און נאָך אמאָל א בראָדיאגא... און אזוי וועל איך שוין אפּנים ענדיגען מיין לעבען אין דער טייגא. איך פיהל, אז מיינע כחות וועלען נישט לאנג אָנהאַלטען. גענוג געהוליעט. נישטאָ וואָס צו זשאַלעווען... נור אויף איהם איז מיר א רחמנות. ער איז אזוי יונג. ער האָט געקאָנט לעבען גליקליך, איז ער נאָר געגאַנגען קעמפען, בע-בע... א נארישער קאָפּ. מיט וועמען קעמפען? פאַר וועמען קעמפען? וואו זענען זיי אָט די אלע, פאַר וועמען ער האָט געוואָלט קעמפען און וועלכע ער האָט געוואָלט בעפרייען? זאָרגען זיי דען אצינד פאַר איהם? קענען זיי איהם דען? ווילען זיי דען וויסען, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען?... און ער איז דאָך אזוי יונג. האָט אין זיך אזוי פיעל לוסט צו לעבען, צו געניסען פון לעבען. עך, עך. א רחמנות. אוי ווי מיר ווילט זיך עפּעס טהון פאַר איהם און ארויפ-פיהרען איהם אויף א זיכערען וועג... כאָטש איין גוטע טהאט טהון אויף דער וועלט פאַר מיין טויט...

דער אַלטער איז לאנגזאם אויפגעשטאַנען. ער האָט גענומען דאָס טשוגונענע קעסעלע, וואָס ער האָט צווישען אנדערע מכשירים פערכאפּט מיט זיך פון דער מאסטערסקאיא און פון דער קיך, און האָט געבראַכט פון שטראָם וואסער צו טהיי. דערנאָך האָט ער מיט א גרויסען קיך-מעסער אָבגעשניטען א פּאָר צווייגען, פון וועלכע ער האָט געמאכט א דריי-פוס. עס האָט נישט לאנג געדויערט האָט ער אָנגעצונדען א האָלץ-הויפען, איבער וועלכען ער האָט אוועקגע-שטעלט דעם דרייפוס מיט דעם אראָבגעהאָנגענעם קעסעלע וואַ-סער.

— נו, זוהנעלע, גוט זיך אויסגעשלאָפען? — האָט דער אַל-

טער גוטמוטיג געפרעגט, ווען ליאָווא האָט ענדליך אויפגעעפענט די אויגען.

— וואו זענען מיר, דיעדושקאַ? — האָט ליאָווא געפרעגט, אַרומקוקענדיג זיך מיט ערשטוינונג אויף אַלע זייטען.

— וואו מיר זענען? כע-כע, דו ווייסט נישט, וואו מיר זענען?... ווייט, ווייט אין דער טייגא זענען מיר. אונטער א פעלזען-דאַך. צווישען בערג און טויזענד-יעהריגע ביימער. געשיצט פון ווינד און רעגען, געשיצט פון דער ברענענדער זון. אויף א טעפיך פון ווייכען מעך, אין דער געזעלשאַפט פון זינגענדע פויגעלעך. אין א זיבערען ווינקעלע געפינען מיר זיך, זוהנעלע. דאָ וואָלט אונז נישט דערטאַפט אפילו דער ימח-שמו׳ניק אליין...

— דער ימח-שמו׳ניק? וואָס איז דאָס פאַר א פויגעל?...

— דאָס איז שוין געווען איינמאָל א פויגעל... דאָס איז געווען אַנ׳אמת׳ער פּאָליציייסקער הונד, די ערד זאָל די טריפה׳נע ביינער זיינע ארויסוואַרפען.

— ווער איז ער דען געווען, און וואָס פאַר א שלעכטעס האָט ער דיר געטהון?

— מיר?... פאַר מיר האָט ער געהאַט די זיבעטע קדחת... נאָך נאָש בראַט איז ער געשטאַנען ווי א ביין אין האַלז. א משומד איז ער געווען. ער איז געווען וואַכמייסטער אין נערטשינסקער קאַטאָרגע. טאָמער איז ווער אנטלאָפען, האָט ער אָנגעפיהרט מיט דער אַבלאַווע, און מיט זיין הינטישען חוש הריח איז געקומען אויף די שפּורען פון דעם ענטלאָפענעם, אפילו ווען יענער האָט זיך בעהאַלטען אונטער דער ערד. אַזוי האָט ער געהוליעט א סך יאָהרען, ביז ער האָט אָנגעטראָפען אויף א קלוגערען פון זיך.

— און מען האָט איהם דער׳הרג׳עט?

— אָבער פיין דער׳הרג׳עט. א טאָמער איז דאָס געווען, א קאַטאָרזשניק. נו, איז ער אנטלאָפען. האָט איהם לאַווערענטי פעדאָטיטש געגומען נאָכיאָגען, אַזוי האָט מען גערופען דעם ימח-שמו׳ניק. איז ער אריין אין דער טייגא, ווי געוועהנליך. ער איז געגאַנגען פאָראויס, און הינטער איהם זענען געגאַנגען צעשפּרייט איינציגווייז זיינע סאָלדאַטען. פּלוצלינג דערזעהט ער פון ווייטענס

דורך די ביימער, אַז דער בחור ליגט, דער טאַטער, הייסט עס. בלייבט ער שטעהן הינטער אַ בוים, כדי דער טאַטער זאָל איהם נישט בעמערקען, און ניט אַ צייכען זיינע לייט, אַז זיי זאָלען אויך בלייבען שטעהן. אַזוי איז ער געשטאַנען בעהאַלטען הינטער'ן בוים מיט דעם אָנגעלאָדענעם פּיסטאָלעט אין דער האַנד און האָט אַלץ געקוקט אויף דעם אויסגעצויגענעם טאַטער. און דער טאַטער איז זיך אַזוי געלעגען אויסגעצויגען, ווי אַ בר-מינן, מיט פערמאַכטע אויגען און מיט אַנ'אָפּען מויל, ריהרט נישט מיט קיין האַנד און מיט קיין פוס, טרייבט נישט אַראָב די פליגען, וואָס האָבען בעלאַגערט זיין פנים, און אויף דער ערד נעבען איהם ליגען די צעקלאַפּטע קיידאַנעס פון זיינע פיס... הייסט עס, אַז ער שלאָפט ווי אַ דערהרגעטער. און עס איז גאָר קיין וואונדער נישט. ער איז זיך גענוג אָנגעלאָפען ביז ער איז געקומען צום אָרט, וואו ער ליגט. איז דער משומד געגאַנגען שטיל, פאָרזיכטיג, אויף די שפּיץ-פינגער, בגנבה, אַזוי ווי אַ כיטרע קאַץ, וואָס לויערט אויף אַ מויז, און האָט זיך אַזוי אַרום דערנעהנטערט ביז צום סאַמען טאַטער מיט דעם פּיסטאָלעט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנד. נור איידער ער האָט בעוויזען אַ געשריי געבען צו זיינע סאָלדאַטען: „רעביאַטאַ, אַהער!“, האָט דער טאַטער איהם אַריינגעפּאַקט אין בויך אַ לאַנגען און ברייטען קיך-מעסער, האָט אַ פּאָר מאָל דעם מעסער איבערגעדרעהט און איהם צוריק אַרויסגעצויגען, איז שנעל ווי אַ בליץ נעלם געוואָרען צווישען די בלימען און צוזאַמען מיט די פערשטינקענע קישקעס איז פון משומד אַרויס זיין הינטישע נשמה. אָט אַזוי האָט געענדיגט זיין הינטיש לעבען דער הונד, אין זיין מוטערס מוטער אַריין...

— און גוט, זיידע: אַ הונד בעדאַרף פּגר'ן ווי אַ הונד.

— אַצינד וועט מען זיך נעהמען צו דער סעודה. טהיי האָב איך שוין אויפגעקאָכט, וואָבלעס האָב איך אָבגעבראָטען, סוכאַרעס ליגען דאָ, וועט מען זיך לאָזען וואוילגעהן. נישט געזאָרגט, ברודערקעס. אויף אַ עטליכע טעג זאַפּאַס האָבען מיר מיטגענומען. די חברים אונזערע פון דער קאַמער האָבען אונז פערזאָרגט, יעדער פון זיי מיט וואָס ער איז רייך געווען... און שפּעטער איז גאָט אַ פאָטער.

אין דער טייגא וועלען מיר פון הונגער נישט שטארבען. א ריאב־טשיקעל, א טייבעלע, א ווילדע גאנז, א שוועמעלע, א יאגאדע און שאר ירקות. ביטער איז אין דער טייגא ווינטער, ברודעריקע, ווען די פויגעלעך פליהען א וועק אין די ווארעמע מקומות, אלץ איז בע־דעקט מיט א טיפען שניי, דער שטורם בושעוועט, און עס קנאקט א פראסט פון איבער פערציג גראד. אט דעמאלט איז ביטער. דעמאלט וועסטו פערגליווערט ווערען פון הונגער און פראסט, רויב־פויגלען וועלען דעם פערפרארענעם קערפער דיינעם צעפליקען, און הונגעריגע וועלף וועלען דיינע ביינער צעשלעפען, אזוי אז עס וועט פון זיך קיין זכר נישט בלייבען, ברודערקע...

— זאגסטו, זיידע, אז דא זענען מיר זיכער? — האט ליאווא ווידער געפרעגט, ווען זיי זענען געזעסען געמיטליך און האבען גע־פרובט די סעודה.

— זיכער. זיי רוהיג. אט דא איז געווען מיין בעהעלטעניש מיט דריי יאהר צוריק, ווען איך בין אנטלאפען פון סאכאלין. דא בין איך אבגעלעגען א גאנצען זומער, און קיין לעבעדיגער נפש האט פון מיר נישט געוואוסט. אין דער נאכט, ווען עס איז געווען פינסטער, האב איך זיך ארומגעדרעהט עטליכע שעה אין דער נאהנטער גע־גענד, געזוכט פרנסה. און ווי נור עס האט אנגעהויבען צו טאגען בין איך שוין דא געלעגען. פאר דעם בראדיאנא, ברודערקע איז דער העלער טאג א געפעהרליכער זאך, אך־אך־אך...

— איז דא פארהאן נאהנט עפעס א ישוב פון מענשען?

— א ווארסט דרייסיג פון האנען לויפט דער טייך שילקא, וואס פאלט אריין אין טייך אמור, און אויף דעם רעכטען ברעג פון דער שילקא ליגט סריעטיענסק, א גרויסער האנדעלס־צענטער. א לעב־האפטער פארט.

— ווי לאנג רעכענסטו, דיעדושקא, זאלען מיר דא זיצען בע־האלטען?

— איך רעכען א פינף־זעקס וואכען. דאס הייסט, ביז די ני־טשאלסטווא פון דער קאטארגע וועט זיך שוין האבען מיאש ו פון אונז.

— און וואס וועט זיין נאך די זעקס וואכען?

— מיר וועלען נאך וועגען דעם שמועסען. דערווייל לאמיר זיך לעגען שלאפען. זאלען אונזערע מוחות אויסרוהען.

די ענטציקונג און די התפעלות, וואס די טייגא האט ביי דעם יונגען קאטארזשניק ארויסגערופען אין די ערשטע טעג, איז שטו־פענווייז אבגעשוואכט געווארען, און די צייט האט זיך פאר איהם אנגעהויבען שלעפען אונענדליך לאנג, מאנאטאן און לאנגווייליג אין זיין מוח האט אהן אנ׳אויפהער געבויערט די פראגע:

— און וואס וועט זיין ווייטער? אין ארעסטאנטסקע קליידער אהן געלד, אהן א פערזענליכען דאקומענט, אין א פערוואָרפענעם פרעמדען און אונבעקאנטען קאנט — ווי אזוי ריהרט מען זיך? וואוהין געהט מען פון דער טייגא?

אזוי לאנג ווי ער האט זיך געקוועלט אין דער טורמע האט ער געהאט אין די געדאנקען נור איין ציעל, נור איין שטרעבונג: לויפען, ארויסדרייסען זיך פון דעם גהנום, זיין אויף דער פרייער וועלט. אצינד אבער, ווען די טורמע איז שוין ווייט הינטער איהם און ער פיהלט זיך ווי א פרייער פויגעל אין דער טייגא, פרעגט זיך: וואוהין לויפט מען? מיט וועלכע מיטלען לויפט מען?...

דער אלטער בראדיאגא, וועלכער איז די ערשטע צייט געוועזן אזוי רערעווריג, אזוי לעבהאפט און האט דעם יונגען חבר בעוויזען אזוי פיעל צערטליכקייט און זארגפעלטיגקייט, האט פלוצלינג אנגע־הייבען ווערען שווייגענדיג, פערשלאסען, מעהר קאנצענטרירט אין זיך, אומעטיג, נידערגעדריקט און אויף אלע פראגען, מיט וועלכע ליאָווא האט זיך צו איהם געווענדעט, האט ער קורץ און קאלט געענטפערט:

— האב געדולד...

זעהר אפט, אין דער נאכט, ווען ליאָווא האט זיך אויף א ווייל׳ע אויפגעכאפט פון שלאף, האט ער געזעהען, אז ער איז איינער אליין, אז דער אלטער איז נישטא אויף זיין געלעגער, און ווען ער האט מארגענס געפרעגט דעם אלטען:

— וואו זענט איהר געווען אין דער נאכט, דיעדושקא?

אט ער ווידער דערהערט דעם קורצען טרוקענעם ענטפער:

האב געדולד...

די גערולד האָט זיך אָבער ביסלעכווייז אויסגעשעפּט, זיין אי־נערליכער אונרוה איז אַלץ געוואָרען שטאַרקער, ביז ער האָט זיך ענדליך געווענדעט צום אַלטען מיט אַ קלאָרער און שאַרפער פראַגע:

— זאָגט מיר, זיידע, וואָס איז מיט אייך? וואָס אַזוינס איז געשעהן? פאַר וואָס קאָן איך נישט אַרויסבעקומען פון אייך קיין קלאָרע דבורים? דאָס מוז דאָך האָבען אַ גרונד. דאָס איז דאָך נישט אומזיסט.

— געוויס. געוויס איז דאָס נישט אומזיסט. האָב גערולד...

— מיין גערולד האָט זיך שוין אויסגעשעפּט...

— איז שלעכט, ברודערקע. אָהן גערולד וועסטו ווייט נישט קומען.

— איך מוז דאָך אָבער וויסען, וואָס וועט זיין ווייטער? מיר וועלען דאָך נישט אייביג זיצען אָט דאָ אין אין דער טייגא.

— דו געוויס נישט, און איך אפשר יאָ. דו טאָרסט דאָ נישט בלייבען. נישט מיט דעם צוועק ביסטו געלאָפען פון קאַטאָרגע, אום צו אַבליגען דעם זומער אין דער טייגא, און דערנאָך, ווען עס וועט אָנרוקען דער ווינטער, געהן קלאַפּען אין טויער פון דער טורמע, מען זאָל דיר אהין צוריק אַריינלאָזען.

— איך דענק אויך אַזוי.

— דו ביזט יונג. דו דאַרפסט איצט אָנהויבען צו לעבען. דו דאַרפסט איצט אָנהויבען געהען אין דער גרויסער וועלט, וועהרענד איך...

דער אַלטער האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און איז פערשוויגען געוואָרען אויף אַ געוויסע ווייל.

— עס געהט אויס פון קויש, זוהנעלע — האָט דער אַלטער ווייטער געזאָגט. — און געגוג געקאָפּטשעט דעם הימעל, געגוג גע־בידעוועט. וויפיעל איז דער שיעור? נישטאָ וואָס צו זשאַלעווען... איך וואָלט אָבער פריהער וועלען דיך פערזאָרגען. דיך זעהען אויף אַ זיכערען וועג. איך וואָלט וועלען מיטנעהמען אויף יענער וועלט באַטש איין מצוה... דו לאַכסט, אַ?... דאָס איז נישט קיין געלעכ־טער. אז מען איז אַלט און מען שטעהט שוין מיט איין פוס אויף יענער זייט, הויבט מען אָן גלויבען... נו, איז דעריבער טאַקי קלער

איך, טראכט איך, געה ארום און זוך, און שנאַרע, און מיין, אַז איך וועל סוף כל סוף דאָך עפּעס אויסטראַכטען. נור דו האָב גע-דולד...

ליאַוואַ האָט געשוויגען. דעם אַלטענס אויפריכטיגע ווערטער האָבען אויף איהם געמאַכט אַ טיפען רושם, און פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען מיט דעם אַלטען צוזאַמען, סיי אין דער טורמע, סיי און דער טייגאַ, איז אַצינד אין איהם פּלוצלינג ענט-שטאַנען די פראַגע:

— ווער איז ער אייגענטליך אָט דער דאָזיגער אַלטער פער-האַרטעוועטער קאַטאָרזשניק?...

— ווע'לען מיר אפשר גאַר טרינק'ען אַ פּאָר בעכערלעך טהיי? אַ, ווי, מיינסטו, ליאָוואַ?

— פאַרוואָס נישט? — האָט ליאָוואַ מונטער געענטפערט.

— נו, טאָ נעהם, בעדין דעם דיעדושקאַ, לאָמיר כאָטש זעהן, צי דו קאָנסט אויפקאָכען אַ קעסעלע וואַסער.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט אונטער דעם קעסעלע אָנגעהויבען קנאַקען אַ פרעהליך פייערל, דאָס וואַסער האָט שנעל אויפגעקאָכט, ליאָוואַ האָט פערבריהט ציגעל-טהיי, האָט אָנגעגאָסען צוויי בלעכענע בעכער מיט דעם קאָכעדיגען געטראַנק, און האָט אוועקגעשטעלט איין בעכער נעבען דיעדושקאַ, און דעם צווייטען נעבען זיך.

— און אָט נאָך וואָס איך קלער און טראַכט, — האָט זיך דער אַלטער אָנגערופען נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטען בעכער. — איך טראַכט, וואָס פאַר אַ משונה'ע מדינה סיביר איז.

— אין וועלכען בעצוג, זיידע?

— אָט טאַקי כאָטש אין דעם בעצוג, וואָס דו רופסט מיך „זיי-דעשי" און איך רוף דיך „זוהנעשי"... דאָרט, אין אונזערע מקומות, הייסט עס, וואָלט אַזאַ בעציהונג צווישען אונז געווען אויסגעלאָ-סען, און דאָ אין סיביר זענען מיר פאַן בראָט..

— פאַרוואָס וואָלט עס דאָרט ביי אונז געווען אויסגע-שלאָסען?

— פארוואָס, פרעגסטו? ווייל דו ביסט א טאַטענס א זוהן, דו ביסט א געבילדעטער, אַ סטודענט, דו ביסט ריין ווי גאלד, דיין נשמה איז ווייס ווי שניי, דיין געוויסען האָט קיין שום פלעק נישט, ווערענד אויף א זעלכע ווי איך טייטעלט מען דארט מיט'ן פינגער, פון אזעלכע ווי איך לויפט מען דארט ווי פון א מגפה... דאָ אָבער זענען נישטאָ קיין מיוחסים, דאָ זענען אלע „פאַן בראַט". דאָ רופֿ איך דיך פשוט: ליאָווא, ברודערקע, זוהנעלע, און דו רופסט מיך זיידעשי, דיעדושקא.

— ווער ביסטו דען?...

— אצינד בין איך אַנ'אלטער בראָדיאגא, וואָס לויפט שוין שוין דאס פיערטע מאל פון קאַטארגע.

— איך מיין, נישט דער פערגאַנגענהייט.

— אין מיין, אין דער פערגאַנגענהייט.

דער אלטער האָט ווידער א מאך געגעבען מיט דער האַנד, ער האָט עפעס א ברום געטהון, און האָט זיך לפנים גענומען פאַרען בי די גליהענדע קוילען פון דעם אויסגעברענטען האָלץ-הויפען.

ליאווא איז געזעסען אויף זיין אָרט שטיל און האָט געקוקט אויף יעדע בעוועגונג פון דעם אלטען, פונקט ווי ער וואָלט געוואלט פון די דאזיגע בעוועגונגען ארויסלייענען א ענטפער אויף דער פראגע:

„— ווער איז ער? וואס פאר א פערגאַנגענהייט האָט ער?"

עטליכע מינוט האָט דער אלטער זיך ארומגעדרעהט, כסדר ברומענדיג עפעס א ניגון אונטער דער נאָז, און האָט כלומרשט געזוכט עפעס אַנ'ארבייט. פלוצלינג האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד נעבען ליאווא'ן און האָט געזאגט ביטער-איראניש:

— עך, ליאָווקא, ליאָווקא! ווען דו וואָלסט וויסען מיט וואָס פאר א געפעהרליכען פערברעכער דו געפינסט זיך סאַם-נאַ-סאַם אין דער טייגא...

ליאָווא האָט אינסטינקטיוו אויפגעציטערט.

— דו האָסט אַזש א ציטער געטהון, אַ? כע-כע... דו האָסט זיך דערשראָקען, אַ?... האָב קיין מורא נישט. איך בין שוין מעהר נישט געפעהרליך... נאר אמאל, אין די יונגע יאָהרען, און נאך מיט

א יאָהר פינפצעהן צוואנציג צוריק, אָ, אָ... נישט גוט, ברודערקע, אז מען פערלירט טאטע־מאמע אין די פריהע קינדער־יאָהרען, אז מען בלייבט א קיילעכדיגער יתום דאמאלס, ווען מען האָט נור וואָס אָנגעהויבען ארויסרעדען די ווערטער „טאטע״, „מאמע״. פיעל ערגער איז אָבער דאָס, וואָס מען פאלט אריין אין די הענד פון פינף טאטעס און פינף מאמעס, וואס מען בעקומט איבער זיך אָהן א שיעור אַפּיעקונעס מיט אַפּיעקונקעס... ווי זאגט די וועלט: „ביי זיבען ניאנקעס פלייבט דאס קינד אָהן אנ׳אויג״ — האָב איך טאקי געהאט דאָס אונגליק צו האָבען א סך ניאנקעס, ניאנקעס אין הויזען, ניאנקעס אין ספּאדניצעס, און בין טאקי געווארען א קאַליעקע... נישט אויף א אויג, אָדער אויף א האנד, אָדער אויף א פוס בין איך א קאליעקע געווארען, ברודערקע. מיין יונגע נשמה האָבען זיי, די ניאנקעס מיינע, צעקאליעטשעט... מיין פערשטאנד האָבען זיי פער־קרומט, פערדאָרבען...

דער אלטער איז אויף א ווייל̇ע פערשוויגען געווארען.

— שווער, ברודערקע, — האָט ער ווייטער פארטגעזעצט, שווער צו דערצעהלען אלע פּרטים פון מיין מיאוסער פערגאנגענ־הייט. אין קורצען וועל איך דיר נור זאגען, אז אנגעהויבען האָב איך מיט היימישע, מיט נארישע גנבה׳לעך און בין אזוי געגאנגען פון שטופּע צו שטופּע. א רעכטער גנב, ממש אנ׳ארטיסט, בין איך געוואָרען אין פערלויף פון די פינף יאָהר, וואָס איך האָב גע־דיענט ביי פאָניען. די קאזארמע ברודערקע, איז א גוטע שקאָלע. בפרט פאר די, וואָס האָבען א נייגונג פון קינדווייז צו „האנד־מלאכה״... נאָך דער קאזארמע בין איך געגאנגען פארווערטס מיט ריזען־שריט: א קעשענע־גנב, א וואלד־גנב, א אונטערצינדער, א שלאָסען־ברע־כער, א פערד־גנב. פון איין טורמע בין איך ארויס, אין די צווייטע בין איך אריין, ביז איך האָב א מענשען־לעבען אומגעבראכט און בין אוועק אויף קאטארגע... וואס זאג איך „א מענשען־לעבען״ — א פסובראט איז דאס געווען, א סוקין־סין... א סטארשי סטרא־זשניק אין אונזער שטעדטעל: ער האָט אידען צוגעטיילט געברענ־טע צרות, ביז ער איז געקומען אויף מיינע הענד. און האדיא... אזוי, אזוי, זוהנעלע. א פרעהליך לעבען, נישט אמת?...

— יאָ, יאָ, — האָט ליאָווא טיעף אָבגעזיפצט.

— דו זיפצט, דו יאלד איינער? דו האָסט אויף מיר רחמנות? דו מיינסט, אז איך האָב חרטה אַ?

— געוויס מיין איך אזוי, — האָט ליאָווא געענטפערט מיט בעדויערן.

— האָסטו א טעות, ברודערקע, — האָט דער אלטער אָבגעענטפערט, און אין זיינע ווערטער האָט זיך געהערט, נישט ציניזם פון א פערדאָרבענעם איינגעבוירענעם פערברעכער, נאָר א פערביטערטקייט פון א אָנגעוועהטאָגטער נשמה. דו האָסט א טעות... נאָך אצינד וואָלט איך פערברענט ׳אויפ׳ן פייער אָט יענע אלע, צוליעב וועלכע איך האָב זיך אָבגעפלאָגט אין די טורמעס. דו מיינסט, אז איך האָב גע׳גנב׳עט אָט גלאָט אין דער וועלט אריין? פון נחת? פון ליבשאפט צו דער דאָזיגער מלאכה? האָסטו ווידער א טעות. שוין אלס קינד, ווען איך בין געווען אונטער דער השגחה פון מיינע „זיעבען ניאנקעס״, האָב איך שטילערהייד גע׳גנב׳עט א שטיקעל ברויט, א שטיקעל בולקע, אמאָל א קופערנע מטבע, ווייל איך האָב געהונגערט, ווייל איך האָב נישט בעקומען זאט צו עסען... און אזוי איז דאָס געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער. אין קיין שקאָלע האָט מען מיך נישט געשיקט, קיין מלאכה האָט מען מיך נישט געלערנט, און דער מאָגען האָט געשריען עסען, האָט מען זיך געמוזט געבען אַנ׳עצה מיט די צעהן פינגער...

— גענוג, זיידע. נאָכוואָס רייצען די אלטע וואונדען?

— ניין, ליאָווא. דו האָסט מיר געצויגען פאר דער צונג, טאָ שטער מיר נישט, טאָ לאָז מיר זיך אביסעל אָברעדען פון הארצען, און הער מיך אויס.

— אויב דערפון וועט אייך לייכטער ווערען — הער איך.

— איין עולה בין איך בעגאנגען, קאָן איך מיך בשום אופן נישט שענקען ביז צום היינטיגען טאָג, ווייל די דאָזיגע עולה בין איך בעגאנגען געגען א פיצעל קינד, געגען א אומשולדיג עופה׳לע, און געגען א טאטע-מאמע, וואָס האָבען מיר קיינמאָל קיין שום שלעכטס נישט געטהון... וואָס זאָג איך, אַנ׳אונשולדיג עופה׳לע, דריי, דריי אונשולדיגע עופה׳לעך זענען דאָס געווען... עך,

ליאָווא, ליאָווא. דו האָסט רעכט. גלייבער נישט רעדן, נישט אויפֿ־וועקען די אַלטע יסורים... דו פֿערשטעהסט, וואָס הייסט בעגעהן אַנ׳עולה געגען פּיצעלעך קינדער? צוויי זענען נעביך אומגעקומען אין פֿלאַמען, און דאָס דריטע...

דער אַלטער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען כליפּען מיט א פֿער־שטיקטען געוויין און האָט מעהר נישט געקאָנט רעדן.

— נו, זוהנעלע? — האָט זיך דער אַלטער אָנגערופֿען נאָך א פּאָר מינוט, ווען ער האָט זיך עטוואָס בערוהיגט. — דו זעהסט וואָס פֿאַר א שמאַטע מען ווערט אויף דער עלטער?... האַדיא, צייט זיך לעגען שלאָפֿען.

לאַנג זענען די ביידע אייגענאַרטיגע הברים געלעגען וואך און האָבען איינער מיט דעם אַנדערען קיין וואָרט נישט אויסגעשפּראָ־כען. טראָץ דעם, וואָס דער ביטערער גורל האָט זיי אַזוי צוזאַמען־געפּאָרט, האָט נאָך יעדער פֿון זיי געלעבט און געדענקט אין זיין איינענער, גאַנץ בעזונדערער, אינערליכער וועלט, און פֿערטיפֿט אין זיין דאָזיגער וועלט איז יעדער פֿון זיי לאַנג געלעגען וואך אין דער שטילער איינזאַמקייט פֿון דער נאַכט, ביז דער שלאָף האָט ענדליך פֿערשלאָסען זייערע אויגען.

ליאָווא, ווי א יונגע נאַטור, איז געוועהנליך טיעף איינגע־שלאָפֿען, אָבשלאָפֿענדיג ביז שפּעט אויפֿ׳ן טאָג, ווערהענד דער אַלטער איז על פּי רוב מעהר ווי א שעה, העכסטענס צוויי שעה נישט געשלאָפֿען, און ווי נור ער האָט אויפֿגעעפֿענט די אויגען, איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין געלעגער און איז אוועק, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „זוכען פּרנסה".

אַזוי איז ווי עס איז אוועק א טאָג נאָך א טאָג. אַזוי איז שוין פֿערגאַנגען מעהר ווי א חודש אין דער טייגא: ליאָווא איז מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ מעהר אונרוהיג, נור ער האָט גע־שוויגען. ער האָט דעם אַלטען מעהר נישט געשטעלט די פֿראַגע „וואָס וועט זיין?", ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט בעקומען דעם אייביגען קורצען ענטפֿער: „האָב געדולד".

ענדליך, אין א געוויסען פֿריהמאָרגען, האָט זיך דער אַלטער אומגעקעהרט אין בעהעלטעניש נאָך זיין נאַכט־אויספֿלוג א פֿער־

סאָפּעטער און שטאַרק אויפגערעגטער. ליאָוואַ איז נאָך געשלאָ־
פֿען. דער אַלטער האָט געקוקט אויף איהם אַ געוויסע צייט, ווי
ער וואָלט זיך געשלאָגען מיט דער דעה, צי זאָל ער איהם אויפ־
וועקען, צי זאָל ער, ווי תמיד, וואַרטען ביז ליאָוואַ וועט פון זיך
אַליין ערוואַכען.

— אַ שאָד איהם וועקען, — האָט דער אַלטער בעשלאָסען.—
ער איז נאָך אַזוי יונג, פאַר איהם איז דער שלאָף געוואונשען: אין
שלאָף פערגעסט ער זיינע צרות, זאָל ער שלאָפען.

דער אַלטער האָט געבראַכט אַ קעסעלע וואַסער, האָט געמאַכט
פייער, האָט אויסגעשטעלט דעם דרייפוס מיט'ן קעסעלע וואַסער,
האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פּאַקעט מיט עטליכע דאָקומענ־
טען, האָט די דאָקומענטען בעקוקט, בעטראַכט פון אַלע זייטען
און האָט זיי צוריק בעהאַלטען אין בוזעם, זאָגענדיג:

— שלעכט, ווען מען איז נישט קיין גראַמאָטנער...

ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אונרוהיג און אונגעדולדיג. ער
האָט געקוקט אויף דעם שלאָפענדען חבר, אויף דאָס קנאַקעדיגע
פייער, אויף דאָס זשומענדע וואַסער אין קעסעלע, און ווידער
אויף ליאָוואַ'ן, און ווידער אויפ'ן פייער. ענדליך האָט ער נישט
אויסגעהאַלטען און האָט גענומען וועקען ליאָוואַ'ן, לייכט בעריה־
רענדיג זיינע אַקסלען:

— ליאָוואַ, אָ ליאָוואַ...

ליאָוואַ האָט האַלב אויפגעעפענט זיינע פערשלאָפענע אויי־
גען און האָט געקוקט פערוואונדערט אויפ'ן אַלטען.

— עס מוז שוין זיין זעהר שפּעט, אַ? — האָט ליאָוואַ גע־
פרעגט און האָט זיך אויפגעזעצט.

אַנשטאָט צו ענטפערן אויף ליאָוואַ'ס פראַגע האָט דער אַל־
טער אַרויסגענומען פון בוזעם די דאָקומענטען און האָט געזאָגט:

— אַנו, ברודערקע, רייב אויס די אויגען און טהו אַ קוק,
וואָס זענען דאָס פאַר אַ פּאַפּירען.

ליאָוואַ האָט גענומען די כתבים, ער האָט אויף זיי אַ קוק
געגעבען און האָט נאָך מעהר פערוואונדערט זיך אָבגערופען:

— דאָס זענען פּאַספּאָרטען.

— אז דאָס זענען פּאספּאָרטען זעה איך. איך ווייס, ווי עס זעהט אויס אַ פּאספּאָרט. דו לייען איבער און זאָג מיר, אויף וועמענס נעמען זענען זיי. דאָ, זעה איך, זענען דאָ גאַנצע דרייסיג שטיק.

ליאָווא האָט בעטראַכט יעדען דאָקומענט בעזונדער און האָט געזאָגט:

— אָט דער פּאַס איז אויף דעם נאָמען פון אברול אבמעטאָ־וויטש מחמדאָוו, אַ טאַטער פון אופער גובערניע, פון דאָרף שאַקשא, זעקס־און־צוואַנציג יאָהר אַלט. אָט דער פּאַס ווידער איז אויפ׳ן נאָמען פון פּאַוועל פּאַוולאָוויטש יאָקעלסאָן, דריי און צוואַנציג יאָהר אַלט, אַ עוואַנגעליק, געבוירען פון יודישע עלטערן אין טוקום, קורלאַנדער גובערניע, אַ וואַיאַזשאָר. און אָט דער דריטער פּאַס איז אויפ׳ן נאָמען פון יערמיל קאַסיאַנאָוויטש פּליאַסון, אַ ציגיינער, דריי־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, געבוירען ביי כאָטין, בעסאַראַבער גובערניע.

— הייסט עס, דריי פּעסער אויף דריי פערשידענע נעמען, — האָט דער אַלטער געזאָגט נאָכדענקענד אַ ווײַלע, — אַצינד זאָג מיר, צי זענען די פּעסער געמאָלדען ערגיץ אין דער פּאָליציי?

— דעם טאָטערס פּאַס איז ערגיץ נישט געמאָלדען. אויף דעם וואַיאַזשאָרס פּאַס איז דאָ אַ שטעמפּעל פון אָרענבורגער פּאָליציי, און דעם ציגיינערס פּאַס איז געמאָלדען אין סריעטענסק. נור זאָג מיר, דיעדושקאַ, וואו האָסטו די פּעסער בעקומען?

— אז מען זוכט געפינט מען, בע־בע... און געפונען האָב איך זיי אין די קעשענעס פון איינעם, וועמען עס איז אַ פּנים נמאָס געוואָרען דאָס ביטערע לעבען, האָט ער זיך געמאַכט אַ זי־סען טויט און האָט זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ צוקער־שטריקעל, טאַקי דאָ אין דער טייגאַ, אַ וויאָרסט צעהן־צוועלף פון דאַנען, אויף דעם וועג. וואָס פיהרט קיין סרעטיענסק. פאַר איהם האָבען שוין די פּעסער קיין ווערט נישט. אויף יענער וועלט פרעגט מען קיין פּאַס נישט, און פאַר אונז, פאַר דיר, הייסט עס, איז אַצינד אַ פּאַס גאָר אַ וויכטיגע זאַך.

— אָבער ווי קומט צו איין מענשען דריי פערשיעדענע פּע-סער?

— זעהסטו, אָט דאָס איז טאַקי א קשיא פון א יאָלד. איי, ליאָווא, ליאָוואָ!... א חרפה, בנאמנות. ווי ווייסטו דאָס נישט, אז עס זענען פאַרהאַן „ארטיסטען", וואָס הייגט הייסען זיי שמעריל, און מאָרגען בעריל, און איבערמאָרגען חאַצקעל? מסתמא איז דער דאָזיגער פּאַרשוין אויך געווען אזא „ארטיסט"... מיט דיר וועט אויך אזוי זיין. דו הייסט מעהר נישט ליאָווא שטרייטער, דער אנט-לאָפענער קאטאָרזשניק, נאָר פּאַוועל פּאַוולאָוויטש יאָקעלסאָן, דער אָבגעשמדטער וואָיאַזשאָר, נעהם בעהאַלט דעם פּאַס, און יענע צוויי פּעסער געהען אין פייער, אָט אזוי, ווייל דו ביזט נישט קיין טאָטער און נישט קיין ציגיינער, אצינד ביסטו א פרייער פויגעל און פליה וואוהין דיינע פליגעל וועלען דיר טראָגען.

ליאָווא איז געזעסען א פּאָר מינוט א בערוישטער, איהם איז שווער געווען צו בעגרייפען אין ערשטען אויגענבליק, וואָס דאָ איז פּלוצלונג געשעהן, ער האָט געקוקט אויף דעם דאָקומענט, ער האָט געקוקט אויף דעם אלטען, און איהם האָט זיך אויסגערוכט, אז דאָס איז נישט מעהר ווי א טרוים, פון וועלכען ער וועט באַלד ער-וואַכען...

— נו, וואָס שווייגסטו, פּאַוולושא? — האָט דער אלטער אויסגעשריען.

ליאָווא האָט אויפגעציטערט. ער האָט א סעקונדע געקוקט אויף דעם אלטען, אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויזען א שמייכעל, און ער האָט זיך אָנגערופען: — ווי שנעל דו אָריענטירסט זיך, דיעדושקא. שוין „פּאַוולושא"?...

— אָט אזוי בעדאַרף זיין: איך האָב שוין פערגעסען, אז דו ביסט אמאָל געווען „ליאָוואַ", און דו פערגעס אויך. פּאַוולושא — און באַסטא! אָט וועט מען זיך זעצען צום אָנבייסען און מען וועט רעדען צו דער זאַך.

עס זענען אַוועק עטליכע מינוט, און ביידע פריינד זענען גע-זעסען ביי דעם זעהר בעשיידענעם פריהשטיק.

— וואָס מיינסטו צו טהון, פּאַוולושא? וואָס פּלאַנעוועסטו?

— עוקר זיין פון רוסלאַנד. פאָהרען אויף וולאַדיוואָסטאָק קיין אמעריקא. דאָרט וועל איך מיט מיין פאך נישט פערפאַלען ווערען.

— אמת, פּאוולושא, דאָס איז א פּלאַן. פאָהרען וועסטו קאַנען פון סרעטיענסק: דאָרט קומען זומערצייט אמעריקאנער פראכט־שיפען, וועסטו אין אזא שיף זיך פאָהרען רוהיג ביז סאמע אמעריקא, און האריא. דאָס קאָן מען אָבארבייטען מיט דעם עלטסטען מאַט־ראָז, און אמאָל מיט דעם סאמע לאָצמאן...

— ווי ריהרט מען זיך אָבער אָהן קליידער, אָהן א גראָשען ביי דער נשמה?...

דער אלטער האָט א פּאָר סעקונדען געקוקט אויף ליאָוואַ'ן מיט אויגען פול מיטלייד און צערטליכקייט. ער האָט ארויסגענומען פון בוזעם א קליין ליינוואנדען זעקעלע, האָט עס געררייכט ליאָוואַן, זאָגענדיג:

— נא, נעהם, אָרימער. אָט דאָ האָסטו קליידער, וועש, שיך, און עס וועט דיר נאָך בלייבען עטליכע רובל אין דער קעשענע... לאָמיר האָבען אָבגעטהון אינגאנצען די איינציגע גוטע זאך צום סוף פון מיין מיאוס'ען לעבען...

— וואָס איז דאָ? — האָט ליאָווא געפרעגט א ערשטוינטער, נישט בעריהרענדיג דאָס רעטזעלהאפטע זעקעלע.

— שרעק זיך נישט, נעהם, דו וועסט זיך נישט אָבבריהען. נעהם, בינד אויף און טהו א קוק. נור פאָרזיכטיג, עס זאָל זיך נישט אויסשיטען.

ליאָווא האָט מיט ציטערענדע פינגער אויפגעבונדען און אויפגעעפענט דאָס זעקעלע, ער האָט א פּאָר סעקונדען מיט אויסגעשטאַרטע אויגען ארייגעקוקט אינוועניג, און האָט געזאָגט מיט ערשטוינונג.

— גאָלד?.. גאָלד־זאמד?... איז דאָס מעגליך?...

— יאָ, פּאוולושא. גאָלד־זאמד. קיין גרויסער אוצר איז דאָ נישטאָ, נור א קימא־לן פון א צוויי־דריי־הונדערט־רובלדיגע וועסטו פאר דעם ביסעל נארישען זאמד בעקומען: דאָ נישט ווייט וואוינט א בוריאט וועט ער דאָס אָבקויפען, ער איז א בעלן אויף אזא

סחורה, און טאקי דורך איהם וועל איך דיר שוין פערזאָרגען מיט דיין גאנצער אויסשטאטונג...

געריהרט פון דער דאָיגער אויסערגעוועהנליכער טהאט מצד דעם אלטען בראדיאגא און פון זיינע אויפריכטיגע הערצליכע ווער־טער, איז ליאָווא געזעסען א געוויסער צייט א בערוישטער און האָט נישט ארויסגערעדט קיין וואָרט: ענדליך האָט ער זיך מעכאַ־ניש, נישט ווילענדיג, ארויסגעכאפט מיט פאָלגענדע פראגע:

— וואו האָט איהר דאָס געלד גענומען, דיעדושקא?

— זיי רוהיג, פאוולושא. שווער און ביטער. מיט מיין בלוט־טיגען שוויים, האָב איך אָט דאָס ביסעל זאמד פערהאָרעוועט. די לעצטע דריי יאָהר אין אוסט-קארער קאטאָרגע האָב איך געארבייט אין דער אזוי-גערופענער, „אונטערשטער גאָלד-וועשעריי”, שווער איז דאָרט די ארבייט, ברודערקע: דו שטעהסט די גאנצע צייט איינ־געבויגען, ביסט צוגעשמידט צו דער אייזערנער טאטשקע, פון וועל־בער דו נעהמסט אָן פולע שווערע אייזערנע עמערם מיט דעם זאמד, אין וועלכען עס געפינען זיך די גאָלדענע קערנדלעך, לעדיגסט אויס די עמערם אין א אייזערנעם געלעכערטען קאסטען, אין וועלכען עס לויפט כסדר וואסער, און א וועכטער שטעהט ביי יעדען קאַ־טאָרזשניק, לאָזט פון איהם קיין אויג נישט אראָב. קוקט נאָך יע־דע בעוועגונג זיינע, ערלויבט איהם נישט אויף א מינוט אויסגלייכען זיינע צעבראָכענע גליעדער. נאָך דער ארבייט ווידער ווערט יעדער קאטאָרזשניק דורכגעזוכט און דורכגעטאפט, צי האָט ער נישט ער־גיץ וואו ביי זיך בעהאלטען אביסעל פון דעם טייערען זאמד, און טאָמער געפינט מען יאָ ביי איהם, ריכט ער זיך אויס א פינסטער יאָהר: שמיץ, קלעפ, קארצער. און דאָך האָב איך, סענדער סאָלדאט, זיי אָנגעפייפט, אין זייער מוטערס מוטער אריין, און האָב צונויפ־געקליבען א זעקעל גאָלד, און קאָן אצינד טהון א גוטע זאך, בע־כע... די איינציגע גוטע טהאט אין מיין לעבען.

— זאָל איך אייך דאנקען, זיידע? האָב איך דען ווערטער אייך דערפאר אָבצודאנקען? — האָט ליאָווא מיט טרעהרען אויס־געשריען און איז צוגעפאלען צום אלטענס פערברענטע אויסגעהאָרע־

וועטע הענד און האָט זיי אונצעהליגע מאָל ליידענשאַפטליך הייס געקושט.

— נו, גענוג, הער אויף, — האָט דער אלטער זיך אָנגערופען מיט א געריהרטער פערענדערטער שטים. — גענוג, פּאוולושאַ.

ליאָווא האָט זיך אויסגעגלייכט, ער האָט אויסגעווישט זיינע פערוויינטע אויגען און האָט געזאָגט מיט א פעסטען מענערישען טאָן:

— דו האָסט רעכט, זיידעשי. גענוג! גאָט זאָל דיר בעצאָהלען פאַר דעם, וואָס דו טהוסט מיט מיר!

— אמן! — האָט דער אלטער בראַדיאַנא פרום געענטפערט און האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל.

א געוויסע ווײלע האָט געהערשט צווישען די ביידע א שטיל-שווייגען, נאָך וועלכען דער אלטער האָט אָנגעהויבען:

— אצינד, ברודערקע, נאָך דעם ווי דו ביסט שוין פערזאָרגט מיט א פּאַס, וועט מען זיך נעהמען צו דער ארבייט ענערגיש. נאָך היינט וועל איך אָבשמועסען מיט דעם בוריאַט, און מאָרגען, העכסטענס איבערמאָרגען, וועסטו זיין בעקליידעט פון קאָפּ ביז די פיס אזוי, אז דו וועסט זיך אליין נישט דערקענען. פון דאַנען וועל איך דיך צופיהרען צום ראזיעזד קאָקוי. דאָרט וועסטו זיך פּיער א זייגער פארטאָג אריינזעצען אין צוג און וועסט אריינפאָהרען קיין סריעטיענסק גלייך מיט אלע אנדערע פּאסאזשירען. פון דער באהן וועסטו פערפאָהרען אין האָטעל, נור לאנג וועסטו אין האָטעל נישט פערבלייבען. אונזער בוריאט וועט פאר דיר אויפזוכען א פּריוואטע דירה, וואו דו וועסט זיך בעזעצען, ביז דו וועסט קאָנען אויפזעצען זיך אויף דער אמעריקאנער שיף. דאָס קאָן דויערען א צוויי, דריי וואָכען, און אפשר טאקי א גאנצען חודש.

— איז נישט געפעהרליך אזוי לאנג צו זיצען אין סריעטיענסק?

— אויף מיין אחריות. דו מוזט וויסען, אז סיביר איז א צווייטע אמעריקא, הפקר פּיעטרושקע... אין סיביר איז נאָר שלעכט אין דער טורמע, אין דער קאַטאָרגע. אָבער אויף דער פריי איז סי-

ביר א גן-עדן. דו וועסט אָבוואַהנען אין סריעטיענסק ווי לאַנג דו ווילסט, און קיינער וועט דיר נישט פרעגען, ווער דו ביסט און פון וואַנען דו ביסט. בפרט זומער, ווען אין סריעטיענסק שוויבעלט און גריבעלט פון פּרעמדע אָנגעפאַהרענע... נו אָט... וועסטו זיך וואוינען פאר זיך. איך וועל זיך אויך איבערציהען אין א נייע „דירה“, אין א ניי בעהעלטעניש, הייסט עס, נעהנטער צו דער שטאָדט, אזוי אז איך זאָל קאָנען פון צייט צו צייט, אין דער נאכט, דיר אָבשטאַטען א וויזיט און אביסעל מיט דיר זיך דורכשמועסען... ווייל עס וועט זיך שוין בענקען נאָך דיר... א טשורנע לאַנד דאָס סיביר, פאַוולושא... אָט אזוי ווערען דאָ בעפריינדעט בלוט-פרעמדע מענשען, פון בלוט-פרעמדע וועלטען, מיט א בלוט-פרעמדער פער־גאַנגענהייט...

X

אין ערוואַרטונג.

אין פריהערדיגע יאָהרען, דאָס הייסט, איידער סריעטיענסק איז געוואָרען דער פערבינדונגס-פּונקט צווישען דער גרויסער סי־בירער באהן-ליניע און דעם אמורער קאַנט, אדאַנק דער טראַנס־בייקאַלער באהן-ליניע, און דער פערקעהר קיין סריעטיענסק איז געווען א זעהר נישט בעדייטענדער, ווייל פון בייקאַל ביז סריע־טיענסק איז אויסגעקומען דורכצומאַכען אויף פערד א שווערען און נישט זיכערען וועג פון א פופצעהן הונדערט וויאָרסט — אין יענע יאָהרען זענען אין סריעטיענסק, אזוי ווי אין אלע אַנדערע סיבי־רער אָבגעלעגענע שטעדט, קיין ריכטיגע האָטעלען נישט געווען, נאָר אויף דעם ברעג פון דער שילקא האָבען זיך געפונען א פּאָר נידריגע פּריוואַטע הייזלעך, אין יעדען הייזעל האָבען זיך געפונען א צוויי-דריי ענגע שמוציגע קאַמערלעך, און אהין, אין די דאָזיגע הייזלעך, הייסט עס, זענען פערפאָהרען די געצעהלטע רייזענדער, וואָס זענען זעלטען פערבלאָנדזשעט געוואָרען אין דער פערוואָרפענער קאַזאַקען-שטאָדט.

נאָך דעם אָבער, ווי עס האָט זיך אויסגעבויט די טראַנס־בייקאַלער באַהן, דער פערקעהר איז געוואָרען א בעקוועמער, די שטאָדט איז געוואָרען א לעבהאַפטער פּונקט פאַר האנדעל און טראַנספּאָרט, מען האָט אָנגעהויבען אהין פּאָהרען פון אַלע קאַנטען, און עס זענען דאָרט אויסגעוואַקסען האָטעלען אין עכט-אייראָפּע־אישען סטיל, מיט רעסטאָראַנען, מיט קאָנצערט-זאַלען און מיט אַלע בעקוועמליכקייטען — האָבען יענע אָרימע „פערפאָהר-הייז־לעך” פערלאָרען זייער אמאָליגען „גלאַנץ”, זענען געבליבען שטעהן אין אַלע טעג פון א גאַנץ יאָהר פערלאָזט, פער'יתומ'ט. דערפאַר אָבער זענען זיי בעלעבט געוואָרען אין די פּאָר חדשים פון דער נאַוויגאַציע, ווען די האָטעלען זענען געווען קאָמפּלעט בעזעצט, און דער צו-שפּעט אָנגעפּאָהרענער גאַסט איז געווען גליקליך, ווען ער האָט בעקומען א צימערל אין איינעם פון די „אַלטע האָטע־לען”.

אָט אין אזא הייזעל אויף דעם ברעג פון דער שילקאַ, וואָס האָט געהערט צו אַנ'אַלטער אלמנה פון א טראַנס-בייקאַלער קאָ־זאַק, האָט דער בוריאַט, וואָס האָט אָבגעקויפט ביי דעם אַלטען בראַדיאַגא דאָס „שווער פערהאָרעוועטע” זעקעלע גאָלד-זאַמד, גע־דונגען פאַר ליאָוואַ'ן א צימערל מיט איין פענסטערל צום טייך.

ליאָוואַ דאַווידאָוויטש שטרייטער איז איצט נישט מעהר ליאָ־וואַ דער געוועזענער סטודענט-טעכנאָלאָג און דער אנטלאָפענער קאַטאָרזשניק אין די ארעסטאַנטען-קליידער מיט דעם האַלב-אָבגע־ראַזירטען קאָפּ. ער האָט אצינד א שען פערוואַקסענעם און פיין פערקעמטען קאָפּ האָר מיט אימפּאָנירענדע וואָנסעלעך, ער הייסט פּאַוועל פּאַוולאָוויטש יאָקעלסאָן, א קורלענדער געטויפטער איד, וועלכער האָט דאָס רעכט פראַנק און פריי צו וואוינען אין גאַנץ רוסלאַנד, און פון פאַך איז ער א קאָמי-וואָיאַזשאָר.

פון וועלכער פירמע ער רייזט איז נישט קיינעמס עסק. ער איז נישט קיין איד. ער איז א קריסט, און, ווי אזעלכער, נויטיגט ער זיך נישט אין קיין שום וואָיאַזשאָרישע דאָקומענטען, וועלכע האָבען, איבריגענס, דעם אידישען נע-ונד'ניק אין סיביר קיין שום וואוינרעכט נישט געגעבען.

האָט זיך אונזער פּריש-אויסגעבאַקענער וואַיאַזשאַר בעזעצט אין דעם קאַמערל פון דער אַלטער קאַזאַטשקאַ׳ס הייזעל נאָך דעם, ווי ער האָט צוויי מעת-לעת אָבגעוואַוינט אין א נומער אין האָ-טעל „אַרקאַדיא״, אַזוי ווי דער אַלטער האָט איהם געלערנט.

די ערשטע צייט איז פּאָוועל געווען שטאַרק אונרוהיג. אויף איהם האָט „געבּרענט דאָס היטעל״. יעדע בעוועגונג אין האָטעל-קאָרידאָר, יעדער קלענסטער שאָרך, יעדעס דערהערטע געשפּרעך, יעדעס לייכטע אָנקלאַפּען אין דער טהיר פון זיין נומער האָט אין איהם אַרויסגערופען א טויט-שרעק, א האַרץ-קלאַפּעניש, איהם האָט זיך באַלד אויסגעדאַכט, אַז דאָס מיינט מען איהם, אַז דאָס איז פּאָליציי אָנגעפאַלען אויף די שפּורען פון דעם ענטלאָפענעם אוסט-קאַרער קאַטאָרזשניק, אַז אין דער פּאָליציי האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיין פּאַס איז א פאַלשער, א פרעמדער, א גע׳גנב׳עטער, און אַז אָט-אָט וועט ער אויף דאָס ניי פערשמיערט ווערען אין קייטען... און דאָס בלוט האָט איהם געשלאָגען אין קאָפּ אַריין אונצעהליגע מאָל, און א קאַלטער שוויים איז יעדעס מאָל אַרויסגעטראָטען אויף זיין גאַנצען קערפּער. און אונענדליך גרוילאַם און לאַנג האָט זיך געשלעפּט די שלאָפלאָזע נאַכט... נאָר ווען דער האָטעל-דיענער האָט איהם ענדליך מיט דער פּראָפעסיאָנעלער העפליכקייט איבער-געגעבען דעם איינגעמעלדעטען פּאַס אָהן שום טענות ומענות, איז איהם אַראָב דער שטיין פון האַרצען און ער האָט פריי אָבגע-אָטעמט.

לאַנג איז ער געזעסען אין זיין נומער ביי דעם שרייב-טיש, אויף וועלכען עס איז געלעגען דער אָפּענער פּאַס. לאַנג און אויפ-מערקזאַם האָט ער געקוקט אויף זיין נייעם נאָמען, אויף זיין נייעם גלויבען, אויף זיין נייער פּראָפעסיע, אויף דעם שטעמפּעל פון דער סריעטיענסקער פּאָליציי-קאַנצעלאַריע, און האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר בערוהיגט און געגלויבט, אַז ער געפינט זיך אויסער יע-דער סכנה, אַז ער איז דער „עכט-כשר׳ער״ רוסישער בירגער פּאַ-וועל פּאַוולאָוויטש יאַקעלסאָן, און פּטור...

ווען ער האָט נאָך די צוויי מעת-לעת געפּאָדערט די רעכ-

נונג, האָט איהם דער האָטעל-דיענער געפרעגט מיט דעם געוועהנ-ליכען נוסח:

— אייער וואָהלגעבאָרען פערלאַזט שוין אונזער סריע-טיענסק?...

— איך פאָהר-איבער וואוינען אין גאַסט-הויז פון דער אַלמנה... איך האָב פערגעסען, ווי מען רופט זי...

— אפראָסינא יעווסטראטאָוונא.

— יאָ, ברודערקע. אפראָסיניא יעווסטראטאָוונא. דאָ אין האָ-טעל איז פאַר מיר צו-טייער, און דאָרט קאָסט מיר א נומער שוין מיט דריי סאַמאָווארען א טאָג נישט מעהר ווי איין קאָרב דער מעת-לעת.

— אמת. אונזער בעל-הבית שינדט די הויט. אָט וועלען דאָ גיך אָנפאָהרען סוחרים פון סיביר, פון ראָסיי און פון אויסלאַנד, וועט ער העכערען די פרייזען פאַר די נומערען דרייפאַך און פינפ-פאַך... אָט אייער נומער, למשל, געהט אצינד דריי רובל א מעת-לעת, און דאַמאָלס וועט מען פאַר דעם זעלבען נומער מוזען צאָהלען ניין רובל, א חוץ וועש, א חוץ בעטצייג און א חוץ סאַמאָווא-רען...

— דעריבער טאַקי געה איך איבער צו אפראָסיניא יעווסטרא-טאָוונא.

— און איהר טהוט זעהר ריכטיג, אייער וואָהלגעבאָרען. דאָרט האָט איהר אי ביליג אי רוהיג... דאָ ביי אונז איז א אונגליק. אין „ווינטער-גאָרטען" הוליעט מען די גאַנצע נעכט. פיעל געסט בע-קלאָגען זיך, אז זיי האָבען אין דער נאַכט קיין מנוחה נישט.

— אמת. איך האָב אויך נישט געקאָנט רוהיג שלאָפען די ביי-דע נעכט.

— אונזער קוזמא לוקיטש, דער בעל-הבית, הייסט עס, מאַכט זיך גאָרנישט דערפון. „וועמען דאָ איז נישט בעקוועם, — זאָגט ער, — שטעהט די טהיר אָפען". אָט געה איך פאַר אייער וואָהלגע-באָרען ברענגען די רעכנונג... יאָ, יאָ, באַרין. א סך געסט געהען אצינד איבער אין די אַלטע גאַסט-הייזער.

דער דיענער איז געגאַנגען ברעכנען די רעכנונג, און פּאַוועל איז געווען שטאַרק צופרידען פון דעם דיענער׳ס רעדעוודיגקייט. ער האָט זיך אַזוי אַרום דערוואוסט, אַז דאָס איבערגעהן פון האָטעל אין יענע הייזער איז אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך און ציהט נישט אויף זיך קיינעמס אויפמערקזאַמקייט.

— איך זעה, באַרין, אַז איהר זענט גאָרנישט געווען אין קאַ־בינעט, — האָט זיך אָנגערופען דער דיענער, ווען ער האָט אַריינ־געבראַכט די רעכנונג.

— פון וואַנען זעהסטו דאָס? — האָט פּאַוועל געפרעגט.

— ווייל די האָטעל־געסט הייסען פערשרייבען אויף זייער נו־מער דאָס, וואָס זיי געניסען אין „ווינטער־גאָרטען״ בעת דער פאָר־שטעלונג, און אין אייער רעכנונג איז אַזאַ פּאָזיציע נישט פאַר־האַן...

— ניין, ברודערקע, איך האָב דעם קאַבאַרעט נישט בע־זוכט.

— אומזיסט, — האָט דער דיענער בעדויערט. — עס איז פאַראַן וואָס צו זעהען. אַזאַ קאַבאַרעט פערמאָגט נישט אפילו אירקוטסק. זינגערינס און טענצערינס ערשטער סאָרט. פּשוט די פינגער צו לעקען. אַזוי בעהויפּטען אַלע הערען וואָיאַזשאָרען, וואָס פערפאָהרען אין אונזערע נומערען. זיי זענען מבינים, די הערען וואָיאַזשאָרען, הייסט עס. זיי פערברענגען טאָג און נאַכט מיט אונ־זערע באַרישניעס, מיט די מאַמזעלען־אַרטיסטקעס.

— נישט אַלע וואָיאַזשאָרען זענען גלייך, ברודערקע, — האָט פּאַוועל בעמערקט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געפיהלט געטראָפען פון דעם דיענער׳ס מיינונג וועגען זיינע „חברים־וואָיאַזשאָרען״. — אָט בין איך אויך אַ וואָיאַזשאָר. און אינטערעסיר זיך נישט מיט קאַבאַרעטען.

— דאָס איז אויך אמת. נישט אַלע וואָיאַזשאָרען זענען גלייך. נור אונזערע פאַרשטעלונגען איז ווערט צו זעהען. אָט איז די טעג צו אונז אָנגעקומען אַ נייע פּרימאַדאָנע, אַ ציגיינערין, שורא הייסט זי. פון סאַמע מאָסקווע האָט מען איהר אויסגעשריבען. איז

דאָס פייער און פלאַם, זאָג איך אייך... אָבער ווי קומט זי צו יע־נער...

— צו וועלכער „יענער"? — האָט פּאַוועל געפרעגט מע־כאַניש.

— צו דער ציגיינערין גלאַשאַ, מיין איך. געווען ביי אונז אַזאַ פּרימאַדאָנע. איהר גלייכען איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ... אָבער אַ ווילדע בריאה איז זי געווען... אַ קאַפּריזנע ביז גאָר...

— און וואו איז זי אַצינד?

— זי האָט דיר נישט מיר נישט אַוועקגעוואָרפען די עסט־ראַדע, אַוועקגעוואָרפען איהר ציגיינערישע משפחה און איז אַוועק וואוינען צו איהר געליעבטען...

— דאָ אין סריעטיענסק?

— יאָ, באַרין, דאָ אין סריעטיענסק. דאָ איז ביי אונז פאַר־האַן אַ איד אַ מיליאָנער. „דער קופּער־קעניג" רופט מען איהם. סאַמואיל לאַזאַרעוויטש. איהר האָט מסתמא פון איהם געהערט.

— ניין, ברודערקע. איך האָב נישט געהערט... דאָס הייסט, איך האָב אפילו יאָ געהערט... נור קענען קען איך איהם נישט.

— נו, האָט דער דאָזיגער סאַמואיל לאַזאַרעוויטש אַ בן־יחיד, גרישאַ הייסט ער, גריגאָרי סאַמואילאָוויטש. האָט זיך די ציגיינערין אין איהם פערטראַסקעט אַזוי, אַז זי איז שיער נישט משוגע געוואָרען, און צוליעב איהם האָט זי פערלאָזט דעם קאַבאַרעט און איהרע ציגיינער. יאָ, יאָ, באַרין. אַ ווילדע בריאה, און גאָר...

פּאַוועל האָט אויסגעהערט דעם דיענער מיט אַ כלומר'שטער אויפמערקזאַמקייט, אָבוואָהל זיין פּלוידעריי האָט איהם וועניג וואָס אינטערעסירט. ער איז געווען אין דער לאַגע פון אַ מענשען, וואָס פיהלט נישט קיין זיכערען באָדען אונטער די פיס, און איז דערריי־בער נאָכגיעביג, געדולדיג און ליעבענסווירדיג־העפליך מיט יעדען איינעם. דער האָטעל־דיענער ווידער, ווי אַלע דיענסט־לייט, וואָס האָבען שטענדיג אַ פולען בוזעם מיט „נייעס", האָט אויסגענוצט די גינסטיגע געלעגענהייט און האָט ווייטער גערעדט. ער האָט זיך אביסעל איינגעבויגען צו פּאַוועל'ן און האָט געזאָגט מיט אַ שטי־לערען קול, מעשה סוד:

— אין שטאָדט רעדט מען, אז אויף דער ציגיינערין גלאשא זאָל גאָר אצינד האָבען געוואָרפען אַנ׳אויג דער אלטער אליין, סאַ-מואיל לאזארעוויטש, הייסט עס... בכן דער יונגער האָט גלאשא׳ן פערראטען. ער איז געוואָרען א חתן מיט אַנ׳אָרים מיידעל, מיט א טאָכטער פון עפּעס א בלינדען פּאָסעליעניעץ, און מיט דער ציגיינע-נערין האָט זיך פּערײנטערעסירט דער „קופּער-קעניג" אליין... לפנים וואוינט דערוויל גלאשא ביי דעם בלינדען פּאָסעליעניעץ אין הייזעל. דאָס איז טאָקי נישט ווייט פון אפּראַסינא יעווסטראטאָוו-נא׳ס גאסט-הויז. זי, גלאשא, הייסט עס, איז דאָרט כלומר׳שט א דיענסט. נאָר באלד נאָך גרישא׳ס חתונה, וועט גלאשא צוזאמען מיט דעם יונגען ווייבעל און מיט איהר בלינדען פאָטער איבער-געהן וואוינען צום אלטען אין פּאלאץ, אַט וואָס מען שמועסט אין שטאָדט...

— יאָ, שענע זאכען טהוען זיך אָב אין אייער סיביר, — האָט זיך פּאוועל אָבגערופען אַט גלאט אין דער וועלט אריין, אבי צו ווייזען דעם פּלוידער-זאק, אז ער הערט איהם אוים אויפמערקזאם.

— איי גלאשא, — האָט דער דיענער ווייטער גערעדט. — נישט איין קאָפּ האָט זי פערדרעהט... געווען דאָ ביי אונז אין קאַ-בארעט, למשל, א יונגער ציגיינער, אזוי, אין אייערע יאָהרען, מעהר אָדער וועניגער. א טענצער ערשטער קלאס איז ער געווען. א מאדים. א יונג מיט ביינער... יערמילקע, האָט מען איהם גערופען. יערמיל קאסיאַניטש פּליאסון...

— י ע ר מ י ל פּ ל י א ס ו ן ? — האָט זיך ביי פּאוולען נישט ווילענדיג ארויסגעכאפּט, ווייל דער נאָמען האָט איהם פּלוצ-לונג דערמאָהנט די דריי פּעסער, וואָס דער אלטער האָט איהם געבראכט אין דער טייגא.

— אייער וואָהלגעבאָרען האָט בעוויליגט איהם צו קענען? — האָט דער נומעראָווי איהם געפרעגט מיט א געוויסער צופרידענ-הייט.

— נ—נ—ניין... דאָס הייסט... יאָ... איך האָב איהם, דאכט זיך, ערגעץ-וואו געזעהען...

— מסתמא אין אירקוטסק, אין צירק, אייער וואָהלגעבאָרען.

— יאָ... אמת. אין אירקוטסקער צירק...

— א יאָ א קראסאוועץ געווען? אנ׳ארטיסט. א בחור׳ע אויף וואָס די וועלט שטעהט... נו, האָט זיך דער דאָזיגער יערמילקע פערליאפּעט אין אונזער ציגיינערין, אין גלאשא׳ן, הייסט עס, אויף טויט. און זי האָט איהם אויף איהר אופן אויסגעלאכט, געמאכט פון איהם חוזק, זיך געשפּילט מיט איהם, ווי א קאץ מיט א מויז. אזוי לאַנג און אזוי ברייט, ביז ער האָט נישט אויסגעהאלטען. ער איז מיטאמאָל נעלם געוואָרען און מען ווייסט נישט עד־היום, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען... יאָ, יאָ, בארין. דאָס איז א געפעהר־ליכע מכשפה, די גלאשא... אצינד משמעות, ווי מען שמועסט, האָט זי זיך גענומען צום אלטען קאָלמאר, צו סאמואיל לאזארעוויטש׳ן, הייסט עס. נו,נו, איך בין נישט מקנא זיין אלטען קאָפּ...

ענדליך האָבען זיך ביי דעם נומעראָווי אויסגעשעפּט די ניין מאָס רייד. פּאוועל האָט בעצאָהלט די רעכנונג, ער האָט גענומען זיין קליינע וואליזקע, אין וועלכער ער האָט געהאט אביסעל איינ־געקויפטע וועש, און איז אוועק אין אפראָסינא יעווסטראטאָוונא׳ס גאסט־הויז אין זיין געדונגענעם נומער.

אין זיין נייער סטאנציע, אָבגעזונדערט פון מענשען און ווייט פון דער טומעלדיגער האָטעל־אטמאָספערע, האָט זיך פּאוועל גע־פיהלט פיעל פרייער, געמיטליכער, זיכערער און איז מיט יעדער שעה אלץ מעהר רוהיגער געוואָרען.

ווען ער האָט באלד ביים בעזעצען זיך אין דעם נייעם צימער, געוואָלט געבען דער בעל־הבית׳טע זיין פּאס איינצומעלדען, האָט זי געענטפערט:

— נישט נויטיג, מיין „הארציגער". אָט דאָ האָסטו די קני־גא, שרייב אליין אריין דיין נאָמען, און יוצא.

ביי די ווערטער האָט אפראָסיניא יעווסטראטאָוונא מיט איהר ציטערענדער האנד איהם אָנגעוויזען אויף אנ׳אלט שמוציג און פער־פעטסט העפט, וואו ער האָט צום ערשטען מאָל אויפגעשריבען זיין נאָמען מיט זיין נייעם גלויבען. נאָך דער דאָזיגער קורצער פאָרמא־

ליטעט האָט פּאוועל אָנגעהויבען זיך פּיהלען ווי א פרייער פויגעל אין זיין נייעם צייטווייליגען נעסט.

ערפאהרען האָט ער, אז אויסלענדישע שיפען וועלען אָנהויבען אָנקומען אין פּאָרט ערשט אין א צוויי וואָכען ארום. איז די פראגע; מיט וואָס און ווי אזוי פערטרייבט מען אָט די דאָזיגע צוויי וואָכען צייט פון דער ערוואַרטונג?

אז זיין פּערזענליכער דאָקומענט איז אין דער בעסטער אָרדנונג, האָט פּאוועל אויפגעהערט צו צווייפלען. די פּאָליציי אין סריעטיענסק האָט אָהן שום שהיות דעם פּאס איינגעשריבען און געלעגט איהר חתימה. הייסט עס, אז אין איהרע געהיימע ביכער איז דער פּאס נישט פערצייכענט אלס פערלוירענער, געגנבעטער אָדער סתם געפעלשטער, און נאָך וואָס: דער איינציגער שטעמפּעל פון אָרענבורגער פּאליציי, וואס געפינט זיך אויף דעם דאקומענט, טראגט די דאטע פון העבער אַ יאָהר צוריק. דער שטעמפּעל ווידער פון סריעטיענסקער פּאליציי אויף יערמיל פּליאסונס פּאס, לויט ווי ער געדענקט, האָט געהאַט די דאטע פון א זיבען חדשים צוריק. מוז מען אָננעהמען, אז יאנקעלסאנס פּאס איז שוין געגנוג לאנג געווען אין יערמילס בעזיצונג, אזוי אז די געהעריגע פארגעשריבענע אנמעלדונג פון דעם אייגענטימער וועגען דעם פערלוסט, אָדער וועגען דער גנבה פון זיין פּאס, וואָלט שוין לאנג געווען פונאנדערגעשיקט און פערצייכענט אין דער פּאליציי-קאנצעלאריעס פון די אבגעלעגענסטע ערטער אין רוסלאנד. און אויב מען האָט אין סריעטיענסקער פּאליציי דעם פּאס נישט קוועסטיאנירט, הייסט עס, אז ער איז כשר וישר...

ווי אוי דער דאזיגער פּאס האָט זיך געפונען ביי דעם זעלבסטמערדער אין דער טייגא און פון וואנען האָט ער איהם בעקומען... די דאזיגע פראגע האָט פּאוועל נישט געהאלטען פאר וויכטיג. ער האָט נור איינס געוואוסט, און נעמליך, אז ער בעזיצט א פּערזענליכען דאקומענט, מיט וועלכען ער קאן זיך פריי בעוועגען.

— און דאך, — האָט פּאוועל ביי זיך בעשלאסען, — איז פראקטישער, וואס ווייניגער זיך בעוועגען אין שטאדט, וואס ווייניגער זיך וואָרפען אין די אויגען, וויל סריעטיענסק איז נישט

מעבר לים פון אוסט-קארא... און מיין אבזיצען גאנצע טעג אין זומער וועט קיינעם נישט זיין אויפפאלענד, ווייל מען ווייסט, אז איך ווארט אויף דאס אנקומען פון אויסלענדישע שיפען.

איז דער יונגער ענטלאפענער קאטארזשניק געווארען א יושב-אהל. ער האט דעם לאנגען שענעם פריהלינגס-טאג על פי רוב פער-בראכט אין איינזאמקייט אין זיין בעשיידענעם קליינעם רוהיגען זומער'ל, נור אין אווענד-צייט, ווען די זון איז פערגאנגען הינטער די בערג, וואס רינגלען ארום די קאזאקען-שטאדט פון אלע זייטען, און דער שאטען, וואס האט בעדעקט דעם גאנצען שטח פון סריע-טיענסקער טהאל, איז געווארען אלץ דונקעלער און דונקעלער, האט פאועל פערלאזט זיין פרייוויליגע תפיסה און האט לאנג שפאצירט אויף דעם ברעג פון דער שילקא.

דארט, אויף עפעס א איינאמען שטיין, אדער אויף א ווארצעל פון א בוים, אין דער געהיימניספולער שטילקייט פון דעם הערליכען אווענד און ביי דער אייגענארטיגער מוזיק פון די צוויטשערענדע פויגלען און פון דעם בלישטשענדען וואסער אין דער שילקא, האט זיך פאוועל רוהיג, מיט אלע חושים, איבערגעגעבען זיינע געדאנקען און געפיהלען.

בעזונדערס האט איהם געצויגען צו זיך און האט פולשטענ-דיג ענטשפראכען זיין געררייצטער שטימונג א איינזאמער פעלז וויט הינטער דער שטאדט, אויף דעם ראנד פון ברעג, הארט ביים וואַ-סער, פון וועלכען מען האט געקאנט אנזעהען די ווייטע גאנצע מאלערישע אומגעגענד אין איהר פולער רייצענדער און ענטציקענ-דער פראכט.

דער אזוי פאטאל דורכגעפאלענער „קעמפער" איז געווארען א פאנטאסט, א שווערמער, אבער א שווערמער אין פראקטישען, אין עגאאיסטישען זין. נישט איין מאל, זיצענדיג אויף זיין ליעב-לינגס-פעלז און מאכענדיג דעם בילאנס פון זיין פערגאנגענהייט, האט ער געפיהלט, ווי דאס געזיכט ברענט איהם פון חרפה...

— וואס האב איך אייגענטליך געוואלט? — האט ער זיך געפרעגט. — פאר וואס און פאר וועמען האב איך אזוי נאריש פער-לארען מיין יוגענד?... צוליעב וואס און צוליעב וועמען האב איך אזוי

לייכטזיניג געשטעלט אויף דער קארט מיין צוקונפט, מיין לעבען, דאס גליק און די האָפנונג פון מיין טאטע־מאמע, די רוה און די פרייהייט פון דער אונשולדיגער פאמיליע יעלין, דאס גליק און די האָפנונג פון מיין גוטער ראשעלע?... פאר וואס? פאר וועמען?

— מילא, פערפאלען. — האָט ער זיך ווייטער געטראכט.

— בעגאנגען א ביטערען פעהלער, פאר וועלכען איך און מיינע נאהענטסטע, מיינע ליעבסטע, האָבען צו טייער בעצאָהלט... מילא, פערפאלען. זעלטען ווער עס בעגעהט נישט אין דער יוגענד א פאטאַלען פעהלער, פאר וועלכען ער צאָהלט זיין גאַנץ לעבען...

א טיפער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון פאוועלס ברוסט. טרערען פון פערדרוס און חרטה האָבען פערנעבעלט זיינע אויגען. און מיט א זעלבסט־פעראכטונג האָט ער געקוקט אויף זיין פערגאַנגענהייט... נור דער דאזיגער שווערער זעעלען־צושטאנד האָט ביי איהם נישט לאנג אָנגעהאלטען. זיין יוגענדליכע נאטור איז באלד אריינגעטרעטען אין איהרע רעכט, זיין פאנטאזיע האָט זיך פונאנדערגעפליגעלט, די לוסט צו לעבען און צו געניסען פון לעבען האָט אין איהם ערוואכט מיט איהר פולער קראפט, און ער האָט צו זיך געזאָגט:

— געגנוגן די פערגאנגענהייט איז טויט... און וואס טויט איז, זאל פערגעסען ווערען... דער גורל האָט פאר מיר געעפענט א נייעם וועג צו א נייעם לעבען, בעדארף מען דרייסט און מוטיג געהן מיט דעם דאזיגען וועג. אמעריקא... נאך אמעריקאַן... אין לאנד פון פראקטישע ערפינדונגען, אין לאנד פון מאשינען, פון עלעקטריע, פון הויכער טעכניק. דארט וועל איך זיך בעוועגען אין מיין אטמאָספערע... דאָרט איז דער ריכטיגער אָרט פאר מיין טאלענט, פאר מיין בערוף...

און זיין פאנטאזיע האָט זיך ביי די דאזיגע געדאנקען שטארק פונאנדערגעשפּיעלט. זי האָט איהם געמאָהלען זיין צוקונפט אין אמעריקא מיט די שענסטע, מיט די הערליכסטע.מיט די הייטערסטע פארבען. און לאנג לאנג האָט ער אזוי, זיצענדיג אויף זיין ליעבלינגס־פעלז, געשוועבט אין ווייטע צויבערפולע וועלטען, פערגעסענ-

דיג אויף א געוויסע צייט, וואו און אין וועלכע בעדינגונגען ער געפינט זיך דערוויילע.

יעדעס מאל, ווען ער האָט אבגעפאנטאזירט וועגען אמעריקא, האָט ער ביי זיך געטראכט מיט בעדויערונג:

— א שאָד, וואָס איך בעזיץ נישט קיין ענגליש... די גוטע ראשעלע האָט מיר נישט איין מאָל צוגערעדט, איך זאָל זיך לערנען ענגליש, זי האָט גוט געקענט די דאזיגע שפראך, האָב איך נישט געוואלט, האָב איך זי אויסגעלאכט צוזאמען מיט איהר ענגליש... עפּעס האָב איך געפיהלט א מין ווידערווילען צו דער דאזיגער „קיי-און שפּיי-שפּראך"... עך, גוטע, עדעלע ראשעלע, וואו ביסטו אצינד?...

און זיינע געדאנקען האָבען זיך ווידער איבערגעטראגען אין דער פערגאנגענהייט, אין די זיסע גליקליכע שטונדען פון דער פערגאנגענהייט. אין די שטונדען פון זיין ערשטער, ריינער און ערהאַבענער יוגענד-ליעבע. און א שמערצהאפטע פראגע האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט:

— וואו ביסטו אצינד, גוטע, עדעלע ראשעלע?... וואָס פאר א גורל האָב איך דיר פערשאפט מיט מיין לייכטזין?...

נאָך דער דאזיגער פראגע האָט פּאוועל געוועהנליך פערלאָזט דעם איינזאמען פעלז מיט א שווערען געמיט און איז אוועק צו זיך אין נומער.

אין א געוויסען אווענד, ווען פּאוועל איז, ווי שטענדיג, געזעסען אויף זיין פעלז קאנצענטרירט אין זיינע געדאנקען, האָט ער פּלוצלינג אויפגעשווידערט צוליעב א הילכענדען געלעכטער, וואָס האָט זיך הערטראגען פון דער שילקא.

ער האָט אינסטינקטיוו געריכטעט זיין בליק צום אָרט פון וואנען דאס געלעכטער האָט זיך דערטראגען, און ער האָט דערזעהן א מאָטאָר-שיפעל, וואָס האָט האסטיג און גערוישיג דורכגעשניטען דאס וואסער. אין שיפעל זענען געזעסען צוויי פּערזאָן. צוליעב דער דונקעלקייט פון דעם אווענד האָט ער זייערע געזיכטער נישט געקאנט זעהן. אבוואָהל דאס שיפעל האָט זיך געטראגען נישט ווייט פון ברעג, ער האָט אבער דייטליך געזעהען די סילועטען

פון אַ מאַנספּערזאָן מיט אַ פּרויענצימער.

— אַ גאַטן ווי עהנליך צו איהר געלעכטער, — האָט ער אינסטינקטיוו אויסגעשריען, און האָט זיך פּלוצלינג דערמאָהנט, אַז פּונקט מיט אַזאַ הילכענדען געלעכטער איז אַמאָל ראָשעל אויסגעבראָכען ביי אַ אומשולדיגען קאָמישען פאַקט.

פאַרגעקומען איז דאָס מיט עטליכע יאָהר צוריק. ראָשעל איז דאַמאָלס געווען אַ שילערין פון דער פינפטער קלאַס גימנאַזיום, און ער איז געווען אויף דעם ערשטען קורס אין טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט. מאַכט זיך איינמאָל, אַז ראָשעל האָט צו לעזען אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, דער רעזולטאַט פון וועלכען האָט בעדאַרפט אויספאַלען לויט דעם שליסעל גאַנצע זעכצעהן קאָפּיקעס. זיצט ראָשעל און שוויצט נעבעך איבער דער קאָמפּליצירטער אויפגאַבע, שרייבט, מעקט, רעכענט אַהער, רעכענט אַהין, זיפצט, קרעכצט און רעכענט ווידער, און שרייבט ווידער. און ער ליאָוואַ, געהט הין-און-צוריק איבער'ן צימער און לייענט זיינע סקריפּטען. דערווייל ברעכט אויס ראָשעל מיט אַ אומגעהויערען געלעכטער, פון וועלכען עס האָט געהילכט אין צימער. וואָס איז? אַנשטאַט די אָרימע זעכצעהן קאָפּיקעס איז ביי איהר אין רעזולטאַט אויסגעקומען נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי איבער אַ פּאַר מיליאָן רובל... אָבער ווי קינדיש רייצענד האָט איהר געלעכטער דאַמאָלס געקלונגען. ווי רייצענד שען איז זי אַליין געווען אין יענעם אויגענבליק... און פּונקט אַזוי האָט אַצינד אָבגעקלונגען אין זיינע אויערען דאָס געלעכטער, וואָס האָט זיך דערטראָגען פון דעם מאָטאָר-שיפעל...

דאָס מאָטאָר-שיפעל איז שוין לאַנג פערשוואונדען געוואָרען אין דער דונקעלער ווייטקייט, דאָס עכאָ פון דעם געלעכטער האָט זיך שוין מעהר נישט אָבגעשלאָגען אין זיינע אויערען, נור פּאַוועל איז נאָך לאַנג געזעסען אונטער דעם רושם פון דער עראינערונג, וואָס דאָס מערקווירדיגע געלעכטער האָט אין איהם ערוועקט. פאַר זיינע אויגען איז ענטשטאַנען די געשטאַלט פון דעמאָלדיגער ליעבענדער ראָשעל מיט איהר גאַנצען אומפערגעסליכען רייץ, און ווידער האָט ער פערביטערט מיט טרעהרען אין די אויגען, געפרעגט:

— וואו ביסטו אַצינד, נאַאיווע, זיסע ראָשעל?...

דאס זעלבע געריכט, וואס האט איהם פעראורטיילט צו טויט־שטראף, האט דעם אונשולדיגען מארק באריסאוויטש יעלין פעראורטיילט צו אכט יאהר קאטארגע. דאס איז אלץ, וואס ער ווייס פון דעם אונגליק, וואס האט געטראפען די פאמיליע יעלין צוליעב איהם, צוליעב זיין לייכטזין. מעהר האט ער שוין גארנישט געהערט וועגען זייער גורל. ווען די טויט־שטראף איז איהם „אלערגנעדיגסט" פערביטען געווארען אויף קאטארגע, האט ער זיך געטרייסט מיט דער מעגליכקייט, צו טרעפען זיך מיט ראשעלס פאטער אין וויטען סיביר, צו זיין מיט איהם צוזאמען אין איין קאטארזשנער טורמע, און מיט איהם צוזאמען הערען אפשר אמאל וואס עס איז פון בערטא אסי־פאוונא מיט זייער איינציגער ראשעל. דאס איז אבער געווען א פאל־שער טרייסט. אין אוסט־קארער קאטארגע האט זיך יעלין נישט געפונען, און דער וויטערדיגער גורל פון דער אונגליקליכער פאמיל־יע איז איהם פאר פערבליבען אונבעוואוסט.

אין יענעם אווענד האט פאוועל נישט פאנטאזירט וועגען אמע־ריקא. ער האט נישט געבויט זיינע לופט־שלעסער. די פליגעל פון זיין פאנטאזיע זענען געפענטעט געווארען דורך דעם רושם פון דעם פלוצלינג דערהערטען הילכענדען געלעכטער. אונטער דעם דאזיגען רושם האבען אין איהם ערוואכט גלייכצייטיג זיסע און ביטערע עראינערונגען, הייטערע און טריבע געדאנקען, און פריהער ווי גע־וועהנליך, מיט א שווערען קאפ און מיט א שווער הארץ, האט פא־וועל פערלאזט דעם פעלז און האט זיך לאנגזאם געלאזט געהן אהיים.

פאר דעם ערשטען הייזעל, וואס איז געשטאנען ביי דעם וועג צו זיין היים, איז פאוועל געבליבען שטעהן.

דאס הייזעל איז געשטאנען איינזאם אין א געדיכט־בעוואקסע־נעם גערטעל. אינוועניג אין הייזעל איז געווען שטאק־פינסטער, און ארום האט געהערשט א טויטע שטילקייט, נור פון איין אפענעם פענסטערעל האט זיך געטראגען א טרויעריג־זיסע מעלאדיע, פול ווילדער מעלאנכאליע און צויבער, אזוי ווי די ארומיגע נאטור...

פאוועל איז געבליבען שטעהן ווי א פער'כשופטער. די טרויע־ריגע מעלאדיע האט אזוי ענטשפראכען זיין איינענער שטימונג.

אין איהר האָט זיך געהערט אַזאַ טיפע אנגעוועהטאָגטע בענק־שאפט, אין איהר האָט זיך געהערט יאוש און ענטוישונג, אין איהר האָט זיך געהערט אונענדליכע, אָבער האָפנונגסלאָזע ליעבע, אין איהר האָט זיך געהערט עלענד און צאָרן, און די שטים פון דער פערזאָן, וואָס האָט אויסגעגאָסען איהרע געפיהלען אין דערדאָזיגער ווילדער מעלאדיע, איז געווען אזוי יונג־זיס, אזוי ווילד־שען. און די ארומיגע שטילקייט, די ארומיגע נאטור, דאָס לייכטע גערויש פון דער שילקא, די ווילד־קלינגענדע טענער פון דעם געזאנג — דאָס אלץ האָט זיך צוזאמענגעגאסען אין איין הארמאנישער בעצויבע־רענדער סימפאניע, צו וועלכע פּאוועל האָט זיך צוגעהערט מיט א פערכאפּטען אָטעם, שטעהענדיג ווי א צוגעשמידטער צו די שטאַ־כעטען פון דעם גערטעל...

פּאוועל האָט אנגעשטרענגט זיין בליק. ער האָט געוואָלט זעהען די פערזאָן, וואס האָט מיט איהר געזאנג אזוי פיהלבאר בע־ריהרט זיינע אייגענע אנגעוועהטיגטע סטרונעס, ער האָט אָבער נאָר געקאָנט זעהען א אונדייטליכען סילועט פון א יונגער דאמע און נישט מעהר...

אין דער שטים פון דער זינגענדער אונבעקאַנטער האָבען זיך אָנגעהויבען הערען שטיקענדע טרעהרען. דאָס זינגען האָט זיך פּלוצ־לונג איבערגעריסען, און די זעלבע שטים האָט ווילד אויסגעשריען:

ניין!... גלאשא ווייגט נישט!...

און אין פינסטערען הייזעל איז שטיל געוואָרען, טויט שטיל, ווי די ארומיגע טויטע שטילקייט.

— „גלאשא"... „גלאשא", — האָט פּאוועל פּאר זיך איבער־געחזרט דעם דאזיגען נאמען, געהענדיג לאנגזאם אין דער ריכטונג צו זיין סטאנציע, און ער האָט זיך ערינערט, אז אזוי רופט מען די ציגיינערין, וועגען וועלכער דער האָטעל־דינער פון „ארקאַדיא" האָט איהם דערצעהלט א גאנצע סענסאציע מיט א טאָג אכט צו־ריק. — הייסט עס, משמעות, אז טאקי אין דעם זעלבען הייזעל וואוינט דער אָרימער בלינדער פּאסעליעניע מיט זיין טאָכטער, וואָס איז דעם מיליאָנערס זוהנ'ס כלה.

פּאוועל האָט זיך, אזוי געהענדיג, דערמאָהנט אלע וואונדער,

וועלכער דער האָטעל-דינער האָט איהם דערצעהלט וועגען דער צי־גיינערין מיט זיין אייגענאַרטיגער התפעלות. דאָס יונגע בלוט האָט אנגעהויבען אין איהם רעדען און ער האָט ביי זיך געטראַכט:

— א שאָד, וואָס די פינסטערניש פון דער נאַכט האָט מיר נישט ערלויבט צו זעהען די געשטאַלט פון דער דאָזיגער ווילדער שענהייט... און אפשר איז גלייכער, וואָס איך האָב זי נישט געזעהען?...

ווען ער איז שוין געווען נאָהנט פון דעם הויז, אין וועלכען ער האָט געוואוינט, איז פּאַוועל ווידער געבליבען שטעהן.

אויף דער פריזבע ביים הויז איז געזעסען א איינגעבויגענע זאַנדערבאַרע פיגור מיט א לאַנגען שטאַק אין דער האַנד.

— דו דערקענסט מיך נישט, פּאַוולושאַ? — האָט די פיגור שטיל געפרעגט.

— דיעדושקאַ! — האָט פּאַוועל אויסגעשריען אַנ׳איבער־ראַשטער און איז האַסטיג צוגעלאָפען צום אַלטען בראַדיאַגאַ.

— ששש... וואָס שרייסטו אזוי, דו נאַריש קינד?... דו פערגעסט, אז ווענד האָבען אויערן...

— דאָ אין שטוב, זיידעשי, וואוינט קיינער נישט, אויסער מיר, — האָט פּאַוועל שוין שטיל געענטפערט. — די בעל-הבית׳טע מיט דער דינסט נעכטיגען אין א קאַמערל אין הויף, זיי געהען שלאָפען גלייך מיט די היהנער.

— איז גוט, זוהנעלע, איז גוט. איך וויים דאָס, איך וויים אלץ. אנ׳אַלטער בראַדיאַגאַ, זוהנעלע, מוז אלץ וויסען... נו, פיהר מיך אריין אין דיין קאַמער, און מיר וועלען זיך אביסעל אברעדען די הערצער, אָך־אָך־אָך... נאָר צינד נישט אָן קיין ליכט זאָל קיין שיין דורך די שפּאַרעס פון דעם לאָדען נישט צוציהען די אויפמערק־זאַמקייט פון א נייגעריג אויג.

פּאַוועל האָט אונטער דער האַנד אריינגעפיהרט דעם אַלטען אין זיין פינסטערען צימער, און האָט זיך צוזאַמען מיט איהם אוועק־געזעצט אויף דער הילצענרע גענוג ברייטער שלאָף-באַנק.

— איך האָב שוין נאָך אייך געבענקט, זיידעלע, — האָט זיך אַנגערופען פּאַוועל, ווען זיי האָבען זיך שוין גוט איינגעזעצט אויף

דער באַנק האַרט איינער נעבען צווייטען, ווי אמת'ע גוטע פריינד.

— אַזוי?... דו האָסט שוין געבענקט נאָך דעם אַלטען בראַדיאַ-גאַ?

— יאָ, דיעדושקאַ. איך האָב שוין זעהר געבענקט. איך האָב אַלץ געטראַכט: „וואו איז ער אַצינד, מיין אַלטיטשקער? וואו געפינט ער זיך? וואָס מאַכט ער? וואָס טהוט ער? ווי אַזוי לעבט ער?"... איך האָב זעהר געגאַרט צו זעהען אייך...

— איז גוט, זוהנעלע, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ געריהרטער שטים. — דאָס איז אַ בעוויז, אַז דו האָסט ליעב דעם אַלטען בראַדיאַגאַ... אַז דו מיאוסט זיך נישט מיט דעם אַלטען קאַטאָרזשניק... דו ביזט דער ערשטער און דער איינציגער מענש אויף דער וועלט, וואָס האָט מיך ליעב.

— וואָס וואונדערסטו זיך, זיידע? ווער האָט דען נישט ליעב זיין וואָהלטעטער?... און דו ביזט דאָך מיין וואָהלטעטער.

— דיין וואָהלטעטער, זאָגסטו? — האָט דער אַלטער שטיל אויסגעשריען מיט אַ קינדישען עקסטאַז. — דו הערסט גאַטעניו?... סענדער סאָלדאַט איז אַ וואָהלטעטער... כע-כע-כע... סענדער סאָל-דאַט איז אַ וואָהלטעטער...

— געוויס, זיידע, ביזט מיין וואָהלטעטער. זוען נישט דו, וואָלט איך געפוילט אין דער קאַמער נום. 4. איך וואָלט דאָרט משוגע געוואָרען, איך וואָלט זיך דאָרט דאָס לעבען גענומען, אָדער איך וואָלט פּרובירט לויפען ווי אַ יאָלד און וואָלט געפאַלען פון דעם זעלנער'ס ביקס...

— דאָס איז אמת, זוהנעלע. לויפען פון אַ קאַטאָרזשנער טור-מע איז אַ קונץ-שטיק, וואָס שמעקט מיט פולווער...

— נו, און ווער האָט מיר געשפּייזט אין דער טייגאַ אַזוי זאָרגפעלטיג? ווער האָט געשאַפט פאַר מיר אַ פּאַס? ווער האָט מיר אָבגעגעבען זיין שווער פערהאָרעוועט ביסעל גאָלד?... ניין, זיידע, זאָג, ווען און מיט וואָס וועל איך דיר קאָנען בעצאָהלען פאַר דיין גרויסער גוטסקייט צו מיר?...

— ער וועט מיר בעצאָהלען, — האָט דער אַלטער פייער-ליך-פרום געזאָגט, און ווען אין צימער וואָלט נישט געוועזן פינסטער,

וואָלט פּאַוועל געזעהען, ווי דער אַלטער האָט אויפגעהויבען זיין בליק און זיין ציטערנדע רעכטע האַנד צום הימעל.

— זאָג זשע מיר, זיידע, וואָס מאַכסטו? וואו ביזטו געווען די גאַנצע צייט? וואו האָסטו אצינד דיין בעהעלטעניש?

— איך האָב זיך „איבערגעצויגען אין אַ נייער דירה". כע-כע... איך בין אצינד דיינער גאָר אַ נאָהנטער שכן.

— אַ נאָהענטער שכן, זאָגסטו?

— יאָ, גאָר אַ נאָהנטער.

— וואו איז דאָס דען?

— אָט וועל איך דיר זאָגען. נאָר דו דערציילעהל קיינעם נישט, כע-כע...

— דיעדושקאַ... וואָס פּאַלט אייך איין?

— נו, נו. איך טרייב קאַטאָוועס, ברודערקע. איך בין אצינד פרעהליך געשטימט... דו האָסט נאָך מיר געבענקט, דו רופסט מיר „וואָהלטעטער", איז מיר גוט, איז מיר פרעהליך, און עס ווילט זיך טרייבען קאַטאָוועס... עך, פּאַוולושאַ, פּאַוולושאַ, קיין מענש אין דער וועלט האָט קיינמאָל נישט געבענקט נאָך סענדער סאָלדאַט... און איך האָב אויך נאָך קיינעם קיינמאָל נישט געבענקט. און נאָך דיר, זעהסטו, האָב איך יאָ געבענקט. אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט פערהאַרעוועט נאָך איין זעקעלע גאָלד... איך מיין נישט פאַר זיך. איך בעדאַרף דאָס גאָלד אויף כפרות. אויף יענער וועלט נעהמט מען דאָס גאָלד נישט מיט. דיר אָבער וואָלט דאָס גאָלד שטאַרק צונוץ געקומען. דו לאָזט זיך אין אַ ווייטער וועלט, אין אַ פרעמדער וועלט. עך, פּאַוולושאַ, פּאַוולושאַ...

דער אַלטער איז פערשוואונדען געוואָרען. פּאַוועל איז אויך געזעסען שטיל אַ געוויסע ווייל. ער איז געווען טיעף געריהרט פון דעם אַלטענס אָבגעריסענע, איינפאַכע ווערטער, אין וועלכע עס האָט זיך אָבער געהערט פיעל האַרץ און פיעל פערביטערטקייט.

— טאָ זאָגט-זשע מיר, דיעדושקאַ, וואו איז אייער בעהעל-טעניש? — האָט פּאַוועל נאָך אַמאָל געפרעגט.

— גאָר נאָהענט, גאָר נעהענט, זוהנעלע... נישט ווייט פון דאַנען, לינקס, האַרט ביי דעם ברעג, וואָס אויף דער צווייטער זייט

שילקא, שטעהט א חורבה פון א הפקר'דיגער בארזשע, אין וועלכער אלע שטשורעס זענען שוין לאנג אויסגעפגר'ט פון הונגער... אָט אין דער דאָזיגער דירה ליעג איך בעהאלטען דעם גאנצען טאָג, און נאָר אין דער נאכט כאפּ איך זיך אמאָל ארויס אויף דער פינסטערער וועלט זוכען פּרנסה... נאָר לאנג וועל איך אין מיין דאָזיגען „האָ-טעל" נישט בלייבען. לאָמיר דיך נאָר ארויספּטר'ן מיט דער שיף קיין אמעריקא, געה איך צוריק אהין... אין אונזער ליבער טייגא, הייסט עס, און — האַדיא! אין דער טייגא וועט מען שוין בלייבען, ביז ער וועט רופען צום יום-הדין די זינדיגע נשמה...

— פארוואָס האָסטו זיך נישט געוויזען די גאנצע צייט, זיי-דע?

— אויס פאָרזיכט, מיין קינד. דיך אָבער האָב איך געהאט די גאנצע צייט אויפ'ן אויג... דו האָסט מיך נ י ש ט געזעהען, און איך דיך י אָ... אנ'אלטער בראָדיאגא, ברודערקע, אנ'אויסגעריבענער בראָדיאגא איז א רואה ואינו נראה... און אין דעם בעשטעהט דער סוד פון דעם, וואָס עס טרעפט זעלטען, אז פּאָליציי זאָל קומען אויף די שפּורען פון נאש בראט. על-פּי-רוב גיט זיך דער בראָדיאגא אליין איבער אין די הענד פון דער מאכט. דאָס קומט אָבער פאָר נאָר דעמאָלט, ווען דער חלק פון הונגער און פראָסט ליעגט איהם שוין אויף דעם האלז...

— און וואָס וועסטו טהון, דיעדושקא, ווען דער ווינטער וועט אָנקומען?

— פערפרוירען ווערען ווי א הונד אין דער טייגא, און נישט געהן צוריק אין דער טורמע, — האָט דער אלטער געענטפערט מיט א פעסטער ענטשלאָסענהייט, און איז פערשוויגען געוואָרען.

— איהר וועט אפשר עפּעס געניסען, דיעדושקא?

— ניין, קינד מיינס, איך בין זאט. איך דאנק... דו האָסט מיר געפרעגט, דאכט זיך, וואָס איך האָב געטהון אָט די לעצטע צייט? איך האָב געשפּירט, איך האָב געוואכט, איך האָב געשנאָרט, אויב דיר דראָהט נישט עפּעס מצד דער זשאנדארמעריע. אויב מען וועט נישט געפינען עפּעס א סירכא אויף דיין דאָקומענט. ביי דעם ערשטען חשד, וואָס איך וואָלט געהאט, וואָלט איך דיך באלד צו-

געגומען פון דאנען. נאָר, געלויבט השם יתברך. דו קאָנסט רוהיג שלאָפען. דו ביזט א כשר'ער משומד, בע-כע-כע, און האַדיא... אצינד הער, וואָס איך וועל דיר ווייטער דערצעהלען...

— איך הער, זיידע. איך הער אייך אוים מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.

— מיינעם א געוועזענעם שותף האָב איך דאָ אין סריעטיענסק דערקענט, אנ'אלטער ציגיינער. צוזאַמען האָבען מיר ארויסגעפיהרט פערד פון פרעמדע שטאלען, און האָבען נאָך אנדערע געשעפטלעך אָבגעארבייט.

— ער איז אויך א בראָדיאגא? אויך געווען אין קאטאָרגע?

— אָ ניין, אין זיין מוטערס מוטער אריין... דאָס איז געווען א כיטרער ציגיינער. ער איז שטענדיג נעלם געוואָרען צו דער ריכטיגער צייט, און פאָליציי האָט איהם קיינמאָל נישט געקאָנט דערטאפען. גערופען האָט מען איהם דאָרט יאכנאָ, „דער שווארצער יאכנאָ", און דאָ הייסט ער נאזאר ראָפוכא, א גאנצער פיינע-בריה געוואָרען. שפיעלט דאָ אין „ארקאדיא" מיט דער גאנצער באנדע ציגיינער... ווען איך זאָל וועלען קאָן איך איהם מיאוס פערשיטען...

— נאָכוואָס? וואָס וועסטו האָבען דערפון? דו וועסט דערביי אליין אויך אריינפאלען.

— אמת. איך מיין אזוי. זאָל ער ברעכען דעם קאָפּ... איין זאך אָבער מוז איך פון איהם דערגעהן...

— וואָס אזוינס, דיעדושקא?

— דאָס וועל איך דיר דערצעהלען שפּעטער, מאָרגען, איבערמאָרגען... דערווייל הער מיך ווייטער אוים.

— איך הער, איך הער, דיעדושקא.

— געדענקסטו, ווי איך האָב זיך פאר דיר מתודה געווען אין דער טייגא, אז איך בין דאָרט, אין פוילען, בעגאנגען א שרעקליכע עולה געגען דריי פּיצעלעך אונשולדיגע עופה'לעך?...

— איך געדענק.

— געדענקסטו, ווי איך האָב זיך בעקלאָגט, אז די דאָזיגע עוולה ליעגט עד-היום אויף מיין געוויסען, ווי א שווערער שטיין?...

— איך געדענק.

— ווערסטו גלויבן, וואָס איך וועל דיר אצינד זאָגן?

— איך גלויב אייך אַליץ, וואָס איהר רעדט, דיעדושקא.

— טאָ הער-זשע, — האָט דער אלטער נאָך מעהר שטיל געזאָגט, און פּאוועל האָט דערפיהלט, ווי דעם אלטענס קערפּער האָט אינגאַנצען דערביי אָנגעהויבען ציטערען. — טאָ הער-זשע, פּאוולושא. איך האָב דערקענט דעם טאַטען פון איין עופה׳לע... שוין א מעשה פון העכער צוואנציג יאָהר, ער האָט זיך אָבער ווייניג-וואָס פערענדערט, און איך האָב איהם באלד דערקענט.

— ווי אזוי קומט ער אזש אהער קיין סריעטיענסק?

— ער איז א היגער, א געבוירענער סיביריאַק, נאָר חתונה האָט ער געהאט ביי אונז אין פּוילען, ווען ער האָט שטודירט אין אונזער ווארשא. ער האָט זיך פערליעבט אין דער טאָכטער פון אונזער גביר, פון מיין דעמאָלדיגען ברויט-געבער, הייסט עס, יוסטינע האָט מען דאָס מיידעל גערופען, א קראסאוויצע ערשטער סאָרט, נו, האָבען זיי זיך פערליעבט און האָבען חתונה געהאט. דער אלטער, מיין פּרינציפּאל, הייסט עס, האָט געקעהרט וועלטען, עס איז איהם נישט אָנגעשטאנען דער שידוך. עס האָט איהם אָבער גאָרנישט געהאָלפען, דאָס פּאָר׳ל האָט חתונה געהאט, און האַדיא... א שלעכטער איז געווען דער אלטער, ר׳ יוסעלע פּערעלשטיין האָט מען איהם גערופען... א גאַטס גנב איז דאָס געווען::: א חסיד אָהן א הארץ און אָהן א נשמה... ער, ער האָט פון מיר געמאכט דאָס, וואָס איך בין... ער האָט דער ערשטער מיך אריינגעוואָרפען אין ארעסטאנטען-קליידער, און ווייסטו פאר וואָס? פאר עטליכע פערטרוקענטע בוימער פון זיין גרויסען וואלד...

— וואָס הייסט?

— אָט הער אויס, וועל איך דיר דערצעהלען...

דער אלטער איז אויף א ווייל׳ע פערשוויגען געוואָרען, און האָט באלד אָנגעהויבען:

— עך, פּאוולושא, פּאוולושא... אויך איך בין אמאָל יונג געווען אויך מיין נשמה איז נישט געווען פון פּאקלע געשטריקט. אויך איך האָב אמאָל געליעבט... דו הערסט, ברודערקע?

— וועמען האָט איהר געליעבט, דיעדושקאַ? ווער איז זי גע־וועזן?

— אַט וועל איך דיר דערצעהלען: געוועזן איז דאָס, ווען איך האָב אָבגעדיענט כיינע זעקס יאָהר אין מיליטער אין ריאזאַנער גו־בערניע און בין געקומען צוריק אין מיין שטאָדט אין פוילען. איך מוז דיר זאָגען, ברודערקע, אז געקומען בין איך צוריק פון מיליטער א גאַנצער „יאַ טעביע דאם“, א קאַפּראַל. מיט גאַנצע דריי בענד־לעך אויף די פּאָגאָנעס און מיט א גאָלדענעם קאָלנער. א גראַמאָט־נער בין איך אויך געווען. אצינד בין איך א אָלוף, איך האָב אלץ פערגעסען, נאָר דאַמאָלס האָב איך געקענט, יאָ: אין דער אוטשעבנע קאָמאַנדע האָט מען אונז געלערענט ליינען, שרייבען, רעכענען, יאָ, יאָ, ברודערקע. בין איך געקומען אין מיין געבורטס־שטאָדט, הייסט עס, א גאַנצער מיוחס. איך האָב זיך ארומגעדרעהט א שטי־קעל צייט מיט מיינע בענדלעך און מיט מיין גאָלדענעם קאָלנער. איך האָב אויפגעגעסען די עטליכע רובל, וואָס איך האָב מיטגע־בראַכט פון דער סלוזשבע, אין די קעשענעס האָט אָנגעהויבען סווי־שטשען דער דלות, קיין מלאכה קען איך נישט, קיין משפחה האָב איך נישט, אָבגעגעבען זיך מיט דער חברה גנבים האָט מיר עפּעס נישט געפּאַסט, כ'איז דאָך עפּעס פּאָרט א קאַפּראַל, און דאָס זע־נען לאָדערס, באָסיאַקעס, צעהן פאר א גראָשען... הייגט וואָס טהוט מען?

— האָט נאָך געלעבט דאַמאָלס אין שטאָדט איינער פון מיי־נע אמאָליגע „אָפּיעקונעס“. מיין מאַמעס שוועסטערקינדס א שוועער. ר' בעריש האָט מען איהם גערופען. ער איז געווען א אונטער־שמש אין גערער שטיבעל, וואו עס האָט געדאַווענט ר' יוסעלע פערעל־שיין. זאָגט צו מיר אָט דער אָפּיעקון מיינער אזוי:

„— הער, סענדער, איך האָב גערעדט מיט ר' יוסעלען, איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל דיר געבען עפּעס א שטעלע. איז ער מרוצה געוואָרען נעהמען דיר פאר א וועכטער אין זיין שיווקאָוועד וואלד. טאָ געדענק־זשע, סענדערקע, דו האָסט דאָך אמאָל געהאַט קלעבינע פינגער, נישט היינט געדאַכט... זעה־זשע זאָלסט זיך אָרענטליך אויפפיהרען און אונז, חס־וחלילה, נישט מבייש זיין.

געהאַלט וועסטו בעקומען גאַנצע זעקס קאַרבען אַ חודש, דערצו נאָך אַ כאַלופּע אין וואַלד נאָך צו וואוינען, מיט האָלץ און מיט נאַפט. וועסטו זיך דערוויילע רוהיג לעבען, ביז דער רבונו של עולם וועט דיר צושיקען עפּעס בעסערס.

— עס האָט מיר אפילו דער עסק נישט אַזוי געשמעקט. וועי-רען פון אַ קאַפּראַל אַ וואַלד-סטרוזש פאַר צעהן גילדוינעס די וואָך איז נישט אַזוי פוינעלדיג... נור פערפאַלען. איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט. בין איך געוואָרען וואַלד-וועכטער און האָדיאַ.

מאַכט זיך אַ מעשה: אַ וויאָרסט צוויי פון וואַלד איז געווען דאָס שטעדטעל שיווקאַ. פלעגען אַ שבת, אַ יום-טוב, קומען אין וואַלד שפּאַצירען די שיווקאָווער אידען מיט זייער גאַנצע בני-בית. האָב איך זיך בעקענט מיט אַ שיווקאָווער מיידעל, גיטל האָט זי געהייסען. אַ זאַקען-מאַכערין. קיין קראַסאַוויצע איז זי אפילו נישט געווען. קיין גאַנץ יונגע אויך נישט. זי איז מיר אָבער געפעהלען. אַ שוואַרץ-חנ'עוודיגע איז זי געווען און גאָר קיין נאַר נישט. פון זאַקען-מאַכעריי האָט זי דריי רובל די וואָך, האָט זי אויסגעהאַלטען אַ אַלטען טאַטען, אַנ'אַלטע מוטער און אַ יתומה'לע פון אַ יאָהר אַכט, וואָס איז פערבליבען נאָך איהר עלטערער שוועסטער.

— קורץ, איך האָב מיט איהר אָנגעהויבען שמועסען וועגען אַ תכלית, וועגען חתונה האָבען ,הייסט עס. זאָגט זי:

„— גוט. חתונה האָבען, איז חתונה האָבען. נאָר צי וועלען מיר אויסקומען מיט ריין געהאַלט? ווייל איך, — זאָגט זי, — וויל נאָך דער חתונה מעהר נישט אַרבייטען. גענוג געבלענדעט די אויגען און געבויגען דעם רוקען. האָט מען חתונה, בעדאַרף דער מאַן געבען חיונה.

— איך קלער אַהער, איך קלער אַהין, ביז איך ווענד זיך איינמאָל צו ר' יוסעלען און זאָג איהם, בכן, ר' יוסעלע, אַזוי און אַזוי, איך וויל חתונה האָבען, און מיט צעהן גילדען אַ וואָך קאָן קיין משפּחה נישט אויסקומען, בכן וויל איך אייך בעטען אַ הוספה.

— זיצט ער זיך גאַנץ רוהיג אין קאַנטאָר, טאַקי אין וואַלד, אויף זיין פאָטעל, גלעט זיך זיין ברייטע חסידישע באָרד, קוקט אפילו נישט אויף מיר, און זאָגט זיך גאַנץ קאַלטבלוטיג בזו הלשון:

„— דו ווילסט חתונה האָבען? זאָל זיין מיט מזל. אדרבא. א איד בעדאַרף האָבען א ווייב. אָדער וואָס בין איך דאָ שולדיג?

„— איהר פערשטעהט דאָך אָבער אליין, בעל-הבית-לעבען, אז מיט צעהן גילדען די וואָך קאָן מען ווייט נישט קומען...

„— אנ׳אונגליק מיט אונזערע אידען, — ענטפערט ער שוין ירגזונ׳דיג, — וואלענטי, להבדיל, אויך אזא וועכטער ווי דו, בע־קומט נאָר אכט גילדען א וואָך, און האָט א ווייב מיט זעקס קליינע שקצים׳לעך, און קומט אוים...

„— מסתמא גנבעט ער, ר׳ יאָסעלע.

„— גנבע דו אויך... דערווייל האָב איך נאָך נישט געבאַפּט וואלענטין ביי א גנבה. ניין, סענדער, נישטאָ פון וואָס צו רעדען. איך גיב נישט קיין הוספות...

— איך האָב גוט געקענט דעם דאָזיגען חסיד מיט זיין בשר הארץ... א שטיין, א קרעמען איז דאָס געווען, אין זיין מוטערס מו־טער אריין. האָב איך שוין מעהר נישט גערעדט. איך בין אוועק צו זיך אין דער כאַלופּע ווי אנ׳אָבגעשמיסענער, און דאָ געהט מיר איהר, און האָדיא...

— געקלערט אהער, געטראכט אהין, ביז איך האָב זיך דער־גיטעל פון קאָפּ נישט ארוים. דו פערשטעהסט? איך געה אוים נאָך טראכט, אז מען בעדאַרף אָנקלויבען א הונדערטער, שלאָגען מיט מיין בעל-הבית כפּרות, נעהמען זיך צום האנדעל און מאַכען א לעבען מיט גיטלען... און כך הוה, ברודערקע. איך האָב זיך געזע־העז מיט א פּאָר גוים פון די נאָהענטע דערפער, מיר זענען מושווה געוואָרען מכוח דעם מקה, און איך האָב זיי אָנגעהויבען פערקויפען בוימער פון וואלד...

— בקיצור, טייערער מיינער, וואָס זאָל איך דיר פיעל בריי־ען? איך בין ארייגעפאלען. פאַל איך ר׳ יאָסעלען צו די פים, קוש זיינע כאָלעוועס, בעגים זיך מיט טרעהרען און בעט רחמים, ער זאָל מיר מוחל זיין, ער זאָל מיר נישט איבערגעבען אין גויאישע הענד, ער זאָל מיך נישט אונגליקליך מאַכען אויף מיין גאנץ לע־בען, ווייל מיט נאַש בראַט, מיט א רעזערוועז קאַפּראַל, הייסט עס, בעגעהט זיך דאָס געזעץ א סך שטרענגער... היינט גיטעל, וואָס

וועט זאָגען מיין גיטעלע?... בעט איך, וויין איך. גייט ער און גלעט זיך זיין חסידישע באָרד און ענטפערט מיר, ווי א קאַלטער גזלן.

„— ביי יאָסעל פּערעלשטיין טאָר מען נישט גנבענען, און אז מען האָט יאָ געגנבעט, וועט מען בעשטראָפט ווערען...

— און איך בין בעשטראָפט געוואָרען. הארב בעשטראָפט געוואָרען. צוויי יאָהר ארעסטאנטסקע ראָטעס... נאָר געשוואוירען האָב איך, צו נעהמען נקמה. מיט יעדען טאָג, מיט יעדער שעה איז ביי מיר דער געדאנק פון נקמה אלץ מעהר געוואקסען, אלץ שטאַרקער געוואָרען, און ווי נאָר איך בין בעפרייט געוואָרען פון דער גרויזאמער טורמע, האָב איך מיין פּלאן פערווירקליכט, און האָב זיך נוקם געווען אָהן רחמנות, אָהן ריקזיכט, נישט רעכענענדיג זיך דערמיט, וואָס דאָ וועלען אונגליקליך ווערען אונשולדיגע משפחות... איך האָב זיך נוקם געווען מיט דער גאנצער פערביטערטקייט, מיט דער גאנצער פערביסענהייט, מיט דעם גאנצען האס, וואָס האָט זיך אנגעקליבען אין מיין הארץ נישט נאָר צו דעם „פרומען איד", צו מיין רוצח, נאָר אויך צו יעדען איינציגען, וואָס האָט נישט געטראָגען דעם גרויען כאלאט מיט דעם געלען לעקעך אויפ'ן רוקען... פאר מיר איז דאמאָלס נישט געווען קיין „שולדיגער" און „אונשולדיגער". איך האָב פאר זיך געהאט נאָר איין געדאנק, איין ציעל: „נ ע ה מ ע ן נ ק מ ה !" און וואָס גרעסער, וואָס שרעקליכער דאָס אונגליק וועט זיין, וועט אלץ זיסער זיין די נקמה...

— יאָ, ברודערקע. איך בין דאַמאָלס געווען ווי א בערוישטער, ווי א וואהנזיניגער, ווי א פוריאט. איך האָב די גאנצע שטאָדט אוועקגעלאָזט מיט'ן פייער. דאָס אונגליק איז געווען שרעקליכער, ווי איך האָב זיך אַליין גערעכט. צענהדליגער משפחות זענען געקומען צו בעטלער-ברויט, זויגעדיגע קינדער זענען אומגעקומען אין די פלאַמען, און איינער פון די אונגליקליכע טאטעס איז געווען ר' יאָסעל פּערעלשיינס איידעם, סאמואיל קאַלמאר...

— שוין העכער צוואנציק יאָהר איז אוועק פון יענער אונגליקליכער צייט, און פּלוצלינג האָב איך דאָ די וואָך דערקענט דעם דאָזיגען סאמואיל קאַלמאר... איך האָב איהם געזעהן זיצען אויף דעם טאראס פון זיין פּאלאץ, נישט ווייט פון דאנען, און האָב איהם

דערקענט... ער איז א מאגנאט, א מיליאָנער, זאָגט מען...

דער אלטער איז געזעסען א פּאָר מינוט שטיל און נאָכדענקענד.

— הער, פּאוולושא, — האָט זיך דער אלטער ווידער אָנגערופען. — איך האָב ברעה צו געהן אָט צו דעם מיליאָנער...

— וואָס פאלט אייך איין, דיעדושקא? געהן צו דעם מאן, וועלכען איהר האָט אמאָל אזוי פיעל שמערץ פערשאפט?...

— יאָ, טייערער. טאקי דעריבער וויל איך געהן צו איהם. איך האָב איהם צו ענטפּלעקען א וויכטיגען סוד... איך האָב דיר אויך נאָך א סך צו דערצעהלען, איז שוין איצט אָבער קיין צייט נישטאָ. דער פארטאָג הויבט שוין אָן ארייננשיינען דורך די שפּארעס פון לאָדען. און דו הערסט, ווי די העהנער קרעהען שוין?... מוז איך שוין לויפען אין מיין נאָרע. מיר וועלען זיך נאָך גענוג אויסשמועסען. דו וועסט דאָ נאָך זיצען א טאָג אכט, אָדער צעהן, ביז צו דער שיף. און דערווייל זיי מיר געזונד. איך מוז לויפען...

XI

אויף דעם איינזאמער פעלז.

ערשעפּט, מיעד פיזיש און גייסטיג, האָט זיך פּאוועל געפיהלט אין יענעם פארטאָג, נאָך דעם אלטענס בעזוך, און ווי נאָר דער אלטער האָט פערלאָזט זיין חדר, איז פּאוועל ארויף אויף זיין געלעגער. ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינשלאָפען.

וואָס פעסטער ער האָט פערמאכט די אויגען, וואָס מעהר ער האָט זיך צוזאמענגעשרומפּט אונטער דער דעקע, אלץ מעהר עקשנות'דיג האָט געהילכט אין זיינע אויערען דאָס געלעכטער, וואָס האָט זיך אין אָווענד דערטראָגען פון דעם מאָטאָר-שיפעל, אלץ טיעפער זענען אין זיין נשמה ארייננגעדרונגען די ווילד-טרויעריגע טענער פון גלאשא'ס געזאנג, אלץ מעהר ווילד האָבען זיך אין זיין מוח געמישט און געפּלאָנטערט זיינע אייגענע איבערלעבענישען מיט די איבערלעבענישען פון דעם אלטען בראָדיאגא, און אין זיין קאָפּ

איז ענטשטאנען א כאַאָס, א קאָשמאר, וואָס האָט איהם נישט גע־לאָזט איינשלאָפען.

ווען ער האָט אויפגעעפענט די אויגען, האָט ער זיך אין ער־שטען מאָמענט דערשראָקען און זהאָט אויפגעשוידערט, דערזעהענדיג, ווי ביי דער שוועל שטעהט די בעל-הבית'טע זיינע, אפראָסיניא יעווו־סטראטאָוונא, און קוקט אויף איהם מיט איהרע אלטע, מאט-גרויע אויגען. אין זיין קאָפּ האָט זיך בליץ-שנעל דורכגעטראָגען א פאַ־טאלער געדאנק, צי האָט נישט דער אלטער'ס בעזוך געמיינזאמעס מיט דער פּאָליציי און מיט זיין פּאַס, ווייל פאר די גאנצע אכט טעג, וואָס ער וואוינט אין איהר הויז, האָט זי אצינד צום ערשטען מאָל בעטרעטען די שוועל פון זיין נומער, און דערצו נאָך, ווען ער איז געשלאָפען. נאָר זיין שרעק איז אינגאנצען פערשוואונדען גע־וואָרען באלד ווי די אלטע האָט זאנפט געפרעגט:

— ביזטו געזונד, ליעבענקער?...

— א דאנק. איך בין פּולשטענדיג געזונד, אפראָסינא יעווו־סטראטאָוונא.

— און מיר, ליעבענקער, זענען שוין געווען אונרוהיג, — האָט די מוטער געזאָגט און האָט געמאכט א פּאָר טריט טיעפער אין צימער. — איך און אגראפענא האָבען זיך שוין שטארק גע־וואונדערט... וואָס הייסט עס, זואָס אונזער פּאוועל פּאוולאָוויטש שלאָפט אזוי לאנג און הייסט נישט עפענען דעם לאָדען, און פּאָ־דערט נישט דעם סאמאָוואר? צי איז ער נישט קראנק, זאָל גאָט אָבהיטען?... איך און אגראפענושקא זענען שוין דאָ געוועזן דריי מאָל, ביזטו אלץ געשלאָפען, ליעבענקער. א, גאָט זיי דאנק. אבי דו ביזט געזונד. שלאָף, שלאָף נאָך, אויב דו ווילסט. איך וועל דיר נישט שטערען.

— ניין, אפראסינא יעווסטראטאָוונא איך וועל שוין מעהר נישט שלאָפען. עס מוז שוין זעהר שפּעט זיין?

— די זון שטעהט שוין לאנג אין מיטען הימעל, ליעבענקער. לייטען זענען שוין נאָך מיטאָג. שוין פינף מאָל האָט אגראפענא צוגעוואָרפען קוילען אין דיין סאמאָוואר און צוגעגאָסען וואסער...

— בעדארף מען שוין אויפשטעהן.

— און איך וועל הייסען עפענען דאָס לאָדען און אריינברענגען דעם סאמאָוואר. דו, ליעבענקער, האָסט פערשלאָפען העכער א האלבען טאָג, און ביי אונז אין דער סטאנציע קאָכט זיך. שוין לאנג ביי אונז נישט געווען אזוי פרעהליך.

— וואָס אזעלכעס איז פאָרגעקומען? — האָט פאוועל גע־פרעגט.

— אָט וועל איך נור זאָגען אגראפענא'ן, זי זאָל עפענען דעם לאָדען און ברענגען טהיי, וועל איך דיר דערצעהלען.

עס האָט נישט לאנג געדויערט און אין צימער האָבען זיך אריינגעריסען גאנצע סנאָפּעס שטראהלען פון דער גאָכמיטאָגדיגער זון דורך דאָס אויפגעמאכטע פענסטער, די נידריגע, אָבער קארפּו־לענטע, פערציג-יעהריגע אגראפענא האָט אריינגעטראָגען א קאָכע־דיגען קופערנעם סאמאָוואר, און באלד דערויף איז ווידער אריינגע־קומען אפראסיניא יעווסטראטאָוונא.

— זעצט אייך, בעל-הבית'טע, — האָט פאוועל זיך איינ־געלאדען, — איהר וועט אפשר מיט מיר מיטטרינקען טהיי?

— „טהיי טרינקען איז נישט קיין האַלץ האקען", ליעבענ־קער, — האָט די בעל-הבית'טע גוטמוטיג צופריעדען געענטפערט און האָט פערנומען פּלאץ אויף דער צווייטער זייט טיש.

— איז דאָ אין שטאָדט היינט פרעהליך, זאָגט איהר? — האָט פאוועל זיך אָנגערופען, אוועקשטעלענדיג נעבען דער אלטער די פיליזשאנקע טהיי.

— יאָ, ליעבענקער, היינט און מאָרגען. ביי אונז אין דער סטאנציע איז שוין לאנג אזוי-וואָס נישט פאָרגעקומען... איצט, גו־טענקער, איז סריעטיענסק אָ שטאָדט, נאָר אמאָל איז דאָס געווען נישט מעהר ווי סטאוויצא, א קאָזאקען דאָרף, און מיר אלטע לייט רופען אונזער סריעטיענסק עד היום „סטאניצא". אזוי זענען מיר צוגעוועהנט פון די אלטע צייטען... אין די אלטע צייטען, ליעבענ־קער דו מיינער, איז דאָ אין סריעטיענסק קיין איד אפילו אויף א רפואה נישט געווען, און איצטער וואוינען דאָ גאנצע אכט אידישע סעמייסטוועס... איינער פון זיי איז דוקא גאָר אנ'אָנגעזעהענע פי־גור, א מיליאָנטשיק, סאמואיל לאזארעוויטש רופט מען איהם.

— דער ,,קופּער-קעניג״?

— אָט, אָט, דער ,,קופּער-קעניג... האָט ער אַ זוהן, איין־איינציגען זוהן, גריגאָרי סאַמואילאָוויטש, נו, מאַכט ער דעם דאָזיגען זוהן חתונה. מאָרגען וועט זיין די חופּה, און היינט מאַכט ער אַ מאָהלצייט פאַר די היגע אָרימע לייט, איז דעריבער ביי אונז פרעהליך. און מאָרגען וועט אודאי פרעהליך זיין... אַגראַפענאַ איז דאָרט געוועזן. די גאַנצע סטאַניצאַ, קינד און קייט זענען אַהין געלאָפען קוקען. אין זיין גאָרטען זענען געדעקט טישען, די אָרעמע לייט, די אויסגעהונגערטע נעבעך, באָרוועסע, אָבגעריסענע, זיצען אַרום די טישען, ווי די שררות, און ער אַליין, סאַמואיל לאַזאַרעוויטש, הייסט עס, און דער חתן, און די כלה, און אַלע זיינע מענשען בעדיענען זיי אַזוי ווי לאַקייען... אַ פערגניגען, ביי גאָט.

— און ווער איז זי, די כלה, הייסט עס?

— אַנ׳אָרים מיידעל. דער פאָטער איהרער איז אַ פּאָסעליעניעץ, אַ בלינדער נעבעך. אָט דאָ נישט ווייט וואוינט ער. רעכטס פון דאַנעץ, אין דעם לעצטען הייזעל.

— ווער איז ער, פון וואַנען איז ער, ווי רופט מען איהם, פאַרוואָס איז ער פערשיקט?...

— דאָס ווייס איך נישט, ליעבענקער. ווייסט איהם דער ליעבער גאָט. פּאָסעליענצעס זענען ביי אונז פאַרהאַן גענוג און פערשיעדענע. ווער אינטערעסירט זיך דען מיט אַ זעלכע? אַ פּאָסעליעניעץ — און גאָר...

— שוין לאַנג ווי ער האָט זיך בעזעצט?

— דאָ אין דער סטאַניצאַ וואוינט ער נישט לאַנג. ערשט פינף אָדער זעקס וואָכען.

— און וואו האָט ער פריהער געוואוינט?

— דאַכט זיך, אין באַיאַן, אַ בוריאַטען־דאָרף, טאַקי ביי דער שילקאַ, אַ וויאָרסט דרייסיג פון דאַנען. די כאַטקע, אין וועלכער ער וואוינט, האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש פאַר איהם אָבגעקויפט ביי מיינער אַ קומאַ, אויך אַנ׳אַלמנה, נאָר אַ יונגערע פון מיר. איירינאַ מאַקאָיעוונאַ הייסט זי.

פּאַוועל האָט אויסגעהערט דער אַלטער מיט אַ מערקווירדי־

גער, פאר איהם אליין אונבעגרייפליכער, אויפמערקזאמקייט. ער האט זיך אליין געוואונדערט און האט נישט געקאנט פערשטעהן, פארוואס האט אפראסיניא יעווסטראטאוונא'ס גאנץ געוועהנלי־כע ווייבערישע און אונשולדיגע נערעדעריי אין איהם ארויסגערופען א מערקווירדיגען אינטערעס צום „קופער־קעניג" מיט זיין זוהן, צו דער כאטקע, וואו עס וואוינט דער בלינדער, פאר איהם אזוי רעט־זעלהאפטער, פאסעליעניעץ, און דער עיקר, צו ז י י, דאס הייסט, צום פאסעליעניעץ מיט זיין טאכטער.

— האט דער פאסעליעניעץ א פרוי? — האט פאוועל וויי־טער געפרעגט.

— אפשר האט ער א ווייב דארט, אין ראסעיע, הייסט עס. נישט אלע ווייבער געהען נאך זייערע מענער אין סיביר... און אפשר איז ער אנ'אלמן, אדער א גרוש. נאר דא וואוינט מיט איהם נאר זיין טעכטערל.

— איז ער א קריסט?

— א איד, ליעבענקער, א איד, אזוי ווי סאמואיל לאזארע־וויטש.

— נו, ליעבענקער, א דאנק פאר דעם טהיי — האט די אל־טע געזאגט, איבערדרעהענדיג די לעדיגע פיליזשאנקע אין ספאדעק, און האט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל. — מען מוז געהן פער־נעהמען זיך מיט דער ווירטשאפט. און דו, פאוועל פאווליטש, געה זיך דורך. זעה, ווי אזוי אונזער מיליאנער מיט חתן־כלה בע־דינען קבצנים, כע־כע־כע...

אפראסינא יעווסטראטאוונא איז אוועק צו איהר בעל־הבתיש־קייט און פאוועל האט גענומען שפרייזען הין און צוריק איבער זיין צימער.

— יא, דער אלטער איז גערעכט. — האט פאוועל ביי זיך געטראכט, שפרייזענדיג ווייטער איבער'ן צימער. — א וואונדער־באר לאנד סיביר מיט וואונדערבארע מענשען. שוין צוויי זייערע האבען מיר דערצעהלט, אז דעם מיליאנער'ס בן־יחיד האט חתונה מיט דעם ארימען פאסעלעניעצ'ס טאכטער, און קיינער פון זיי האט מיר נישט געוואוסט צו ענטפערען אויף דער פראגע, ווי מען רופט

דעם דאָזיגען פּאָסעליעניעץ מיט זיין טאָכטער און פון וואנען זיי קומען אין אָט די ווייטע מקומות...

— אָבער וואָס האָט דאָס אייגענטליך צו טהון מיט מיר און מיט מיין לאגע? — האָט ער זיך געפרעגט אין א ווײַלע ארום. וואָס אייגענטליך געהט מיר אָן דער היגער מיליאָנער מיט זיין זוהן, מיט זיין זוהנס כלה און מיט איהר בלינדען פאָטער?...

און ווידער האָט ער גענומען טראכטען וועגען די געשעהע־נישען פון דעם נעכטיגען אָוועגד און וועגען דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבען אויף איהם געמאכט. וועגען דעם בעזוך פון דעם אלטען בראָדיאגא, וועגען דעם געלעכטער אויף דער שילקא, וועגען גלא־שא'ס ליעד און איהר לעצטען אויסגעשריי, נאָך וועלכען זי איז פּלוצלינג פערשוויגען געוואָרען. און א רעטזעלהאפטע מאגישע קראפט האָט איהם געצויגען צום פּאָסעליעניעצ'ס וואוינונג, אפשר וועט ער ווידער הערען דאָס טרויעריגע ליעד, אפשר וועט איהם געלונגען צו זעהן די שענע זינגערין?...

יאָ, די יוגענד האָט זיך אין איהם פונאנדערגערעדט מיט איהר שפּראך, מיט איהר השפּעה, מיט איהרע רעכט צו ל ע ב ע ן א ו ן ל י ע ב ע ן... און, נישט זייענדיג איהם בעקאנט פּערזענליך, איז גלאשא, אונטער דער ווירקונג פון אָט דער שפּראך אהן ווערטער און פון אָט דער השפּעה, געוואָרען דער אָביעקט, וואָס האָט איהם צו זיך געצויגען, און ארום וועלכען עס האָבען זיך געדרעהט זיינע געדאנקען און זיינע געפיהלען זייט נעכטיגען אָוועגד.

אויסער דעם איז געווען נאָך א וויכטיגע אנגעלעגענהייט, צו־ליב וועלכער די שענע אומבעקאנטע ציגיינערין האָט איהם אזוי פּעראינטערעסירט: זי איז געווען מיטעלבאר און נישט וויסענדיג זיין מלאך־מושיע. צוליב איהר איז אין דער טייגא בעגאנגען זעלבסטמאָרד דער ציגיינער יערמיל, ביי וועמען דער אלטער בראָ־ריאגא האָט געפונען דעם פּאס, א דאנק וועלכען ער, דער אוסט־קארער קאָטאָרזשניק, איז געוואָרען א פרייער בירגער און קאָן זיך פריי בעוועגען...

ווי נאָר די זון איז אונטערגעגאנגען און עס האָט אָנגערוקט דער גרויער אָוועגד, האָט פּאוועל פערלאָזט זיין נומער און איז, ווי גע־

װעהנליך, אװעק צו זײן אײנזאַמען פעלז, אויף װעלכען ער האָט אַזוי ליעב געהאַט אָבצוזיצען שטונדען לאַנג, אײנזאַפּען) אין זיך די פרישע, פרײע, דופטענדע לופט, בעװאונדערען די אַרומיגע אײנשלעפּענדע, װילד-פּראַכטפולע גראַנדיעזע נאַטור, און פאַנטאַזירען, דענקען און איבערגעבען זיך פערשיעדענאַרטיגע טרױעריגע און זיסע עראינערונגען.

פאַרבײגעהענדיג פאַר דעם הײזעל פון דעם בלינדען פּאָסעליעניעץ, איז פּאַװעל געבליבען שטעהן. אין הײזעל איז געװען פינסטער, װי נעכטען. נאָר אַלע פענסטער זענען געװען פערמאַכט און עס איז נישט געװען צו הערען אָדער צו זעהן װעלכען עס איז צײכען פון אַ לעבעדיגען װעזען.

פּאַװעל איז געשטאַנען אַ װײלע האַרט בײ די שטאַכעטען פון דעם גערטעל, ער האָט געקוקט אויף דאָס פענסטער, בײ װעלכען ער האָט נעכטען געזעהן דעם אונדײטליכען סילועט פון דער ציגײנערין גלאַשאַ. ער האָט אָנגעשטרענגט זײן געהער, ער האָט אויסגעשטאַרט זײנע אויגען, ער האָט אָבער גאָרנישט געהערט, גאָרנישט בעמערקט, און מיט אַ געפיהל פון אַ פערדריסליכער ענטטױשונג איז ער לאַנגזאַם אװעק צום אײנזאַמען פעלז.

געגאַנגען איז ער מיט אַנ'אײנגעבויגענעם קאָפּ, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, פערטיעפט אין זײנע מחשבות, און ערשט זײענדיג נאָהנט פון דעם פעלז, האָט ער דערזעהן, אַז זײן אָרט איז פערנומען, און ער איז געבליבען שטעהן אַ ערשטױנטער, װײל צום ערשטען מאָל האָט ער אַצינד דערזעהן אַ לעבעדיג װעזען אויף דעם דאָזיגען אָבגעלעגענעם אָרט.

די פּערזאָן, װאָס האָט פערנומען זײן אָרט אויף דעם פעלז, איז געזעסען אײנגאַנצען אַנ'אײנגעשרומפּטע, אָהן אַ שום בעװעגונג, דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטען אָנגעשפּאַרט אויף בײדע הענד, און איהרע ברײט אויסגעשטאַרטע אויגען זענען געװען געריכטעט צו דער שילקאַ.

פּאַװעל האָט געהאַט דעם אײנדרוק, אַז די אונבעקאַנטע פּערזאָן, װאָס זיצט װי אַ פערשטײנערטע, װי אַ בעטױבטע, זעהט איהם נישט, בעמערקט נישט זײן אָנװעזענהײט, און ער האָט שױן גע-

וואָלט אוועקגעהן, אום נישט צו שטערען די רוה און די איינזאַמ־
קייט פון דער דאָזיגער פּערזאָן, נאָר באַלד ביים ערשטען שריט,
וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער הינטער זיך דערהערט די ווער־
טער:

— פאַרוואָס דערוויטערט איהר זיך?...

פּאַוועל האָט א ציטער געטהון און איז געבליבען שטעהן. ער
האָט דערקענט גלאַשא'ס שטים. פּונקט מיט אזא קול האָט זי נעכ־
טען אויסגעשריען:

„— ניין, גלאַשא וויינט נישט!"...

פּאַוועל האָט זיך אויסגעדרעהט צום פעלז און האָט אויפ־
געהויבען די אויגען צו דער ציגיינערין, וועלכע ער האָט אזוי גע־
גאַרט צו זעהן, און מיט וועלכער ער האָט אזוי געגאַרט צו רעדען.
ער איז אָבער געשטאַנען א בעטויבטער פון דער איבערראַשענדער
בעגעגנונג און האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

— פאַרוואָס האָט איהר זיך געוואָלט דערווייטערען? — האָט
גלאַשא נאָך אַמאָל געפרעגט און האָט דרייסט אָנגעשטעלט איהרע
פייערדיגע אויגען אויף פּאַוועל'ס געזיכט, זיצענדיג איינגעשרומפּט
ווי פריהער.

— איך האָב אייך נישט געוואָלט שטערען, — האָט פּאַוועל
געענטפערט קורץ מיט אַן'אויפגערעגטער שטים.

— איהר קענט מיך דען? איהר ווייסט דען, ווער איך בין?

— ביז איצט האָב איך נישט געהאַט דאָס פערגניגען, —
האָט פּאַוועל געענטפערט מיט א העפליכער פערנייגונג. — ער־
לויבט מיר אייך זיך פאָרצושטעלען: פּאַוועל פּאַוולאָוויטש יאָקעל־
סאָן.

— און איך בין די ציגיינערין גלאַשא... דאָס הייסט, איך
בין געוועזען די ציגיינערין גלאַשא, אצינד בין איך גלאַפי־
ראַ ניקיטישנא, א באַרישניע, כאַ־כאַ־כאַ...

גלאַשא'ס ווילדער געלעכטער האָט פּאַוועל'ן ענטציקט און אין
דערזעלבער צייט געשראָקען. ער האָט אויף איהר געקוקט מיט פער־
וואונדערטע אויגען און האָט נישט געקאָנט פערשטעהן די סיבה
און דעם זין פון איהר זאָנדערבאַרען אויסברוך. איינס האָט ער נאָר

בעמערקט, אז דער געלעכטער האָט צוגעגעבען איהרע אויגען א בעזונדערען גלאַנץ, און איהר געזיכט — א בעזונדערען צויבער.

— איהר זענט, משמעות, נישט קיין היגער? — האָט גלאַשא זיך אָנגערופען, ווען זי האָט אויפגעהערט לאַכען.

— פארוואָס דענקט איהר אזוי?

— גאנץ איינפאך. ווען איהר וואָלט געווען א סריעטיענסקער, וואָלט איהר געוואוסט, ווער איך בין. ווייל וועלכער יונגערמאַן אין סריעטיענסק קען נישט די ציגיינערין גלאשא?...

— יאָ, אמת. איך בין נישט קיין היגער.

— וואו איז אייער היימאט?

— איך בין... א קורלענדער.

— און וואָס האָט אייך געבראכט אזש אהער?

— מיין פראָפעסיע.

— וואָס איז אייער פראָפעסיע?

— איך בין א רייזענדער.

— א טוריסט, הייסט עס?

— ניין. א קאָמי-וואָיאזשאָר...

— איהר זענט א איד? דאָס רוב קאָמי-וואָיאזשאָרען זענען אידען.

— איך בין א קריסט. א לוטעראנער.

— געבוירען א קריסט?

— ניין. איך בין געטויפט.

— און אז איהר זענט געטויפט, איז וואָס? ... האָט דען אויפגעהערט פליסען אין אייערע אָדערען דאָס אידישע בלוט? האָט דען אויפגעהערט שלאָגען אין אייער ברוסט דאָס אידישע הארץ? האָט דען אויפגעהערט ארבייטען אין אייער קאָפּ דער אידישער מוח? איז דען פערקריסטעלט געוואָרען אייער אידיש געזיכט? פיהלט איהר דען נישט קיין ליעבשאפט, קיין בענקשאפט צו אייערע אידישע עלטערען? צו אייערע אידישע קרובים? און אפשר?...

גלאשא האָט פלוצלינג איבערגעריסען דעם שטראָם פון איהרע אייגענארטיגע פראגען, און פאוועל האָט בעמערקט אויף איהר געזיכט דעם אויסדרוק פון א טרויעריגער ערנסטקייט.

— פארוואָס שטעהט איהר, פּאוועל פּאוולאָוויטש? — האָט גלאשא זיך אָנגערופען נאָך א געוויסער ווײַלע. — זעצט אייך. אויף דעם שטיין איז דאָ גענוג פּלאַץ פאר אונז ביידע...

פּאוועל האָט זיך געהאַרכזאם אוועקגעזעצט נעבען גלאשא'ן. ער האָט געפיהלט, ווי דאָס הארץ הויבט אָן האסטיג קלאפּען אין זיין ברוסט. ער האָט געפיהלט, ווי דאָס בלוט שלאָגט איהם אין גלאשא'ס קערפּער, נעבען וועלכען ער זיצט אזוי נאָהנט. ער האָט קאָפּ אריין פון דעם בערוישענדען אראָמאט, וואָס טראָגט זיך פון געפיהלט, אז ער איז פּלוצלינג געוואָרען ווי פערשקלאפּט, ווי בע-צויבערט פון א זאָנדערבארער קראפט, און ער האָט געמוזט אנ-שטרענגען זיין גאנצען ווילען, אום צו בעהערשען זיין זעעלענס-צושטאנד און ווי מעגליך רוהיג זאָגען:

— איהר האָט נישט פערענדיגט אייער לעצטען זאץ, גלא-פירא ניקיטישנא... איהר האָט געזאָגט: „און אפשר?"... און זענט פּלוצלינג פערשוויגען געוואָרען.

— איך האָב געוואָלט זאָגען: און אפשר פיהלט איהר באמת נישט קיין ליעבשאפט צו אייערע אידישע ברידער און שוועס-טער?...

— ווי קאָן דאָס מעגליך זיין?

— דאָס איז שוין זעהר מעגליך, פּאוועל פּאוולאָוויטש... אָט איך, למשל. איך בין געבוירען צווישען ציגיינער, איך בין אויפ-געוואקסען צווישען ציגיינער. ציגיינער זענען מיינע שוועסטער און ברידער, מיט זיי צוזאמען האָב איך געלעבט אין איין לאגער, אין די שמוציגע געצעלטען, אויף דעם פרייען פעלד, אונטער דעם הוי-לען הימעל. מיט זיי צוזאמען האָב איך ארומגעוואנדערט ווי רוס-לאנד איז לאנג און ברייט. מיט זיי צוזאמען האָב איך געטאנצט און געזונגען אין פערשיעדענע קנייפּעס, פון דעם געמיינסטען שענק ביז צום עלעגאנטעסטען קאבארעט. און ביי דעם אלעם האָב איך די דאָזיגע משפּחה מיינע קיינמאָל נישט ליעב געהאט, עפּעס האָט מיך שטענדיג אָבגעשטויסען פון זיי. עפּעס האָב איך זיך שטענדיג געפיהלט צווישען זיי פרעמד, עלענד, און שרעקליך איז מיר געווען ביי דעם געדאנק, אז איך וועל אמאָל מוזען זיין דאָס ווייב פון א

ציגײַנער און די מוטער פֿון קלײנע שמוציקע ציגײַנערלעך... נאָך אַצינד גײט מיר דורך אַ שוידער איבער דעם גאַנצן קערפּער, װען איך רעד פֿון דעם...

גלאַשאַ האָט װירקלעך אױפֿגעשװידערט בײַ איהרע לעצטע װערטער.

— מיט װאָס ערקלערט זיך דאָס אַלץ?

— װײס איך?... אדרבה, אפשר קאָנט איהר דאָס ערקלערען? פֿאַר מיר, פּראָסטער און װילדער ציגײַנערין, איז צו שװער צו לע־זען דאָס דאָזיגע רעטעניש.

— איהר זענט צו אונגערעכט צו זיך אַלײן, גלאַפֿירא ני־קיטישנא, — האָט זיך פּאַװעל אָבגערופֿען מיט האַרץ, — אײער אַרט רעדען און אױסדריקען זיך איז װי פֿון אַ אינטעליגענטער פּערזאָן.

— איך בין דאָך אָבער פֿאָרט נישט מעהר װי אַ װילדע פֿער־גרעבטע ציגײַנערין.

— בעזיצט איהר אײַנגעבױרענע אינטעליגענץ.

— װי איז דאָס מעגליך? אַ ציגײַנער־קינד און אײַנגעבױ־רענע אינטעליגענץ?...

— נישט אײן געלעהרטער, נישט אײן װעלט־בעריהמטהײט שטאַמט פֿון נידריגען, פֿון פֿינסטערען המון, גלאַפֿירא ניקיטיש־נא...

— גיעט מיר אײער האַנד, גוטער מענש. איך װיל אײַך דאַנ־קען.

פּאַװעל האָט דערלאַנגט גלאַשאַ'ן זײַן האַנד, װעלכע זי האָט לאַנג און שטאַרק געדריקט. און װען פּאַװעל האָט געװאָלט צופּאַ־לען צו גלאַשאַ'ס האַנד מיט זײַנע ליפּען, האָט גלאַשאַ איהר האַנד צוריקגעצױגען, און זײ זענען אַ פּאָר מינוט געזעסען שװײַגענד.

— האָט איהר אײער פֿאָטער און אײער מוטער אױך נישט ליעב? — האָט פּאַװעל װײַטער געפֿרעגט.

— איך בין אַ יתומה. מײַנע טאַטע־מאַמע זענען געשטאָרבען, װען איך בין נאָך גאָר קלײן געװען. איך געדענק זײ נישט.

— קאָן זײַן, װען אײערע עלטערען װאָלטען געלעבט, װאָלט

אייער בעציהונג צו אייער משפחה געווען א גאנץ אנדערע.

— קאָן זיין. איך ווייס נישט...

— און ווער האָט אייך ערצויגען?

— ווער ערציהט דען דאָס ציגיינער-קינד? די ווילדע נאטור און די פרייע לופט... דער ווינד אין פעלד וויעגט זיין וויגעלע. דאָס פויגעלע אויף דעם בוים זינגט איהם צום שלאָף. דער שלאגס-רעגען וואשט אָב זיין נאקעט קערפּערל, און די ברענענדע זון טרוקענט עס אויס. דאָס וואסער פון טייך לעשט זיין דורשט. דאָס אויסגע-בעטעלט ברויט שטילט זיין הונגער. די ווילדע בלומען זענען זיין שפּיעלצייג — אָט אזוי ווערט ערצויגען דאָס ציגיינער-קינד...

— ווי שען איהר דריקט זיך אויס, גלאפירא ניקיטישנא! — האָט פּאוועל אויסגערופען, נישט קאָנענדיג בעהערשען זיין ענט-ציקונג. — איהר זענט אַנ'אָרימע ציגיינערין, אָבער וואָס פאר א רייכען גייסט בעזיצט איהר...

גלאשא האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט זיך ווידער צו-זאמענגעשרומפּט, זי האָט מיט איהרע ברייט-אויסגעשטארטע אוי-גען געקוקט אויף דאָס שטראָמענדע וואסער פון דער שילקא, און אין דער דונקעלהייט פון דעם אָווענד האָט פּאוועל דאָך בעמערקט, ווי פון די דאָזיגע צוויבערפולע אויגען רינען שטילע טרעהרען.

לאנג זענען זיי ביידע שטיל געזעסען נאָהנט, זעהר נאָהנט, כמעט צוגעדריקט איינער צום צווייטען. פון הינטער די געגענאי-בערדיגע בערג איז לאנגזאם ארויסגעשוואומען דער רויטליכער סערפּ פון דער לבנה. ארום און ארום איז אלץ געשלאָפען אין א רוהיגער שטילקייט, נאָר אין די הערצער פון די צוויי צופעליגע בעקאנטע אויף דעם איינזאמען פעלז איז געווען שטורמיג און אונ-רוהיג פון פערשיעדענע נאָגענדע און גלייכצייטיג זיסע טרוימערי-שע געדאנקען און געפיהלען...

ענדליך האָט גלאשא איבערגעריסען דאָס שטילשווייגען מיט דער פראגע:

— איהר ווייסט וואו איך וואוין?

— אין דעם ערשטען הייזעל פון דאָגען געהעדניג.

— מאָרגען וועל איך שוין דאָרט נישט וואוינען.

— וואו דען וועט איהר וואוינען?
— מאָרגען געהען מיר אידער אין א פּאלאץ.
— ווער „מיר"?
— דער פּאָסעליעניעץ, זיין טאָכטער און איך... זאָגט מיר, איך בעט אייך, דאָס זענט אידר געשטאַנען נעבען אין אָווענד ביי די שטאכעטען פון אונזער גערטעל?
— יאָ, גלאַפירא ניקיטישנא. מיר האָט געלאָקט אייער זינגען... איך האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק, איך האָב געוואָלט זעהען אייער געזיכט, אָבער די פינסטערניש האָט מיר געשטערט.
— און איך האָב אייך יאָ געזעהען. און דאָס האָב איך צו אייך אויסגעשריען: „ניין, גלאשא וויינט נישט!"...
— ווי טרויעריג, ווי הארצרייסענד טרויעריג, און דערביי ווי ענטציקענד זיס איז געווען דאָס געזאנג.
— אין שווערע לעבענס-מאָמענטען זינגט זיך טרויעריג-זיס. פון דער ברוסט פאלט דעמאָלס אראָב דער דריקענדער קומער, און עס וויינט זיך, און עס גלויבט זיך אין א העלערע צוקונפט... זאָגט מיר, פּאָוועל פּאווליאָוויטש, — האָט גלאשא פּלוצלינג געפרעגט, — איהר זענט שוין לאנג דאָ אין סריעטיענסק?
— שוין ניין טעג.
— ווי לאנג רעכענט איהר דאָ צו פערברענגען?
— נאָך א צעהן טעג מיין איך.
— קומט איהר אָפט אהער, אָט צו דעם איינזאמען, וויט אָבגעלעגענעם פעלז?
— כמעט יעדען אָווענד.
— און מיט וואָס ציהט אייך צו זיך דער ווילדער פעלז?
— מיט זיין אָבגעלעגענער איינזאמקייט...
— איך פערשטעה אייך. איינזאמע זוכען איינזאמקייט, — האָט גלאשא געזאָגט נאָכדענקענד און האָט דעקלאמירט:
„עס פלאטערט א ווייסער איינזאמער זעגעל,
„וואו כוואַליעס רוישען, און ווינטען בלאָזען...
„וואָס זוכט ער דען דאָרט, אין דער וויטער מדינה?
„וואָס האָט ער דאָרט, אין זיין היים, פערלאָזען?...

פלוצלינג איז זי אויסגעבראָכען מיט איהר ווילדען געלעכטער און האָט געזאָגט:

— א וואַיאזשאָר און זוכט איינזאמקייט, כא-כא-כא... ניין. זאָגט דעם אמת. איהר טרייבט קאַטאָוועס, מיין פריינד...

— פארוואָס מיינט איהר אזוי, גלאפירא ניקיטישנא?

— ווייל איך קען גוט אייערע חברים-וואַיאזשאָרען. דאָס זע-נען לעב-קינדער. דאָס זענען די פריהסטע און די שפּעטעסטע געסט אין די קאַבארעטען, אין די קאבינעטען... אָ, אָ, די ציגיי-נערין גלאשא האָט נישט איין וואַיאזשאָרישען פוגילארעם אויס-געטרייסעלט... און דאָ וויל מיר פלוצלינג א יונגער שענער וואַיא-זשאָר איינרעדען, אז ער זוכט איינזאמקייט אויף דעם ברעג פון דער שילקא אויף א וויסטען ווייטען פעלז, כא-כא-כא...

און גלאשא האָט זיך ווידער פונאנדערגעלאכט אויף איהר ארט.

— גלאפירא ניקיטישנא, — האָט פאוועל קוים בעוויזען ארויסצוזאָגען אין זיין שטארקער אונאנגענעהמער פערלעגענהייט.

— איך ווייס, וואָס איהר טראכט איצט, פאוועל פאוולאָ-וויטש, — האָט זיך גלאשא אָבגערופען, ווערענדיג מיט אמאָל ערנסט געשטימט. — איהר ווילט פרעגען: „און מיט וואָס ציהט צו זיך דער דאָזיגער איינזאמער פעלז די פרעהליכע קאבארעטען-פרימאדאָנע, די לוסטיגע ציגיינערין גלאשא?..."

— יאָ, גלאפירא ניקיטישנא. איהר האָט געטראָפען...

— די שילקא ציהט מיך אהער... דאָ איז די שילקא זעהר טיעף...

— איך... איך פערשטעה אייך נישט.

— איהר פערשטעהט מיך יאָ, — האָט גלאשא ערווידערט, שטארק אקצענטירענדיג דאָס לעצטע וואָרט.

אָנשטאָט ארויסצוזאָגען דאָס, וואָס ער האָט אין יענעם אוי-גענבליק געפיהלט, האָט פאוועל טיעף אָבגעזיפצט.

— געוועזען א מאָמענט, — האָט גלאשא פאָרטגעזעצט נאָך עטליכע סעקונדען, — ווען איך האָב זיך געוואָלט ווארפען אין די כוואַליעס פון דער שילקאָ; האָט מיר דעמאָלס געשטערט די פּער-

זאָן, וואָס וועט מאָרגען ווערען די געזעצליכע פרוי פון דעם איינציגען מענשען, וועלכען איך וועל נישט אויפהערען צו ליעבען ביז דאָס הארץ וועט נישט אויפהערען שלאָגען אין מיין ברוסט... און איצט האָט א י ה ר מיר געשטערט...

— גלאפירא ניקיטישנא...

— יאָ. איצט האָט א י ה ר מיר געשטערט. ווען איהר קומט נישט אָן, וואָלט די טיפעניש פון דער שילקא שוין מיין קבר געווען.

— האָט איהר דען נישט אליין נאָר-וואָס געזאָגט, אז עס זענען פארהאַן מאָמענטען, אין וועלכע עס וויינט זיך און עס גלויבט זיך אין א העלערע צוקונפט?...

— יאָ, ד י מאָמענטען דויערען אָבער נישט לאנג. זיי פערשווינדען ווי א רויך, און אויף דער נשמה ווערט נאָך שווערער, נאָך פינסטערער, און דאָס לעבען ווערט נאָך מעהר פוסט, נאָך מעהר נמאס... קוקט, אָט דאָרט, לינקס, זעהט איהר, ווי דער פאַלאַץ איז העל בעלויכטען?... זעהט איהר, ווי אין פארק פינקען אונצעהליגע פיעל-פארביגע כינעזישע לאטערנעלעך?... הערט איהר, זעהט איהר, ווי עס שלענגלען זיך ביז צו די וואָלקען די בענגאלישע ראקעטען, ווי זיי קנאלען און צעגיסען זיך אין א רעגען פון מיליאָנען פראנקענדע שטערענדלעך?... הערט איהר, ווי עס טראָגט זיך אין דער לופט דאָס עכאָ פון התפעלות?... דאָרט איז היינט א יום-טוב פאר דעם גאנצען סריעטיענסקער דלות, פאַר אלע אויסגעהונגערטע און דורשטיגע... נאָר דער ריכטיגער יום-טוב וועט זיין מאָרגען, ווען דעם מיליאָנערס זוהן וועט מקדש זיין די טאָכטער פון דעם אָרימען בלינדען פאָסעליעניעץ... ווען דער איינציגער מאַן, וועלכען איך ליעב מיט אלע פיבערען, וועט שוין זיין פאר מיר אויף אייביג פערלוירען... פערשטעהט איהר, וואָס איך לעב איבער?... ער פערזיכערט מיר, אז איהר ליעבט ער ווי א פ ר ו י, און מ י ך — ווי א ש ו ו ע ס ט ע ר... נו, קאָנט איהר דאָס פערשטעהן? וואָס פאר א שוועסטער בין איך, אָרימע ציגיינערין, א י ה ם, דעם איינציגען זוהן פון דעם „קופער-קעניג”?.... און דאָך האָב איך געגלויבט, ווייל איך האָב ג ע וו אָ ל ט גלויבען, ניין, ווייל איך האָב

ג ע מ ו ז ט גלויבען... און איך האָב פערלאָזט די עסטראַדע, און איך האָב פערלאָזט מיינע ציגיינער, כדי צו זיין מיט „זיי" אונטער איין דאך, כדי צו איינאָטעמען די זעלבע לופט, מיט וועלכער „זיי" אָטעמען... איך ווער אָבער דערשטיקט פון דער דאָזיגער לופט... ווייל זעהען יעדען אויגענבליק, ווי אייער אונענדליך געליעבטער מענש ליעבט אַנ'אַנדערע ווי אַזוי ער לעבט מיט אַלע חושים אין דער ליעבע צו דער אַנדערער, ווערענד אייך ווארפט ער נאָר אַמאָל אַ צערטליכען בליק און אַ גוט וואָרט אויס מיטלייד, אויס רחמנות, פּונקט אַזוי ווי מען ווארפט אַ בעטלער עפּעס אַ נדבה — אָ, ווייסט איהר דען, וואָס פאַר אַ קוואַל דאָס איז?... און דאָך, טראָץ דעם אַלעם, פיהל איך נישט אין מיין הארץ קיין שום פעררדוס, קיין שום האס האָט נישט צו א י ה ם און נישט צו א י ה ר... אדרבה. זיי זענען מיר ליעב. זיי זענען מיר טייער, זיי זענען מיר נאָהנט, איך ווינש זיי דוויערהאפטע ליעבע און גליק. קאָנט איהר דאָס פערשטעהן?... איז דאָס נאַטירליך?... בפרט ביי אַ ווילדער, ביי אַ אייפערזיכטיגער ציגיינערין?... און זאָגט, קאָן איך ערב זיין פאַר זיך?... צי קאָן איך ערב זיין, אַז אין אַ געוויסען פאַטאַלען מאָמענט, אין אַ געוויסער שווארצער שעה וועט אין מיר נישט ערוואכען די אייפערזוכט מיט דער גאַנצער ציגיינערישער וואוט, מיט אונזער אייגענטימליכער בלוטדורשטיגקייט.

אָ, איהר פערשטעהט, וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפע עס קאָן דאַמאָלס אין איין אויגענבליק געשעהן?... היינט זאָגט, איז דען נישט פיעל בעסער פאַר זיי, פאַר מיר, איך זאָל זיך אָברוימען פון וועג פריהצייטיג, האָבענדיג דאָס בעוואוסטזיין, אַז זיי וועלען מיין טויט בעדויערען, און אפשר בעווינען, טאַקי ווי אַ ברודער און אַ שוועסטער?...

גלאַשאַ האָט אינגאַנצען געציטערט. זי האָט איהר לאַנגען מאָנאָלאָג ארויסגעזאָגט גיך, כאַאָטיש, אין איין אָטעם און מיט אַ בעזונדערער אויפגערעגטקייט, אַזוי אַז זי איז געוואָרען גייסטיג און פיזיש מיעד, ערשעפּט, און זי האָט מעכאַניש אוועקגעלעגט איהר שווער-געוואָרענעם קאָפּ אויף פּאַוועלס אַקסעל.

לאַנג זענען אַזוי געזעסען אויף דעם איינזאַמען פעלז די אונ-

גליקליכע שענע ציגײַנערין און דער ענטלאָפענער אוסט-קאָרער קאַטאָרזשניק. לאַנג האָט גלאַשא געהאַלטען איהר מיעדען קאָפּ אויף פּאווועל'ס שולטער. לאַנג זענען זיי געזעסען שטיל און אָהן א שום בעוועגונג, ווי א זאָנדערבאַרע סימבאָלישע גרופּע. נאָר טיעף אין זייער ברוסט האָט זיך ביי יעדען פון זיי אָבגעשפּיעלט דער אקט, וועלכער איז אזוי נאַטירליך פאַר צוויי יונגע הערצער...

— פּאווועל פּאַוולאָוויטש, — האָט זיך ענדליך גלאַשא אָנ-גערופען האַלטענדיג אַלץ דעם קאָפּ אויף פּאווועל'ס אַקסעל.

— איך הער, גלאַפירא ניקיטישנא.

— האָט איהר שוין געליעבט וועמען?... אָדער אפשר ליעבט איהר נאָך?... איך מיין, צי האָט איהר געליעבט ריין, הייליג?...

ביי פּאווועלען איז פּלוצלינג ענטשטאַנען דער געדאַנק, צו ענטפערען אויף גלאַשא'ס פראַגע מיט דער גאַנצער אָפענהערציגקייט, ענטדעקען פאַר איהר זיין בעציהונג צו ראשעל'ן, דערצעהלען איהר זיין גאַנצע פערגאַנגענהייט, ענטפּלעקען פאַר איהר דאָס געהיימ-נים פון זיין איצטיגער לאַגע — מיט איין וואָרט, מתודה זיין זיך פאַר איהר ריינהערציג, אזוי ווי מען איז זיך מתודה פאַר א וועזען, וואָס איז אונז פּלוצלינג געוואָרען נאָהענט און טייער. נאָר דער אינסטינקט פון זעלבסט-ערהאַלטונג האָט גובר געווען, פּאווועל האָט זיך שנעל אָריענטירט און האָט גאָר קורץ געענטפערט:

— די פּערזאָן וועלכע איך האָב געליעבט, איז פאַר מיר אויף אייביג פערלאָרען. דער האַרטער גורל האָט אונז פונאַנדערגע-שיידט...

— הייסט עס, אז אונזערע ביידענס הערצער זענען פערוואונ-דעט דורך עהנליכע ליידען... גיעט מיט אייער האַנד. זאָלען מיר זיין פריינד...

— אָבער מיט איין תנאי...

— מיט וואָס פאַר א תנאי?

— איהר זאָלט נישט דענקען וועגען זעלבסטמאָרד.

— א שווערער תנאי, — האָט גלאַשא געזאָגט, לאַכענדיג פערביטערט. — דאָך וועל איך זיך בעמיהען דעם תנאי צו ערפי-

לען... ווענינסטענס, אזוי לאנג, ווי איהר וועט פערבלייבען אין סריעטיענסק... אַט האָט איהר מיין האנד.

פּאוועל האָט גענומען די אויסגעשטרעקטע האנד און איז צו איהר צוגעפאלען מיט זיינע הייסע און ציטערענדע ליפּען.

גלאשא האָט דאָס מאָל נישט צוריקגעצויגען איהר האנד...

ווען פּאוועל איז שפּעט אין דער נאכט אריינגעקומען צו זיך אין צימער, האָט זיך איהם אויסגעדאכט, אז די לופט איז א צו־שטיקענדע, אז ער האָט נישט מיט וואָס צו אָטעמען. האָט ער אויפ־געמאכט דעם לאָדען, אויפגעעפענט דאָס פענסטער, האָט זיך אוועק־געזעצט קוקען אויף דער נאָהענטער שילקא, אויף די געגענאי־בער־שטארצענדע בערג און האָט געטרוימט, געשווערעמט, געשווע־רעמט און געשווערעמט...

נאָך די פּאָר שטונדען, וואָס ער האָט צופעליג פערבראכט אין דער געזעלשאפט פון דער בילד־שענער און דערביי אזוי רעטזעלהאַפ־טער ציגיינערין, האָט ער דערפיהלט, אז אין זיין אינערליכער וועלט קומט פאָר א זאָנדערבארע מעטאמאָרפאָזע...

אלץ, וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען אין זיין יונגען לע־בען, ווי אויך זיין איצטיגע לאגע און די פראגע פון זיין צוקונפט — דאָס אלץ איז פּלוצלינג ווי פערטושט, ווי אויסגעוועבט, ווי פערגע־סען געוואָרען, און אלע זיינע געפיהלען, אלע זיינע געדאנקען האָ־בען זיך בעוואויגען ארום גלאשא'ס ווערטער:

„— ווענינסטענס, אזוי לאנג, ווי איהר וועט פערבלייבען אין סריעטיענסק...“

הייסט עס, אז זיין פערזענליכקייט, זיין אָנוועזענהייט גיבען צו איהר לעבען א געוויסען זין, א געוויסען אינהאלט... הייסט עס, אז ער איז איהר נישט גלייכגילטיג... הייסט עס, אז זיין געפיהל צו איהר האָט אנ'אָבקלאנג אין איהר הארץ...

אָבער איז דאָס מעגליך? איז דאָס ווירקליך אזוי?... טרייבט זי נישט מיט איהם דעם זעלבען שפּאס, וואָס זי האָט מסתמא נישט איין מאָל געטריבען מיט איהרע אונצעהליגע פערעהרער? מאכט זי אויך איהם נישט צום נאר, אזוי ווי זי האָט געמאכט פיעל אנ־דערע?... זי איז דאָך נישט מעהר, ווי די ציגיינערין גלאשא, ווי

די פרימאדאָנע פון ציגיינער-כאָר. ווי די ראפינירטע קאבארעטען־זינגערין, וואָס האָט נישט איין קאָפּ פערדרעהט...

ווען זיי האָבען זיך צושיידט, האָט גלאשא געזאָגט:

— מאָרגען אין אָוונד קום איך ווידער אהער. וועט איהר דאָ זיין?...

און נישט װארטענדיג אויף זיין ענטפער, האָט זי בעפרייט איהר האנד פון זיינער, און איז שנעל-שנעל פערשוואונדען געוואָרען אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט.

ווען ער האָט ענדליך פערלאָזט דעם איינזאַמען פעלז און איז אוועק אין זיין צייטווייליגע היים, איז ער ווידער געבליבען שטעהן ביי די שטאכעטען פון יענעם הייזעל. דאָרט איז אָבער, ווי פריהער, געווען פינסטער, וויסט, שטיל, אָן קיין שום צייכען פון א מענשען-לעבען.

און ווידער האָט פּאוועל ביי זיך איבערגע'חזר'ט גלאשא'ס ווערטער:

„— וועניגסטענס, אזוי לאנג, ווי איהר וועט פערבלייבען אין סריעטיענסק...“

— ניין, — האָט ער צו זיך געזאָגט. — דער טאָן, מיט וועל־כען די דאָזיגע ווערטער זענען ארויסגעזאָגט געוואָרען, איז נישט קיין טאָן פון שפּאס...

און אלץ מעהר און מעהר האָט זיך ביי איהם געשטארקט דער גלויבען אין דעם, אין וואָס זיין יונג הארץ האָט געגארט צו גלויבען. און נעמליך, אז אין גלאשא'ס הארץ האָט זיך אָבגערופען א אָב־קלאנג פון זיין אייגענעם געפיהל.

ווייט אויף דעם מזרח-האָריזאָנט האָט זיך שוין אָנגעהויבען בעוויזען דער ערשטער מאט-בלאסער שיין פון דעם אויפגעהענדען פריהמאָרגען, און פּאוועל איז נאָך אלץ געזעסען פאר דעם פענסטער פערזונקען אין זיינע חלומות, נישט בעמערקענדיג ווי די נאכט איז פערגאנגען. און אזוי זיצענדיג, האָט ער אויך נישט בעמערקט, ווען פון דרויסען פאר זיין פענסטער איז שוין א געוויסע צייט געשטא־נען דער אלטער בראָדיאגא און האָט אויף איהם געקוקט, שמייכ־לענדיג און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— פאוולושא, דו שלאָפסט, אפנים, מיט אָפענע אויגען, כע-כע-כע, — האָט דער אלטער זיך אָנגערופען.

פאוולושא האָט א ציטער געטהון און האָט געזאָגט:

— דיעדושקא!... גוט, וואָס איהר זענט געקומען. אָט וועל איך עפענען די טהיר.

— נישט נויטיג, — האָט דער אלטער געענטפערט, און איז געשיקט אריינגעשפרונגען אין צימער דורך דאָס פענסטער.

— נו, זוהנעלע, אָט זעה, וואָס דער זיידע האָט דיר געבראכט, — האָט דער אלטער געזאָגט אויסלעדיגענדיג זיינע קעשענעס אויפ'ן טיש. — אָט האָסטו ניסלעך, מאנדלען, ראָזינקעס, צוקערלעך, האָניג-לעקעך, טאָרט, מארינירטען לאקס, א פּאָר געבראָטענע טייבעלעך, און דערצו טאקי א פלעשעלע אבריקאָטין און א פלעשעלע טאָקייער... דער זיידע האָט אָן דיר נישט פערגעסען... אָט האָסטו און לאָז זיך וואוילגעהן.

— וואו האָט איהר דאָס אלץ גענומען, דיעדושקא? — האָט פאוועל געפרעגט א ערשטוינטער.

— דאָרט, זוהנעלע, ביי מיין אלטען בעקאנטען, כע-כע-כע, ביי ר' יאָסעל'ס איידעם. דאָרט איז געווען ערב-חתונה. נו, האָט מען הוליעט אויף וואָס די וועלט שטעהט... דו האָב קיין פאראיבעל נישט, זוהנעלע... איך בין א ביסעל בגילופין... אלע זענען אוועק פון דאָרט שכור'ע, און איך אויך... גיב אהער די פּיסקעס, ברודערקע... אָט אזוי!... דו מיאוסט זיך נישט צו קושען מיט סענדער סאָלדאט, ביסטו א מאָלאָדיעץ, האָב איך דיר ליעב... א שאָד נאָר, וואָס איך האָב נישט „פערהאָרעוועט" נאָך א זעקעלע גאָלד, אין זייער מוטערס מוטער אריין... נו, א ערב-חתונה געפּראוועט, ברודערקע! העמד און הויזען זאָל מען פערזעצען, אבי א נגיד צו ווערען...

— ווי פאלט איהר אָבער אויס צו געהן אהין, זיידע? ווי אזוי האָט איהר זיך איינגעשטעלט צו זיין צווישען אזא המון?

— דו קענסט נאָך אפנים נישט עשו'ן, זוהנענקע. ווען עשו איז פערטהון אין פרעס און אין זויף זעהט ער נישט און הערט נישט די גאנצע וועלט... ער דערקענט דאמאָלס נישט אפילו זיין איי-

גענעם טאטען. און איך, ברודערקע דו מיינער, בין אהין געגאנגען צוליעב צוויי טעמים. ערשטענס, האָב איך טאַקי פּשוט געוואָלט כאַפּען א לעק. וואָרום ווען וואָלט איך אָרימער בראָדיאַגא געהאט די זכיה צו זיצען ביי אזא גערעקטען טיש?... און, צווייטענס, האָב איך געוואָלט זיך איבערצייגען, צי איך האָב קיין טעות נשט גע־האַט, צי האָב איך טאַקי דערקענט מיין אמאָליגען פּרינציפּאלס איידעם.. . נו, פּאוולושא, געניץ נישט! מאַך א כוסה, אַט אזוי פראַסט פון פלעשעל, און פערבייס. וואָס איז די מעשה, וואָס דו ביזט היינט אזוי פריה אויפגעשטאַנען?

— איך בין אזוי אדורכגעזעסען די גאַנצע נאַכט.

— דו האָסט זיך גאַר נישט געלעגט שלאָפען?

— ניין דיעדושקא.

— וואָס איז? פאַרוואָס?

— אַט אזוי. עס האָט זיך געקלערט, געטראַכט...

— טאַ וואָס-זשע האָסטו אויסגעטראַכט?

— גאָרנישט...

— גאָרנישט איז קיין געריכט נישט, ברודערקע, האָב איך שוין, הייסט עס, די נאַכט מיט מעהר תכלית פערבראַכט.

— זאָגט מיר, זיידע, ווי לאַנג קאָן איך אין סריעטיענסק פער בלייבען?

— ביז דו וועסט אוועקפאָהרען, כע-כע...

— איך מיין, ווי לאַנג קאָן איך דאָ וואוינען און נ י ש ט אוועקפאָהרען?

דער אלטער האָט פּאוולען אָנגעקוקט א ווײַלע מיט זיינע טריבע אויגען און האָט זיך פונאנדערגעלאַכט.

— ע-ע-ע, פּאוולושא... דיר האָט פערשמעקט סריעטיענסק? דאָס איז נישט גלאַטיג... זאָג דעם אמת, זוהנעלע, ווער האָט דיר דאָ אזוי פערשמעקט?... אגראַפינושקאַ? אָדער גאָר אַפּראַסיניא יעווי־סטראַטאָוונא אליין? כע-כע-כע... האָב נישט קיין פּאַראַיבעל. דיין דיעדושקא איז אביסעל מלא, איז אלץ הפקר פּיעטרושקע, און הא דיא... נור א וויטשערע האָבען מיר דאָרט געהאט, זאָג איך דיר, פשוט די פינגער צו לעקען. אַט דאָס הייסט חי-געלעבט. א שאָד,

וואָס דו ביסט דאָרט נישט געווען. א גאנצער אָרקעסטער האָט דאָרט געשפּיעלט. דער גאנצער ציגיינער-כאָר פון „ארקאדיא" האָט גע־טאנצט און געזונגען. און פּלוצלינג, דיר נישט, מיר נישט, האָט מען אויף דער טאראסע ארויסגעשלעפּט דעם פּערדעפּיאן, און ער אליין, דאָס הייסט, ר' יאָסעלם איידעם, האָט אָבגעקלאפּט א לע־בעדיגס, א ריקוד'ל, אז די פּיס האָבען זיך אליין געהויבען... אָט אזא לעבעדיגס האָב איך אמאָל, שוין גאנץ לאנג, געהערט ביי אונז אין פּוילען אין א חסידים-שטיבעל צו א מלוה-מלכה... און דער־נאָך האָט זי אליין אָבגעקלאפּט אויף דעם פּערדעפּיאן אַנ'אוקראַי־נישען טרעפּאק, אז עס איז געגאנגען א רויך... יאָ, זי אליין, די פּראסאוויצא, די כלה, הייסט עס, ראשעל מארקאָווגא...

— ראשעל... ראשעל, ראשעל מארקאָווגא?! — האָט פּאוועל אויסגעשריען מיט א ווילדען קול, און האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר יואהנזיניגע אויגען.

— וואָס איז? וואָס שרייסטו, דו נארישער קאָפּ?... ווער האָט דיר א בים געטהון?...

— ראשעל... ראשעל מארקאָווגא, זאָגסטו? — האָט פּאוועל אירערגעפרעגט, און האָט אינגאנצען געציטערט ווי אין שטארק־סטען פיבער.

— נו יאָ. ראשעל מארקאָווגא, טאָ וואָס איז?...

— ווי רופט מען איהם?... דאָס הייסט עם פּאָסעליעניעץ?... איהר פּאָטער?..

— מארק באָריסאָוויטש...

— ער איז א בלינדער?...

— ער איז א בלינדער געוואָרען אין דער קאטאָרגע.

— זי איז א בלאָנדינקע?...

— א בלאָנדינקע... אָבער וואָס ווילסטו? וואָס איז מיט דיר?

— דיעדושקא, דאָס איז זי דאָך... דאָס איז דאָך מיין גע־ליעבטע ראשעל... דאָס זענען זיי דאָך צוליעב מיר אונגליקליך גע־וואָרען... דאָס האָב איך דאָך איהר געלעבטער געהערט אויף דעם איינזאמען פעלד... און וואו איז איהר מוטער?... וואו איז די גוטע,

די קלוגע בערטא אַסיפּאָווגאַ?... געשטאָרבען, אַ?... דו ווייסט נישט, אַ?... דורך מיר געשטאָרבען, אַ?... נישט איבערגעטראָגען די צרות און געשטאָרבען, אַ?... זאָג, דיעדושקא... זאָג, טייערער...

— זאָג איך, אז דו ביסט א יאָלד, און האדיא... איך האָב גע־טרונקען, און ביי דיר דרעהט זיך דער קאָפּ... דו פערגעסט, אז דו ביסט פּאוולושא, און נישט ליאָווא... אוים ליאָווא, נישטאָ קיין ליאָווא, און האדיא!

— איך בין אָבער דער שולדיגער אין זייער אונגליק, דיע־דושקא, — האָט פּאוועל געטענה'ט מיט פערצווייפלונג.

— „אין זייער אונגליק", — האָט איהם דער אלטער נאָכ־געקרומט, — או, ווא. אזא „אונגליק" אויף אלע אידישע טעכ־טער געזאָגט. דו ווייסט דען, וואָס פאר א קארפּען־קאָפּ זי האָט געפּאקט?... אָט וואָס איך וועל דיר זאָגען: דו לעג זיך שלאָפען, און האָדיא. דו וועסט זיך אויסשלאָפען, וועט דיין מוח קלאָרער ווע־רען... און איך מוז שוין געהן. עס טאָגט שוין. ארויסגעהן וועל איך אויך דורכ'ן פענסטער. ווען נישט, וועל איך חם ושלום נישט וואק־סען, כע־כע־כע.

קורץ נאָך דעם, ווי דער אלטער איז ארוים פון צימער, איז פּאוועל מעכאניש אוועקגעפאלען אויף זיין געלעגער. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צוזאמענגעהמען זיינע געדאנקען. דער קאָפּ האָט איהם געשווינדעלט, דאָס גאנצע צימער האָט זיך מיט איהם צוזא־מען געדרעהט, און אזוי איז ער געלעגען א געוויסע צייט אין א בעוואוסטלאָזען קאשמארישען צושטאנד, ביז ער איז ענדליך אריינ־געפאלען אין א טיעפען שלאָף.

XII

אין פּאלאַץ.

אין זיין הערליכען „קעניגליכען" פּאלאַץ, וואָס זינקט אין גריגם פון דעם פּראכטפולען גאָרטען הארט ביי דעם ברעג פון דער רוהיג שטראָמענדער שילקא, אין זיין שענעם, מיט קאָמפאָרט מעב־

לירטען און העל-בעלויכטענעם קאבינעט, זיצט דער סריעטיענסקער „טוז", דער אידישער „קופער-קעניג", סאמואיל לאזארעוויטש קאַלמאר.

סאמואיל לאזארעוויטש איז פאר דער לעצטער צייט עטוואָס פערעלטערט געוואָרען. אויף זיין קאָפּ און אין זיין באָרד האָבען זיך בעוויזען מעהר גרויע האָר. אויף זיין שטערען לאָזען זיך בע-מערקען א צוויי, דריי קנייטשען, אונטער זיינע אויגען זעהען זיך אָן שפּורען פון שלאָפלאָזע נעכט, און זיין זאנפט-מעלאנכאָלישער בליק קוקט אצינד מיט מעהר אומעט, און איז מעהר פערווירט, מעהר בעטריבט.

סאמואיל לאזארעוויטש זיצט אויף דעם טאבורעט פאר דעם שענעם קלאוויר און שפּיעלט די בעטהאָווענישע „מאנדשיין-סאָ-נאטע".

נישט ווייט פון קלאוויר, אין א בעקוועמען טיעפען פאָטעל, מיט א דופטיגען ציגאר אין א טייערען מונדשטוק צווישען די צייהן, זיצט סערגיי אפאנאסיעוויטש זוויעזדין מיט פערמאכטע אויגען און הערט זיך צו מיט דער טיעפסטער אויפמערקזאמקייט צו די געטליכע טענער פון בעטהאָווענס מייסטער-ווערק.

פּלוצלינג האָט סאמואיל לאזארעוויטש אויפגעהערט צו שפּיע-לען און איבער'ן צימער האָט זיך געטראָגען דאס עכאָ פון דעם נישט-פערענדיגטען אקאָרד.

— ניין, סערגיי אפאנאסיעוויטש. עס געהט נישט, עס שפּילט זיך נישט, — האָט סאמואיל לאזארעוויטש אויסגעשריען און האָט אראָבגענומען די הענד פון די קלאווישען.

סערגיי אפאנאסיעוויטש האָט אויפגעמאכט די אויגען. ער האָט אייניגע סעקונדען געקוקט ערשטוינט אויף סאמואיל לאזארעוויטש'ן און, נישט ארויסלאָזענדיג דעם מונדשטוק פון צווישען די צייהן, האָט ער ארויסגעברומט:

— הם... זאָנדערבאר.

סאמואיל לאזארעוויטש האָט נישט באלד רעאגירט אויף דעם גענעראלס לאקאָנישע בעמערקונג. ער איז לאנגזאם אויפגעשטאנען פון קלאוויר, ער איז א פּאָר מאָל געגאנגען הין און צוריק איבער'ן

קאבינעט און, בלייבענדיג שטעהן אין מיטען צימער, האָט ער זיך אָנגערופען מיט א איראָנישען שמייכעל:

— וואָס וואונדערט איהר זיך, ליבסטער סערגיי אפאנאסיע-וויטש?... אין קלוב בעהויפּטעט מען דאָך, אז איך מאַך אדורך די „צווייטע יוגענד"... און ווען א מענש פון מיינע יאָהרען מאכט דורך די דאָזיגע „געפעהרליכע קראנקהייט", איז נישט גוט מיט איהם...

סאמועל לאזארעוויטש האָט ווידער אָנגעהויבען געהן איבער'ן צימער, און דער איראָנישער שמייכעל איז נישט אראָבגעגאנגען פון זיין געזיכט .

— המ... יאָ, האָט סערגיי אפאנאסיעוויטש ווידער ארויס-געברומט נאָך איניגע סעקונדען און האָט אראָבגעשאָקעלט די אש פון ציגאר אין אשען-בעכער אויף דעם רויכער-טישעל, וואָס איז געשטאנען פאר זיין פאָטעל. — המ... יאָ. אין קלוב רעדט מען שטארק, אָבער דאָס הייסט נישט, אז מען בערעדט אייך, טייער-סטער סאמואיל לאזארעוויטש. זאָל גאָט היטען... אדרבא: מען איז אייך מקנא... מען בעוואונדערט.

— מען איז מיר מקנא דערמיט, וואָס איך, אלטער אלמן, האָב נושא-חן געווען ביי דער ציגיינערין גלאשא, וועלכע איז נישט צו-גענגליך פאר פיעל יונגערע פון מיר?... עס ווילט זיך מיר פשוט לאכען, ליבסטער פריינד.

— סאמואיל לאזארעוויטש האָט זיך געזעצט אויף א פאָטעל געגענאיבער דעם „ווירקליכען שטאאטס-ראט", ער האָט פעררויכערט א ציגאר און האָט ווייטער גערעדט:

— מערקווירדיג, ווי מענשען זענען אויבערפלעכליך און זע-העןיעדע זאַך נישט אין איהר ווירקליכען ליכט, זאָנדערן אזוי ווי זייער אייגענע פאנטאזיע דיקטירט זיי...

— וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען, סאמואיל לאזארעוויטש?

— איך וויל זאָגען, אז דער „קלוב" ערקלערט פאלש מיין בעציהונג צו גלאפירא ניקיטישנא. איך פערשטעה: דער „קלוב" וויל האָבען א פיקאנטע סענסאציע... „פריהער האָט דער יונגער קאָל-מאר געפלירטעוועט מיט דער שענער ציגיינערין, אצינד טהוט עס

דער אלטער אליין און האלט זי ביי זיך אין פּאלאַץ״.. דער „קלוב״ האָט אָבער א גראָבען טעות, און ער וועט זיך נעביך פריהער, אָדער שפּעטער, ענטטוישען.

— קאָן זיין, — האָט סערגיי אפאנאסיעוויטש זיך אָבגערופען לאַקאָניש, קוקענדיג פערשטענדליך אויף זיין אידישען פריינד.

— נישט עס „קאָן זיין״, סערגיי אפאנאסיעוויטש, נור אזוי א י ז דאָס, — האָט סאמואיל לאזארעוויטש געזאָגט מיט א טאָן וואָס דערלאָזט נישט קיין ווידערשפּרוך.

— מיר האָבען געדענקט, דאָס הייסט, מיר זענען פּשוט גע־ווען איבערצייגט, אז נאָך דעם, ווי איהר וועט התונה מאכען אייער זוהן, וועט איהר זיין טונטערער, פרעהליכער, איהר וועט מעהר קומען אין בעריהרונג מיט דער געזעלשאפט, און צום סוף...

— און צום סוף, ווילט איהר זאָגען, האָב איך זיך פערדרעהט דעם אלטען קאָפּ מיט עפּעס א ציגיינערין גלאשא און האלט זיך ווייטער צוריקגעצויגען פון געזעלשאפטליכען לעבען?... ניין, סערגיי אפאנאסיעוויטש. לאָמיר רעדען אָפענהערציג, אזוי ווי גוטע אל־טע פריינד. איך האלט זיך איצט פאר איינעם פון די גליקליכע מענ־שען. מיין איינציג קינד האָט חתונה געהאט מיט א פּערזאָן, וואָס שטייגט איבער אלע מיינע ערוואַרטונגען. ראשעל מארקאָוונא איז שען, קלוג, אינטעליגענט, און דערצו די בעשיידענהייט אליין. יאָ, בעסטער פריינד. גאָט האָט מיין גרישא׳ן צוגעשיקט א ווירדיגע לעבענס־חבר׳טע.

— פולשטענדיג אמת, סאמואיל לאזארעוויטש. ראשעל מאר־קאָוונא איז א פענאָמען, בפרט דאָ, אין סיבירער בערען־ווינקעל.

מיין הויז איז געוואָרען אויפגעלעבט. אין יעדען ווינקעל פיהלט זיך די אָנוועזענהייט פון א צערטליכער זאָרגפעלטיגער האנד. מיין מחותן, מארק באָריסאָוויטש, טראָץ דעם, וואָס דער גורל האָט איהם אזוי שווער בעשטראָפט, איז א מאן פון הויכער קולטור, מיט קלאָרע געזונדטע וועלט־אָנשויאונגען, און מיט פערגעניגען פער־ברענג איך לאנגע שעה׳ען אין זיין געזעלשאפט. גרישא זיצט איצינד מעהר אין דער היים, ווי פריהער. ער איז געוואָרען מוטיגער, ענער־גישער, לעבענס־לוסטיגער. ביי מיין טיש איז איצינד פרעהליך, לעב־

האפט. איך פיהל, אז איך האָב א פאמיליע, אז איך בין מעהר נישט אזוי עלענד, אזוי איינזאם. און דאָך...

— און דאָך?...

— און דאָך זענען פארהאן עראינערונגען, וואָס זענען ווי טראָפּען גיפט אין בעכער פון מיין גליק, און וואָס מעהר איך בע־מיה זיך צו פערטרייבען די דאָזיגע עראינערונגען און זיך פון זיי צו בעפרייען. אלץ מעהר צודרינגלעך זענען זיי, אלץ טרויעריגער זענען די געדאנקען, וואָס זיי רופען אין מיר ארויס.

— דאָס זענען דאָך אָבער אייערע כראָנישע ליידען, ליבסטער סאמואיל לאזארעוויטש.

— אמת, נור איצט זענען זיי העפטיגער, פיהלבארער, שמערצליכער...

— און וואָס איז די סיבה?

— ג ל א ש א . . .

— דאָך גלאשא? — האָט זוויעזדין געפרעגט און האָט דער־ביי אָנגעקוקט קאָלמאר'ן מיט א פיעלבעדייטענדען בליק.

— יאָ... פארהאן מאָמענטען, ווען איך פרעג ביי זיך: צו וועלכע גוטע יאָהר האָב איך ארייגעגנומען אין מיין הויז אָט דעם בלוט-פרעמדען עלעמענט, וואָס רייצט מיין אלטע וואונד און רופט ארויס אין שטאָדט וועגען מיר פאלשע קליאטשערייען?... און עס גע־ניגט, אז גלאשא זאָל אין אזא מאָמענט ערשיינען פאר מיינע אוי־גען מיט איהר זאנפטען קוק, מיט איהר זיסען שמייכעל, מיט איהר צארטער שטים, מיט איהר גראציעזער געשטאלט, און איך בין ענט־וואָפּענט, און אין מיר ערוואכט א זאָנדערבאר געפיהל...

— און ווי אזוי ערקלערט איהר דאָס דאָזיגע געפיהל?

— איך וויים נישט. איך בעגרייף דאָס נישט, איך קאָן דאָס נישט בעצייכענען. דאָס געפיהל בלייבט פאר מיר א רעטעניש.

— המ... יאָ. דאָס איז זאָנדערבאר.

— צי עראינערט איהר זיך, טייערסטער סערגיי אפאנאסיע־וויטש, די פראגע, וועלכע איהר האָט בעוויליגט מיר צו שטעלען מיט א געוויסער צייט צוריק, ווען איך האָב אייך בעוויזען די שקא־

טולקע מיט דער פאָטאָגראַפיע פון מיין אונפערגעסליכער יוסטינאַ?

— אויב איך געדענק? געוויס געדענק איך. איהר האָט אפילו דאַמאָלס בעוויליגט זיך צו בעליידיגען: ס'טייטש? ווי קום איך צו געפינען א עהנליכקייט „צווישען דעם איידעלען קינד פון א רייכען אריסטאָקראַטישען איד, און דער טאָכטער פון וואנדערנדע, היימלאָזע ציגיינער?"...

— מוז איך מודה זיין, אז די דאָזיגע עהנליכקייט האָט מיך א שלאָג געטהון. ווען איך האָב דערזעהען גלאשא'ן צום ערשטען מאָל, און די דאָזיגע עהנליכקייט פערפאָלגט מיך טאָג אין נאַכט. און רופט אין מיר ארויס עראינערונגען און געדאנקען, וואָס רויבען מיין רוה און פערגיפטען מיין גליק.

— און ווי לאנג קאָן דאָס אזוי דויערען?

— ווייס איך?... דאָס אָנדענקען פון מיין אָרים טויבעלע, פון מיין אזוי יונג און אזוי מארטירעריש אומגעקומענער ניזענקע, לעבט אין מיין הארץ שוין איבער צוואנציג יאָהר. נור אָט די לעצטע צייט, א דאנק גלאשא'ס אָנוועזענהייט אין מיין הויז, איז אָט די טרויעריגע עראינערונג געוואָרען ווי אָבגעפרישט, ווי שארפער, ווי שמערצהאפטער.

— הם... יאָ. א מערקווירדיג צוזאמענטרעפען פון געפיהלען, — האָט פילאָזאָפיש בעמערקט סערגיי אפאנאסיעוויטש, זיצענדיג בעקוועם אין פאָטעל און קוקענדיג אויף די רענגלעך רויך פון דעם ציגאר, וואָס האָבען זיך פאנטאסטיש געשלענגעלט אין דער לופט ביז זיי זענען געכצליך פערניכטעט געוואָרען. — הם... יאָ. א לאנגע... אָבער ווי לאנג קאָן דאָס דויערען?

— דאָס ווייסט איין גאָט אין הימעל.

ביידע פריינד, דער רוסישער „ווירקליכער שטאאטס-ראט", און דער אידישער „קופער-קעניג", האָבען א געוויסע צייט געשוויגען. סאמואיל לאזארעוויטש איז געגאנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, וועהרענד סערגיי אפאנאסיעוויטש איז זיך געזעסען געמיטליך אין פאָטעל, נישט ארויסלאָזענדיג דעם מונדשטוק פון צווישען די ציינער.

— המ... יאָ! — האָט דער גענעראַל פּלוצלינג ארויסגעברומט מיט א שטארקען אקצענט, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען דער רע־זולטאט פון זיין לאנגען נאָכדענקען. דערביי האָט ער פון זיין וועסט־טאש ארויסגענומען א מאסיווען גאָלדענעם כראָנאָמעטער, אין וועלכען ער האָט אָנגעדרוקט די געהעריגע ספּרענזשינע, און ווען דער כראָנאָמעטער האָט מיט זיין צארטען קלאנג אָבגעשלאָ־גען צעהן מאָל, האָט ער צוגעגעבען:

— אָט בין איך זיך פערזעסען. שוין צעהן א זייגער, סאמו־איל לאזארעוויטש. צייט צו געהן אין קלוב.

— זיצט נאָך, ליבסטער סערגיי אפאנאסיעוויטש, — האָט דער „קופּער־קעניג" זיך אָבגערופען מיט א בעטענדען טאָן. — אין קלוב וועט איהר גאָרנישט פערשפּעטיגען, און מיר איז אזוי שווער אויפ'ן הארץ, ווען איך בלייב אליין מיט מיינע געדאנקען... אפשר וועט איהר עפּעס טרינקען?

— ניין סאמואיל לאזארעוויטש. איך דאנק.

סאמואיל לאזארעוויטש האָט פעררויכערט זיין ליולקע מיט דעם לאנגען ציבוק: ער האָט זיך אראָבגעלאָזט אויף א פאָטעל ענט־קעגען זיין פריינד און האָט געזאָגט:

— ווען אונז טהוט עפּעס וועה, ווילט זיך וועגען דעם רעדען, דערצעהלען און אזוי ארום לייכטער מאכען אונזער שמערץ...

— המ... יאָ.

— איך, ליידער, האָב נישט פאר וועמען אויסצוגיסען מיין אָנגעווערהטאָגט הארץ. מיין יונגווארג איז נאָר־וואָס נאָך דער חתונה. זיי זענען אזוי גליקליך, אזוי צופרידען, אזוי לוסטיג, האָב איך קיין רעכט נישט, צו בעטריבען זייערע „האָניג־טעג". מיין מחותן ווידער, דער אונגליקליכער בלינדער, האָט גענוג זיינע איי־גענע טרויעריגע ערפאַנערונגען, אין וועלכע ער איז כסדר פער־זונקען, היינט ווי מאָר איך איהם נאָך שמערץ פערשאפען מיט מיין ביטער הארץ? דעריבער בין איך דאנקבאר דעם גוטען פריינד, פאר וועמען איך קאָן זיך ווי עס איז פון הארצען אָברעדען.

— אויב אזוי בין איך בערייט דאָ זיצען און אויסהערען אייך

אזוי לאנג, ווי איך איז ליעב, — האָט דער גענעראַל גרויסמוטיג געענטפערט.

— געוועזן דאָ אין סריעטיענסק א ווירדיגער אַלטיטשקער, צו וועמען איך פלעג אריינפאַלען פון צייט צו צייט אין שווערע דריקענדע מינוטען אויסצורעדען מיין צער, און נאָך זיינע קורצע פרומע טרייסט-ווערטער פלעגט מיר אויף א געוויסע צייט לייכטער ווערען, און א פונק פון האָפנונג האָט אין מיין נשמה אויפגעגליהט — לעבט ער אָבער שוין נישט אָט דער דאָזיגער הייליגער מאַן. אוי פעהלט ער מיר אצינד, טייערער סערגיי אפאַנאסיעוויטש...

— ווער איז ער דען געווען? האָב איך איהם נישט געקענט?

— דאָס איז געווען אַנ'אדמיניסטראַטיווער פערשיקטער קליינשטעדטעלדיגער רב פון קעניגרייך פוילען. ער איז נפטר געוואָרען מיט א צוויי יאָהר צוריק, דאָס הייסט, איידער איהר האָט דאָ פערנומען אייער אמט.

לאנג האָט ער דאָ געוואוינט אין סריעטיענסק?

— א יאָהר זעבצעהן. פריהער האָט ער געוואוינט אין אָמסק א לאַנגע צייט, און צוליעב א מסירה פון דער אָמסקער אָבראַנאַ, איז פון פעטערבורג אָנגעקומען א בעפעהל, ער זאָל פערשיקט ווערען אזש אהער. ווען ער איז צו אונז אָנגעקומען איז ער שוין געווען א טיעפער זקן. א מאַן פון קנאַפּע אכציג יאָהר, נור א קלוגער, קלאָרער קאָפּ איז דאָס געווען, א'אמת'ער צדיק, א תמים, א הייליגער, זכרונו לברכה...

— און פאַרוואָס איז ער פערשיקט געוואָרען? — האָט סערגיי אפאַנאסיעוויטש געפרעגט מיט א געוויסער נייגעריגקייט.

— פאַר זיין עהרליכקייט, פאַר זיין תמימות. פאַר דעם, וואָס ער האָט נישט גערעדט אנדערש, ווי ער האָט געדענקט.

— איך פערשטעה אייך נישט, סאַמואיל לאַזאַרעוויטש.

— אָט וועל איך אייך ערקלערען.

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש האָט פערדרייכערט די אויסגעלאָשענע ליולקע און האָט פאָרטגעזעצט:

— געוועזן איז דאָס נאָך דעם, ווי אלעקסאנדער דער דריטער האָט איבערגענומען די ממשלה נאָך זיין ערמאָרדעטען פאָטער, און אין לאנד האָבען זיך פערשטארקט די רעפּרעסיעס געגען יעדען איינציגען, וואָס איז געווען פערדעכטיג אין פּאָליטישער אונצופערלעסיגקייט, בעזונדערס אָבער געגען פּאָליאַקען און אידען.

— יאָ. דאָס איז איינס פון די טרויעריגסטע קאפּיטלעך אין דער געשיכטע פון אונזער פאָטערלאנד. די צאָהל פון אדמיניסטראטיווע פערשיקטע איז אין יענער צייט געשטיגען פון טאָג צו טאָג אויף א סקאנדאליעזען אופן.

— און נאָך מעהר: פון אלע פּאָליטישע ארעסטירטע און פון אלע פּאָליטישע פערשיקטע האָט די מאכט געפאָדערט, אז זיי זאָלען אָבגעבען די שבועה פון טרייהייט דעם צאר אלעקסאנדער דעם דריטען, און דער, וואָס האָט זיך פערעקשנ׳ט און האָט די דאָזיגע שבועה נישט געוואָלט אָבגעבען, ווייל דאָס איז געווען געגען זיין געוויסען און געגען זיינע טיעפסטע איבערצייגונגען, איז איהם די שטראָף בעדייטענד מעהר פערשטארקט און פערלענגערט געוואָרען.

— יאָ. דאָס איז געווען דער אויפטהו פון דעם טרויעריג-בעריהמטען אויבער-פּראָקוראָר פון דעם הייליגען סינאָד, פון פּאָביעדאנאסצעוו׳ן. דאָס איז געווען אַנ׳אונווירדיגע פּראָוואָקאציע. אָבער וואָס פאר א שייכות האָט דאָס מיט דעם גורל פון אייער אלטיטשקען רבי?

— אָט וועט איהר הערען: אייך איז מן הסתם בעוואוסט, אז יעדע אידישע קהלה אין דער „טשערטא אָסיעדלאָסטי” האָט צוויי רבנים, א „קאזיאָנעם” און א „דוכאָוונעם”, און יעדער פון זיי האָט זיינע בעזונדערע פונקציעס, זיין בעזונדערען רעסאָרט, ווערענד די אידישע קהלות אין קעניגרייך פּוילען האָבען געוועהנליך נור איין רב, און ער איז אָנערקענט פון דער מאכט סיי אלס גייסטליכער און סיי אלס רעגירונגס-ראבינער.

— יאָ, דאָס איז מיר בעקאַנט.

— מאכט זיך א מעשה, אז אין דעם פּאָוויאטאָווען שטעדטעל, וואו דער דערמאָהנטער אלטער, זכרונו לברכה, ר׳ יואל האָט

מען איהם גערופען, איז געווען רב, זענען געזעסען אין דער תפיסה אַ פּאָר אידישע יונגעלייט, אויף וועלכע עס איז געפאלען אַ חשד, אז זיי בעטייליגען זיך אין דער בעפרייאונגס-בעוועגונג פון די פּוי-לישע רעוואָלוציאָנערען. בעקומט דער רב צוגעשיקט אַ „בומאגע" מיט אַ אויפפאָדערונג, ער זאָל אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה קומען אין דער קאַנצעלאריע פון דער טורמע, וואו ער וועט אָבנעהמען ביי די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַ שבועה אויף טרייע אונטערטאַנשאַפט. אין דער אָנגעגעבענער שעה האָבען דעם רב שוין אָבגעוואַרט אין דער קאַנצעלאַריע דער פּאָוויאַט-שעף, דער שעף פון דער אָרטיגער אָכראַנאַ און עטליכע זשאַנדאַרמען, און באלד נאָכדעם, ווי דער רב איז אָנגעקומען אין דער בעגלייטונג פון זיין שמש, וועלכער האָט איהם נאָכגעטראָגען די הייליגע ביבעל, האָט מען אונטער אַ שטאַרקע וואַך ארייגעפיהרט די דריי פּאָליטישע אַרעסטאַנטען.

„— זייט אזוי גוט, יונגע לייט, — האָט זיך דער רב געווענ-דעט צו די אַרעסטאַנטען, — לעגט אַרויף יעדער אויף אונזער היי-ליגען ספר צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנד, און זאָגט נאָך מיר די ווערטער פון דער שבועה.

„— מיר ווילען פריהער וויסען, רבי, וואָס איז דער אינהאלט פון דער דאָזיגער שבועה? — האָט זיך אָנגערופען איינער פון זיי, דער יונגסטער.

„— דער אינהאַלט פון דער שבועה איז, צו זיין אַ טרייער אונטערטהאַן דעם פון גאָט געזאַלבטען צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטען און...

„— וועלען מיר נישט שווערען, — האָבען רוהיג, אָבער קאַ-טעגאָריש, ארויסגעזאָגט אַלע דריי מיטאמאָל נאָך איידער דער רב האָט געענדיגט.

„— די געזעצליכע מאכט פאָדערט אָבער, איהר זאָלט יאָ שווערען.

„— מיר וועלען נישט שווערען, — האָבען די יונגע לייט איבערגעחזר'ט מיט א פעסטער ענטשלאָסענהייט.

— דער רב האָט א קוש געטהון די ביבעל, ער האָט זי פער-

מאכט און צוריק איבערגעגעבען דעם שמש, ווענדענדיג זיך דערביי צו די פאַרשטעהער פון דער מאכט מיט א קורצער מעלדונג, אז די ארעסטירטע זאָגען זיך אָב פון צו שווערען. עס איז צונויפגע־שטעלט געוואָרען א ענטשפּרעכענדער פּראָטאָקאָל, די דריי אידען זענען אָבגעפיהרט געוואָרען צוריק אין דער תפיסה, און דער שעף פון דער אָכראנא האָט זיך געווענדעט צום רב מיט פאָלגענדער פראגע:

„— ערקלערט אונז, רבי, פארוואָס האָט איהר זיך נישט געגעבען די מיה, צו ווירקען אויף די דריי יונגעלייט, אז זיי זאָלען יאָ שווערען?

„— גאנץ פּשוט, — האָט דער רב געענטפערט מיט זיין אויפריכטיגער און אייגענטימליכער תמימות, — ווייל דאָס וואָלט געווען אָדער אנ׳א ו מ ז י ס ט ע, אָדער א פאַלשע שבועה.

— נאַטשאלסטוואָ האָט זיך געגענזייטיג אָנגעקוקט פערוואונ־דערט און דער פּאָוויאט־שעף האָט זיך אָנגערופען:

„— מיר פערשטעהען אייך נישט, רבי.

„— אָט וועל איך אייך ערקלערען. ממה נפשך, וועט אונ־זער מאָנארך זיין א מלאָך חסד פאר אלע פעלקער פון זיין גרויסער מדינה, וועט יעדער איינציגער איהם זיין א טרייער אונטערטהאַן אפילו אָ ה ן דער שבועה. וועט אָבער זיין מאיעסטעט, חס וחלילה, נישט גלייך בעהאנדלען אלע זיינע אונטערגעגעבענע, וועלען זיך אָט אזעלכע היץ־קעפּ נישט רעכענען מיט דער אָבגעגעבענער שבועה און וועלען אויף איהר עובר זיין... צוליעב דעם טעם האָב איך נישט געפונען פאר נויטיג, צו ווירקען אויף די דריי ארעסטירטע, אז זיי זאָלען יאָ שווערען...

— נאַטשאלסטוואָ האָט באלד דערטראָגען דעם גובערנאַטאָר דעם רב׳ס ענטפער, צוגעבענדיג דערביי זייער אייגענעם בייזוויליגען פירוש. דער גובערנאַטאָר האָט דאָס איבערגעשיקט דעם וואר־שעווער גענעראל־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיך באלד וועגען דעם ענין פערשטענדיגט מיט פּעטערבורג. דאָרט אין פּעטערבורג, הייסט עס, האָט מען דעם אלטען, גאָט די נשמה שולדיגען, רב אנערקענט

פאר א „שערליכען קראמאַלניק" און ער איז פערשיקט געוואָרען קיין אָמסק אויף פינף יאָהר.

— און וואָס פאר א פערברעכען איז דער דאָזיגער „שער־ליכער קראמאַלניק" בעגאנגען אין אָמסק? — האָט סערגיי אפאַ־נאסיעוויטש געפרעגט, לאכענדיג הערצליך ביי די ווערטער „שער־ליכער קראמאַלניק", וועלכע ער האָט איראָניש אקצענטירט.

— אין אָמסק האָט ער נעבעך א לאנגע צייט ממש געהונ־גערט. מיט זיין פראָפעסיע, דאָס הייסט, לערנען אידישע קינדער, זאָגען א דרשה, פסקנ'ען א שאלה אָדער א דין־תורה, האָט ער זיך נישט געטאָרט בעשעפטיגען, ווייל דאָס איז איהם געווען פערווערט דורך דעם „פערשיקונגס־סטאטוט". האָט ער זיך אזוי אָבגע־קוועהלט א פאָר יאָהר און האָט געלעבט אין דחקות מיט די דריי קארבען א חודש, וואָס די פאָליציי האָט איהם אויסגעצאָהלט, און מיט די אָבגעשפארטע אויסגעבעטעלטע גראָשענס, וואָס זיין אל־טיטשקע האָט איהם צוגעשיקט פון צייט צו צייט פון דערהיים, וואו זי איז נעבעך איבערגעבליבען אויף גרויסע צרות. מיט דער צייט אָבער, ווען די נויט איז פשוט געוואָרען אונערטרעגליך און זיין שוואכער קערפער איז שוין געווען אינגאנצען ערשעפט און צובראָכען, האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדען פון די אָמסקער אי־דישע כלל־טהוער, און האָט יעדען זונטאָג גע'דרשנ'ט אין דער שוהל פאר א עדה אידען, און איז דערפאר גוט בעלויהנט געוואָ־רען. האָט זיך אָבער געפונען אין אָמסק א „פסו־בראט", א משומד, א פערקויפטע נשמה, האָט ער וועגען דעם „שרעקליכען חטא" דער־טראָגען דער זשאנדארמעריע, דער אָכראנא, הייסט עס, די זשאנ־דארמעריע האָט וועגען דעם אוועקגעשיקט א שארפען ראפּאָרט צום פאָליציי־דעפּארטאמענט אין דער הויפּט־שטאָדט, פון וואנען עס איז ווידער אָנגעקומען א שטרענגע מיניסטעריעלע פעראָרדנונג, אז דער אדמיניסטראטיווער פּאָליטישער פערשיקטער, דער געוועזענער רב, יואל מאיאָוו גוטנער, פאר עובר זיין אויף די געזעצליכע פאָרשריפטען פון דעם „פערשיקונגס־סטאטוט" זאָל בעשטראָפט ווערען מיט דריי חדשים טורמע, און דערנאָך זאָל ער פערשיקט

ווערען אָהן א טערמין אין דער סטאַניצא סריעטיענסק אין טראַנס־בייקאַלער פּראָווינץ.

— המ... יאָ. די זשאַנדאַרמעריע האָט געקעמפּט, קלוג גע־קעמפּט, העלדיש געקעמפּט, כע, כע — האָט סערגיי אפאנאסיע־וויטש בעמערקט.

— מיינער א ידיד, א אַנגעזעהענער אָמסקער סוחר, האָט מיר בעצייטענס מיטגעטיילט וועגען אָט דעם עמפּערענדען פּאַקט, — האָט דער „קופּער־קעניג" ווייטער דערצעהלט. — האָב איך מיט דער פערשטענדליכער פעראינטערעסירונג אָבגעוואַרט דעם אָרעמען אַלטען, און באַלד, ווי ער איז אהער אָנגעקומען, האָב איך איהם גענומען אונטער מיינע פליגעל... איך האָב אויסגעפועלט אַנ־ערלויבניש און האָב אהער אראָבגעבראַכט זיין ווייב. איך האָב פאַר זיי אָבגעדונגען אָט טאַקי דאָס זעלבע הייזעל. וואָס איך האָב לעצטענס אָבגעקויפט פאַר מאַרק באָריסאָוויטש'ען, ווען עס איז איהם ערלויבט געוואָרען איבערפאָהרען אהער פון באַיאַן. איך האָב זיי געגעבען אויף חיונה בהרחבה, האָבען מיר, סריעטיענסקער אי־דען, געהאַט א שענעם רב, און זיי, דאָס אַלטע פּאָר־פּאָלק, הייסט עס, האָבען זיך אַזוי אָבגעלעבט רוהיג זעהר ביסעל יאָהרען.

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש איז שטיל געבליבען אויף א קורצער ווייל און האָט באַלד ווייטער אָנגעהויבען מיט א גערירהרטען, ענ־וואָס אויפגערעגטען קול:

— קיינמאָל וועל איך נישט פערגעסען דעם בעהאַרצטען טאָן, מיט וועלכען אָט דער „שעדליכער קראַמאָלניק" האָט מיר צום ערשטען מאָל געשטעלט די פראַגע:

„— פאַניע קאָלמאַר, איך מערק אויף אייער פּנים אַ שטאַר־קע עצבות, א טיעפע אבילות, בעדאַרף איך אייך פרעגען: וואָס איז די סיבה דערפון?

— די דאָזיגע איינפאַכע ווערטער זענען ארויסגעזאָגט געוואָ־רען מיט אזוי פיעל מיטגעפיהל, מיט אזוי פיעל צערטליכקייט און זאַנפטקייט, אז מיר האָט זיך אויף א ווײַלע אויסגעדאַכט, אז דאָס איז פּלוצלינג אויפגעשטאַנען פון קבר מיין זעליגע מוטער און אז דאָס האָט זי מיר פערגעבען די דאָזיגע פראַגע, אַזוי גערירהרט בין

איך דאמאָלס געוועז, און געגען מיין ווילען זענען פון מיינע אוי־גען ארויסגעפאלען צוויי טרערן.

„— איהר וועט מיר מוחל זיין, פאניע קאַלמאר, — האָט זיך דער רב אויגענבליקליך ענטשולדיגט. — איך האָב חס וחלילה, נישט געהאט בדעה צו פערשאפען אייך עגמת-נפש...

„— אדרבה, רבי, — האָב איך זיך אָבגערופען און האָב א קוש געגעבען זיין קליינע, צארטע און אויסגעצעהרטע האנד. — אדרבה, איך בין אייך העכסט דאנקבאר פאר אייער פראגע, און וועל אייך אויך איהר ענטפערען.

— מיט דער טיעפסטער אויפמערקזאמקייט האָט דער געט־ליכער אלטער אויסגעהערט מיין ערצעהלונג וועגען מיין פערגאנ־גענהייט און וועגען דעם גרויסען אומגליק, וואָס עס האָט אונז גע־טראָפען, און ווען איך האָב געענדיגט, האָט ער זיך אָנגערופען, נישט אויפהויבענדיג די אויגען פון דעם הייליגען ספר, וואָס עס איז פאר איהם געלעגען אָפען:

„— אצינד פערשטעה איך אייער עצבות און אייער פער־בימערט הארץ... נאָר זאָגט מיר, פאניע קאלמאר, האָט איהר גע־זעהען מיט אייערע אויגען, ווי אייער קינד איז אומגעקומען אין די פלאמען?

„— ניין, רבי, — האָב איך געענטפערט, און א אונעבגרייפ־ליכע ציטערניש האָט מיך פלוצלינג ערגריפען. — ווען די שרפה איז אויסגעבראָכען, בין איך געווען אין מיין שוועהרס וואלד, און ווען איך בין אָנגעקומען אין שטאָדט, איז שוין געווען נאָך דער קאטאסטראָפע.

— האָט ווער עס איז פון אייערע אייגענע אָדער פון די שטאָדט-לייט געזעהען, ווי דאָס קינד איז נעבעך אומגעקומען?

„— ניין, רבי. דאָס האָט קיינער נישט געזעהען. מען האָט נאָר געפונען די אש און די פערקויהלטע ביינדלעך פון די אומגעקו־מענע עופה'לעך, — האָב איך געענטפערט, און נאָך אצינד פיהל איך דעם פראָסט, וואָס האָט דאמאָלס אדורכגענומען אלע מיינע גלידער...

„— איהר זאָגט, פאניע קאַלמאר, אז א חוץ דעם קרבן פון

דער שרפה האָט איהר אויף יענעם בית-עולם מקבר געווען נאָך פיער קינדערלעך, נישט פאר קיין אידען געדאכט?

„— יאָ, רבי. אין נאָך פיער קברים'לעך רוהען דאָרט, נאָך פיער עופה'לעך מיינע.

.— טרויערט איהר נאָך יענע פיער נשמה'לעך אויך אָהן אנ'-אויפהער, פונקט אזוי ווי נאָך דעם טעכטערל גיזעלא?

„— ניין, רבי. גאָט זאָל מיר דאָס נישט רעכענען פאר א זינד. איך האָב שוין כמעט פערגעסען, ווי אזוי יענע פיער קינדער האָבען אויסגעזעהען. איך פלאָנטער זיך זאָגאר אין זייערע נעמען, נאָר איין גיזענקע געהט נישט ארויס פון מיין זכרון, און איהר גע-שטאַלט שטעהט שטענדיג פאר מיינע אויגען...

— דער רב האָט לאנגזאם אויפגעהויבען דעם גרייז-גראָהען קאָפּ פון דעם ספר, ער האָט אויף מיין געזיכט אָנגעשטעלט זיינע זאנפטע, אָבער דורכדרינגענדע אויגען, ער האָט מיך אזוי אָנגע-קוקט, שווייגענד, עטליכע סעקונדען, ביז ער האָט זיך ענדליך אָנ-גערופען מיט א קול, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט א פעסטע צווייפעללאָזע איבערצייגענדקייט און א טיפער פרומער גלויבען, בזו הלשון:

„— אויב אזוי, ר' שמואל, איז אייער טאָכטער גיזעלא נישט אומגעקומען... אייער טאָכטער גיזעלא לעבט...

„— וואָס? — האָב איך קוים געקאָנט ארויסרעדען און איך האָב געפיהלט, ווי מיין געזיכט האָט פּלוצלינג בעדעקט א קאַל-טער שוויים און א טויטע בלאסקייט.

„— אייער טאָכטער גיזעלא לעבט, — האָט דער רב איבער-געחזר'ט מיט דער זעלבער שטימע, און זיין אויסגעמאטערט גע-זיכט האָט אינגאנצען געשטראהלט, ווי דאָס געזיכט פון א געטלי-כען נביא.

— דאָס איז אינטערעסאנט. המ... יאָ. זעהר אינטערע-סאנט, — האָט זיך אָנגערופען דער „ווירקליכער שטאאטס-ראט".

— טייערסטער סערגיי אפאנאסיעוויטש, — האָט דער „קו-פער-קעניג" אויסגעשריען אַנ'עקזאַלטירטער פון דער מערקווירדיגער עראינערונג. — ווען איך וואָלט די זעלבע ווערטער געהערט

פון סתם עפּעס אַ בעקאַנטען, וואָלט איך עמפּערט געוואָרען, איך וואָלט אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ בלוט-שונא, וואָס טהוט שפּאָטען פון מיינע הייליגסטע ליידען און גיסט בוימאייל אויף דאָס פייער פון מיין פערוואונדעטע הארץ... פון דעם זעליגען רב'ס ליפּען אָבער, זכרונו לברכה, זענען יענע וואונדערבארע ווערטער ארויס-געגאַנגען מיט אַזאַ איבערציינגענדער פּרומקייט, מיט אַזאַ ריינהער-ציגער תמימות, פּונקט ווי דער אַלמעכטיגער גאָט אַליין וואָלט גע-רעדט מיט זיינע ליפּען, און, איינזאַפּענדיג מיין ברייט אויסגעשטאַר-טע אויגען אין רב'ס בעגייסטערט געזיכט האָב איך נישט ארויס-גערעדט, זאָנדערן איך האָב מיט ציטערנדע ליפּען ארויסגעשטאַ-מעלט:

,,— מיין קינד... מיין גיזענקע... לעבט, רבי?...

,,— יאָ, ר' שמואל קאַלמאַר. דער אויבערשטער האָט משמעות דאַמאָלס בעוויזען אַ וואונדער, און אייער קינד איז ארויס מיט דעם לעבען. און מיינט נישט, פּאַניע קאַלמאַר, אַז איך בין אַ נביא, אַז איך זאָג דאָס אייך מיט רוח-הקודש. אָ, ניין. איך בין אַ פּשוט'ער בשר ודם, אַזוי ווי אַלע אַנדערע אידען. נאָר איך זאָג דאָס אייך אויף דעם יסוד פון די ווערטער פון אונזערע הייליגע חז"ל, אין וועלכע איך גלויב באמונה שלמה... אַ בר-מינן מוז פער-געסען ווערען, און אַ לעבעדיגער ווערט קיינמאָל נישט פערגעסען. אַזוי זאָגען אונזערע חכמים. צו אַ לעבעדיגען פיהלען מיר שטענ-דיג אין אונזער הארץ אַ פערבאָרגענע בענקשאַפט אפילו דאַמאָלס, ווען ער איז ווייט פון אונז, אפילו דאַמאָלס, ווען מיר האָבען וועגען איהם קיין שום ידיעה נישט, און מיר האָבען אַ גרונד צו דענקען, אַז ער איז שוין לאַנג אויף דעם עולם האמת. יאָ, פּאַניע קאַלמאַר. יענע פיער קינדערלעך אייערע געפינען זיך אונטער דעם אַלמעכ-טיגענס פליגעל, דעריבער האָט איהר זיי שוין כמעט ווי פערגעסען, ווערענד אייער טאָכטער גיזעלאַ לעבט, און דעריבער הערט איהר נישט אויף נאָך איהר צו טרויערען, פּונקט אַזוי ווי יעקב אבינו האָט נישט אויפגעהערט צו טרויערען נאָך זיין זוהן יוסף. וועלכן ער האָט גערעכענט פאַר אַ אומגעקומענעם דורך אַ מיתה-משונה,

ביז ער האָט איהם ענדליך געהאלזט און געקושט ווי א גרויסען שר־ווי א משנה למלך...

— ביז היינטיגען טאָג קאָן איך מיר נישט אָבגעבען קיין דין וחשבון פון דעם, וואָס מיט מיר איז דאמאָלס פּאָרגעקומען, פון מיין דאמאָלסדיגען זעעלען־צושטאנד. אין מיין מוח איז פּלוצ־לינג ענטשטאנען א ווירוואר, דאָס בלוט האָט אָנגעהויבען משונה׳־דיג פּולסירען אין מיינע אָדערען, דאָס הארץ האָט ווילד געפּויקט אין מיין ברוסט, איך האָב געוויינט און געלאכט, געלאכט און גע־וויינט, און האָב קיין וואָרט נישט געקאָנט ארויסרעדען.

— בערוהיגט אייך, ר׳ שמואל, שטארקט אייך און בערוהיגט אייך, — האָט מיר דער הייליגער מאן געבעטען און האָט געגלעט מיין האנד מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליכער, ממש פּאָטערליכער צערט־ליכקייט. — איך האָב דאָך נישט געמיינט, חס וחלילה, אייך צו פערשאפען צער... אדרבה, איך האָב געמיינט צו ערוועקען און שטארקען אין אייך דעם בטחון, אז איהר וועט נאָך מיט דעם אויבערשטענס הילף זוכה זיין צו האלזען און קושען אייער טאָכ־טער...

— אָבער, רבי, ווי אזוי איז דאָס מעגליך? ווי אזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אז זי זאָל האָבען ניצול געוואָרען פון דעם ים פייער? זי איז דאָך נאָך געווען כמעט א זויג קינד... זי איז דאָך נאָך קיין גאנצע צוויי יאָהר נישט אלט געווען...

— ביי דעם רבונו של עולם איז אלץ מעגליך... זיינע דרכים זיינען העכער און טיעפער פון אונזער פערשטאנד...

— און וואו קאָן זי זיין?... וואו לעבט זי? ווי אזוי לעבט זי, רבי?

— דאָס ווייס איך נישט, פאניע קאָלמאר. איך בין נישט קיין נביא און נישט קיין מאן פון רוח הקודש. איך בין א פשוט׳ער איד, וועלכער גלויבט הייליג אין אלץ, וואָס עס איז געזאָגט גע־וואָרען אין אונזערע הייליגע ספרים, און די דאָזיגע אמונה זאָגט מיר, אז אייער טאָכטער לעבט, ווייל ווען נישט, חס וחלילה, וואָלט אייער בענקשאפט נאָך איהר נישט געדויערט אָהן אַנ׳אויפהער.

— ווייסט איהר, ליבער פריינד, ווי אזוי די פּסיכישע ווי־

סענשאפט רופט אָן די לעצטע צייט אזא זעעלען-צושטאנד ווי אייע־רער? — האָט סערגיי אפאנאסיעוויטש פּלוצלינג געפרעגט מיט א מינע פון אנ׳אויטאָריטעט.

— ניין, ווערטעסטער סערגיי אפאנאסיעוויטש.

— „טע-לע-פּאטיע״, ליעבסטער. טעלעפּאטיע... דאָס איז א נייער טערמין אין דער פּסיכישער וויסענשאפט פון דער לעצטער צייט. איך מיין דערמיט צו זאָגן, אז אייער רב איז מיט זיין נאַ־איווען גלויבען איז אלץ, וואָס עס שטעהט געשריבען אין תלמוד, געקומען צו דער זעלבער בעהויפּטונג, צו וועלכער עס זענען געקו־מען גרויסע פּסיכאָלאָגען נאָך פיעליעריגע שטודיען.

— קאָן זיין, סערגיי אפאנאסיעוויטש. איך האָב קיין שום בע־גריף נישט אין דער דאָזיגער וויסענשאפט. איך קאָן אייך נור פער־זיכערען, אז דעם רב׳ס בעהויפּטונג האָט אויף מיר געמאכט א שטארקען רושם און האָט ארויסגערופען א איבערקעהרעניש אין מיין אינערליכער וועלט. איך האָב אויפגעהערט בעוויינען מיין גי־זענקע. איך האָב זיך בעמיהט צו גלויבען, אז גיזענקע לעבט. דער לאַנגיעהריגער טיפער טרויער איז אין מיר פערוואנדעלט געוואָרען אין א שטילע האָפנונג, אין א נאָגענדע בענקשאפט, און אין מיין מוח האָבען זיך געפּלאָנטערט די פראגען: „וואו איז מיין גיזענקע? ווי אזוי לעבט זי? מיט וועמען לעבט זי? וועל איך נאָך ווירקליך זוכה זיין צו האלזען און קושען מיין קינד, אזוי ווי דער געטליכער אלטער זאָגט פאָראויס?״ איך בין געוואָרען אנ׳אָפטער גאסט אין דעם הייזעל, וואו דאָס אלטע פּאָר-פאָלק האָט געוואוינט. איך האָב געשעפּט קראפט און מוט אין דעם אלטיטשקענס טרייסט-ווער־טער. ווען ער איז נפטר געוואָרען האָב איך געוויינט, ווי א זוהן נאָך א טייערען פאָטער. איך האָב געפיהלט, אז ער איז מיר אָבגע־שטאָרבען, אז מיר וועלען פעהלען זיינע גוטע, קלוגע, ערמוטיגענדע רייד, און ,ווירקליך, עס איז אוועק א געוויסע צייט נאָך זיין טויט, און דער ביטערער יאוש האָט מיך ווידער ארומגענומען, דער פונק פון האָפנונג איז אויסגעלאָשען געוואָרען און איך האָב אויפסניי אָנגעהויבען זעהען די אש און די פערקויהלטע ביינדעלעך פון מיין אומגעקומענער גיזענקע... נור אָט דאָ, די לעצטע טעג, האָבען אין

מיר ווידער אָנגעהויבען רעדען דעם אַלטענס ווערטער און איך האָב ווידער אָנגעהויבען גלויבען און האָפען.

אונטער דעם איינפלוס פון גלאשא׳ס אָנוועזענהייט?...

— יאָ, סערגיי אפאנאסיעוויטש... זייט גלאשא האָט בעטרעטען די שוועל פון מיין פאלאץ פיהל איך ווידער א איבערקעהרעניש אין מיין אינערליכער וועלט...

— המ, יאָ... דאָס איז מערקווירדיג.

— האָט איהר דאָ ביי מיר שוין געזעהען גלאשא׳ן, סערגיי אפאנאסיעוויטש?

— ניין, סאמואיל לאזארעוויטש. איך האָב נאָך נישט געהאט דאָס פערגעניגען.

— גרישא פערזיכערט, אז זי האָט זיך פערענדערט נישט צום דערקענען. דאָס איז נישט מעהר די ווילד-לוסטיגע גלאשא פון „ארקאדיא״. א דריקענדע. א נאגענדע מעלאנכאליע איז אויסגעגאסען אויף איהר געזיכט, און זעלטען ווען הערט איהר פון איהר א פרעהליך וואָרט און א פרייען געלעכטער...

— המ, יאָ... מערקווירדיג. א, א, א. איך בין זיך ביי אייך פערזעסען, און דאָרט וואַרט מען אויף מיר מיט א פרעפעראַנס... מען מוז לויפען. א רוהיגע נאכט, ליבסטער.

— אַ רוהיגע נאכט, סערגיי אפאנאסיעוויטש.

אין דער זעלבער צייט, ווען דער „קופער-קעניג״, סאַמואיל לאזארעוויטש קאלמאר, און זיין „עקסצעלענץ״ סערגיי אפאנאסיעוויטש זוויעזדין, האָבען צווישען זיך געפיהרט אין קאבינעט זייער פריינדליכען פערטרוייליכען שמועס, זענען געזעסען אויף דער העל בעלויכטענער און מיט עקזאטישע פלאנצען בעפוצטע טעראסע, וואָס איז אריינגעגאנגען אין דעם פראכטפולען פאלאץ-גארטען, ראשעל מארקאוונא און גלאפירא ניקיטשינא, — די ציגיינערין גלאשא, הייסט עס.

ראשעל מארקאוונא איז האַלב געלעגען און האָט זיך לייכט געוויגט אין א בעקוועמען שאקעל-שטוהל, אנגעטהון אין א לאנגען געשטרייפטען נאכט-קאפאט אוים זיידענעם זעפיר, איהרע שענע לאנגע גאלד-בלאנדע האָר זענען געווען פערוואָרפען אויף איהר

צאַרטער דעקאָלטירטער ברוסט, און אין דער רעכטער האַנד האָט זי געהאַלטן אַ ברייט געעפנטן עכט יאַפּאַנישן, קינסטלעריש־געמאָלטן פעכער, מיט וועלכן זי האָט זיך פון צייט צו צייט נאָכלעסיק־לייכט געפאָכט.

נישט ווייט פון ראַשעל מאַרקאָוונאַ, ביי דעם געשניצטן און מיט ווילדן ווייַן בעוואַקסענעם באַריער פון דער טעראַסע אויף אַ געפלאָכטענעם גאָרטן־פאָטעל, איז געזעסן גלאַשאַ אין אַ בונטן, עלעגאַנטן יאַפּאַנישן קימאָנאָ און אירע געדיכטע זיידענע שוואַרצע האָר זענען געווען פאַרקעמט ווי די פריזור פון אַ רייצנדער יאַפּאַנישער „גיישאַ".

גלאַשאַ האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פון איר געוועהנליכן שפּאַציר צו דעם איינזאַמען פעלז, וואו זי האָט זיך יעדן אָוונט געטראָפן מיט פּאַוועל פּאַוולאָוויטש יאַקעלסאָן, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך הערצליך בעגריסט מיט דער יונגער פרוי קאַלמאַר, האָט זי זיך אוועקגעזעצט אין פאָטעל ביי דעם באַריער און, אַ פאַרטיפטע אין אירע געהיימע געדאַנקען, האָט זי געקוקט ווייט־ווייט אין די לאַנגע, האַלב־דונקעלע אַלעען פון דעם גאָרטן.

— וואו איז גריגאָרי סאַמוילאָוויטש?... איז ער נאָך אין קלוב? — האָט גלאַשאַ געפרעגט פלעגמאַטיש נאָך אַ געוויסער צייט, נישט אומדרעהענדיג איר קאָפּ צו דעם אָרט, וואו ראַשעל מאַרקאָוונאַ האָט זיך געפונען.

— גרישאַ איז היינט אין קלוב נישט געווען. ער איז מיט אַ שעה צוריק געקומען פון מיסטער עריקסאָן. מיר האָבען אָבגעטרונקען טהיי, און איצט איז ער אין שלאָף־צימער פון מיין פאָטער. ער לייענט איהם פאָר טאָלסטאָי'ס „קריעג און פרידען"... נאָר, הער, גלאַשוראַ, ווען גרישאַ וואָלט געהערט, ווי דו רופסט איהם אַזוי אָפיציעל, אַזוי דיסטינגירט „גריגאָרי סאַמוילאָוויטש", און נישט איינפאַך, פאַמיליער „גרישאַ", וואָלט דאָס איהם פאַרדראָסען. פאַרשטעהסט זיך: ער וואָלט דיר גאָרנישט געזאָגט, נאָר אינערליך וואָלט ער זיך דערפון געערגערט.

גלאַשאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, זי האָט נאָר אויפגעשוי־

דערט און האָט וויטער געקוקט וויט-ווייט אין די דונקעלע אַלע-
ען, פערזונקען אין איהרע געדאַנקען.

א געוויסע צייט האָט אויף דער טעראַסע געהערשט א טיעפע שטילקייט, וועלכע איז פון צייט צו צייט איבערגעריסען געוואָרען דורך דעם גערויש פון די בלעטער, אין וועלכע עס האָט געבלאָזען דער לייכטער אָוועגד-ווינד, אָדער דורך דאָס צווישטשערען פון א פערשפעטיגטען פויגעל, וואָס האָט זיך אומגעקעהרט אין זיין נעסט.

— גלאשא, גלאשורא, — האָט זיך ראשעל אָנגערופען מיט א זאנפטער שטים.

גלאשא האָט זיך ענדליך אומגעדרעהט צו דער יונגער פרוי און האָט אויף איהר געריכטעט א פרעגענדען בליק.

— גלאשא, גלאשורא, — האָט ראשעל איבערגעחזר'ט.

— איך הער, ראשעל מארקאָוונא, — האָט זיך די ציגיינע-רין אָבגערופען מיט א גלייכגילטיגען מאָנאָטאָנעם קול.

— „ראשעל מארקאָוונא?"... ווער איז דאָס די „ראשעל מארקאָוונא?"... איך קען נישט אזעלכע. פון דיינע זיסע ליפען איז מיר זיס צו הערען: „ראשא", „ראשענקא"... נו, אלץ איינס. ווע-גען דעם וועלען מיר אונז „אָברעכענען" אַנ'אַנדערש מאָל. איצט אָבער וויל איך דיר פרעגען, וואָס קומט מיט דיר פאָר די לעצטע צייט? עס הערט זיך נישט מעהר דיין זיסער געזאנג, עס הילכט נישט מעהר דיין אנשטעקענדער געלעכטער, עס שפרודעלט נישט מעהר דיין בעצויבערנדער הומאָר, און דו מאכסט דעם איינדרוק פון א נידערגעדריקטער נאכטיגאל, וועלכע איז פון גרינעם פרייען וואלד אריינגעפאלען אין א פערשלאָסענע שטייג... וואָס איז מיט דיר, גלאשורא?

אנשטאָט צו ענטפערען, איז גלאשא לאנגזאם אויפגעשטאנען פון פאָטעל, זי איז לאנגזאם צוגעגאנגען צום שאקעל-שטוהל, זי האָט זיך לאנגזאם אראָבגעלאָזט אויף די קניע און, אָנוועגדענדיג איהר גאנצע ווילענס-קראפט נישט אויסצובּרעכען מיט א געוויין, איז זי צוגעפאלען מיט איהרע ליפען צו ראשעל'ס קניע און האָט זיי ליי-דענשאפטליך פיבערהאפט אָנגעהויבען קושען.

— גלאשורא, טייערע, זיסע גלאשא, וואָס טהוסטו? וואָס איז מיט דיר? וואָס קוועלט דיר? — האָט ראשעל געפרעגט מיט א טיעף געריהרטער שטים, און זי האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער שטוהל, ארומנעהמענדיג גלאשא'ן און צודריקענדיג איהר קאָפּ צו איהר ענטבלויזטער .ברוסט.

— זעץ זיך, גלאשורא, — האָט זיך ראשעל ווידער אָנגערופען נאָך א קורצער פויזע. — זעץ זיך אָט-דאָ מיט מיר צוזאמען אויף דעם שטוהל. אָט אזוי, ווי צוויי זיך ליבענדע שוועסטער, און זאָג מיר, וואָס איז די סיבה דערפון, וואָס דו האסט זיך אין די לעצטע טעג פערענדערט נישט צו דערקענען? זאָג, עפען פאר מיר דיין הארץ, אזוי ווי א שוועסטער פאר א שוועסטער... –

— איך ווייס נישט, ראשענקא, — האָט גלאשא אָבגעענטפערט מיט א מאָנאָטאָנעם טרויעריגען און פראָסטיגען קול, קוקענדיג מיט איהרע גרויסע אויסגעשטארטע אויגען אין איין פונקט פאר זיך. — איך ווייס נישט. אין מיין קאָפּ איז א כאאָס, א שווע-רער קאָשמאר. אין מיין ברוסט איז א שטורם, א שרעקליכער, א ווילדער שטורם. איך קאָן מיט ווערטער נישט איבערגעבען מיינע געדאנקען, מיינע געפיהלען...

— גלאשורא, קוק מיר גלייך אין די אויגען און ענטפער: ציהט עס דיך נישט צוריק צו דער עסטראדע? צו די לארבער-קרענץ? צו די הילכענדע אפּלאָדיסמענטען? צום לאגער פון דיינע שוועסטער און ברידער?... צום רייצענדען, ווילדען און פרייען לעבען?...

גלאשא האָט ווידער אויפגעשוידערט. זי האָט אָנגעשטעלט איהרע פייערדיגע אויגען אויף ראשעלס געזיכט, זי האָט איהר א פּאָר סעקונדען דורכגעדרונגען מיט איהר אייגענארטיגען בליק, און האָט זיך אָנגערופען מיט א ביטערען איראָנישען שמייכעל:

— דו ווילסט זאָגען: „ווי מען זאָל דעם וואָלף נישט פי-טערען, וועט ער אלץ קוקען צום וואלד“, כא-כא-כא!...

און די ציגיינערין איז אויסגעבראָכען מיט איהר ווילדען גע-לעכטער, נאָך וועלכען זי איז געבליבען זיצען, ווי א פערשטיי-

נערטע, מיט א אויסדרוק פון טיפע אינערליכע לײדן אויף איהר בעזונדערס רייצענדען געזיכט.

— וואָס פעלט דיר איין, מיין טייערסטע? ווי קענסטו מיר חושד זיין אין א בייזוויליגער אבזיכט, דיך צו בעליידיגען?... מיינע פראגען זענען דאָך אזוי נאטירליך. עס איז דאָך אזוי נאטירליך, אז יעדען פון אונז ציהט צו דער ראסע, צו דעם עלעמענט, אין וועלכען ער איז געוואָרען געבוירען און ערצויגען. עס איז דאָך אזוי פערשטענדליך, ווען מיר בענקען נאָך דער לופט, נאָך דער אטמאָספערע, אין וועלכער מיר זענען אויפגעוואקסען. קאָנען מיר דען גלייכגילטיג דענקען וועגען אונזערע שוועסטער און ברידער, וועגען אונזער בלוט און פלייש, מיט וועלכע מיר האָבען געטיילט לײדען און פריידען?... זאָג, גלאשא, זיי זיך מודה, דו בענקסט נאָך דיינע ציגיינער?

גלאשא איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס און האָט מערצווייפעלט אויסגעשריען:

— אָ, גאָט! האָב איך דען נישט איין מאָל געזאָגט, אז מיין לעבען צווישען די ציגיינער איז פאַר מיר געווען עקלהאַפט און ביטער, ווי דער טויט? איך בין צווישען זיי געבוירען. יאָ. איך בין צווישען זיי אויפגעוואקסען. יאָ, איך האָב מיט זיי אויסגעמאָסטען א וועלט. יאָ. איך האָב מיט זיי צוזאמען געהונגערט, מיט זיי צוזאמען געבעטעלט, מיט זיי צוזאמען געטרונקען שאמפאניער ווי וואסער. יאָ, מיט זיי צוזאמען געטאנצט, געזונגען, געהוליעט און אונצעהליגע נעכט פערבראכט אין ווילדע אָרגיעס. יאָ, יאָ, יאָ!... אָבער אַנ'אונערקלערבארע מאכט האָט מיך שטענדיג פון זיי געטריבען, און שטענדיג האָב איך זיך צווישען זיי געפיהלט ווי א פרעמדע צווישען פרעמדע. שטענדיג, נאָך א ווילד פערבראכטער נאכט האָב איך מיין געלעגער בעגאָסען מיט שטילע בלוטיגע טרעהרען... נישט איינמאָל האָב איך געוואָלט אויף זיך די האנד אויפהויבען, נישט איין מאל האָב איך געפרובט פון זיי צו אַנטלויפען, און איהר ווילט פלוצלינג בעהויפטען, אז איך האָב זיך פערבענקט נאָך מיינע „שוועסטער און ברידער", נאָך מיין „בלוט און פלייש", כא-כא-כא!...

און ווידער אויסברעכענדיג מיט א ספּאַזמאַטישען געלעכטער, איז גלאשא אָהנמעכטיג אוועקגעפאַלען אויף דעם פּאָטעל, אויף וועלכען זי איז פריהער געזעסען, זי האָט אָנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אויף דעם באַריער און, ציטערענדיג, ווי אין פיבער, מיט דעם גאַנצען קערפּער, האָט זי מיט א פערדומפּטען טרעהרענפולען קול געזאָגט:

— אך, אונגליקליכע וואָס איך בין... איך האָב קיינמאָל קיין היים נישט געהאַט, און ווער ווייסט, אויב איך וועל זוען עס איז האָבען מיין היים...

ראשעל האָט געשוויגען. זי האָט געקוקט מיט מיטלייד אויף דעם ציגיינער-קינד, זי האָט געפיהלט, אז אין גלאשא׳ס נשמה שפּיעלט זיך אָב א שווערע דראַמע, א פאַטאַלער פּראָצעס, אָבער אין וואָס בעשטעהט דער דאָזיגער פּראָצעס?

— האָט זיך נישט אַמאָל אויפגעוועקט אין איהר האַרץ מיט דעם גאַנצען ציגיינערישען פייער איהר ליעבע צו גרישא׳ן? — האָט ראשעל ביי זיך געטראַכט, און זי האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם דאָזיגען געדאַנק.

נור נישט לאַנג האָט איהר שרעק אָנגעהאַלטען. גלאשא איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט, זי האָט אויסגעווישט איהרע פערוויינטע אויגען, זי איז צוגעלאָפען צום שאָקעל-שטוהל, זי האָט זיך ווידער אַראָבגעלאָזט אויף די קניע, זי האָט געהאַלזט און געקושט ראשעל׳ען מיט א משונה׳דיגער צערטליכקייט, און האָט זיך ענדליך אָבגערופען מיט א ווייכער, כמעט קינדישער, בעטענדער שטים:

— הער מיך אויס, ראשענקע, הער מיך אויס...

— אָבער שטעה-אויף, טייערע, זעץ דיך דאָ נעבען מיר, און רעד, דערצעהל, רעד-אויס פאַר מיר דיין האַרץ, ווי א שוועסטער פאַר א שוועסטער.

— גלאשא האָט זיך געהאָרכזאַם אוועקגעזעצט נעבען ראשעל׳ן אויף דעם שאָקעל-שטוהל און האָט אָנגעהויבען מיט א געהיימניס-פולען טאָן:

— קענסטו דעם גרויסען איינזאַמען פעלז אויף דעם ברעג פון דער שילקא, וויט-וויט הינטער דער שטאָדט?

— יאָ, גלאשורא. איך האָב איהם בעמערקט, שפּאַצירענדיג מיט גרישאַ'ן אין זיין מאָטאָר־שיפעל. דער פעלז האָט נישט איינמאָל געצויגען אויף זיך מיין אויפמערקזאמקייט דערמיט, וואָס איך האָב אויף איהם יעדעס מאָל געזעהען זיצען אַנ'איינזאמען מאַן. די דונקעלהייט פון דעם אָווענד האָט מיר שטענדיג געשטערט צו זעהען דאָס געזיכט פון דעם זאָנדערבאַרען מאַנספּאַרשוין...

— איך שטעל זיך פאָר, אז ווען נישט אָט דער יונגער מאַן, וואָלט איהר אפשר שוין געהאט פערגעסען אין דער ציגיינעריין גלאשאַ.

— וואָס זאָלען דיינע ווערטער בעדייטען?...

— דו האָסט מיר געשטערט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד דאַמאָלס, אין באיאַן, ווען איך בין צו דיר געלאָפען מיט אַ פערברעכערישער טייוולישער אבזיכט...

— גלאשאַ, נאָך וואָס דערמאָהנסטו דאָס?...

— און ער, דער אונבעקאַנטער, האָט מיר געשטערט צו מאַכען אַ סוף צו מיין לעבען דאָרט, ביי דעם איינזאמען פעלז.

— איז דאָס מעגליך? איז דאָס אמת, גלאשאַ?

— גלאשאַ ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אזוינס זאָגען ליגען...

— ווען איז דאָס געשעהען?

— ווען דאָ אין גאָרטען האָט געשפּרודעלט און געברויזט די לוסטיגקייט אליין. ווען אין דער לופט האָט זיך דאָ געטראָגען דאָס עכאָ פון גליק און פרייד. ווען הונדערטע אויסגעהונגערטע זענען דאָ געזעסען ארום די קעניגליך־געדעקטע טישען און האָבען געשטילט זייער הונגער און זייער דורשט מיט די טייערסטע מאכלים און משקאות...

— אין דעם אָווענד, וואָס פאַר דעם טאָג פון אונזער חתונה, מיינסטו?

— יאָ, טייערע. אין יענעם אָווענד בין איך געזעסען אויף דעם איינזאמען פעלז. איך האָב געמאכט דעם בילאַנס פון מיינע פערגאַנגענע יונגע יאָהרען. איך האָב געקוקט פאַראויס אין מיין צוקונפט. און פערגעבעלט, פינסטער האָט זיך מיר די צוקונפט פאַר-

געשטעלט, אָהן אַ שטראַהל ליכטיגקייט, אָהן אַנ׳אינהאַלט, אָהן אַ צוועק, און די שטילע שילקאַ האָט מיך געלאָקט, איהר טיעפעניש האָט מיך מיט אַ געהיימער קראַפט צו זיך געצויגען, און איך בין שוין געווען ענטשלאָסען, צו וואַרפען זיך אין איהר אומאַרמונג, און פטור ווערען פון מיין צוועקלאָזען לעבען... פּלוצלינג אָבער איז אָנגעקומען דער אונבעקאַנטער, און איך האָב מיין ענטשלוס נישט בעוויזען צו פערווירקליכען...

גלאַשאַ איז פערשוויגען געוואָרען. ראַשעל האָט צוגעדריקט צו איהר ברוסט גלאַשאַ׳ס קאָפּ מיט אַ מוטערליכער צערטליכקייט, און אַזוי זענען די צוויי אייגענאַרטיגע פריינדינען געזעסען אַ גע-ווייסע צייט אָהן אַ שום בעוועגונג, ווי אין אַ וואַכען טרוים מיט אָפענע אויגען, ביז גלאַשאַ האָט ווייטער אָנגעהויבען:

— לאַנג זענען מיר געזעסען צוזאַמען אויף דעם איינזאַמען פעלז אין דער רוהיגער שטילקייט פון דער אַרומיגער נאַטור. לאַנג האָב איך פאַר איהם אויסגעגאָסען מיינע פערבאָרגענע ליידען. ער האָט מיך אויסגעהערט אויפמערקזאַם, מיט מיטגעפיהל, און ווען מיר האָבען זיך פעראַבשיעדעט, האָב איך איהם געמוזט געבען דאָס וואָרט, אַז איך וועל מעהר נישט דענקען וועגען זעלבסטמאָרד, אָבער מיט דער בעדינגונג...

גלאַשאַ האָט דעם זאַץ נישט פערענדיגט.

— אָבער מיט וועלכער בעדינגונג? — האָט ראַשעל גע-פרעגט מיט אַ פערשטענדליכער נייגעריגקייט. — זאָג, גלאַשוראַ, דערצעהל!

— מיט דער בעדינגונג, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט פערבליי-בען אין סריעטיענסק, זאָלען מיר זיך טרעפען ביי דעם איינזאַמען פעלז יעדען אָוועגד.

— און איהר טרעפט זיך דאָרט?

— יאָ, יעדען אָוועגד. ער וועט שוין אָבער אינגיכען אָב-פאָהרען פון דאַנען.

— ער איז אַ היגער?

— אָ, ניין. ער איז דאָס ערשטע מאָל אין סריעטיענסק.

— ווער איז ער דען?

— א געטויפטער איד, א קורלענדער, א רייזענדער. ער זעהט אוים פון א יאָהר פיער, פינף און צוואנציג. פאוועל פּאוולאָוויטש יאַקעלסאָן הייסט ער.

— און וואוהין וועט ער אַבפאָהרען?

— קיין אמעריקא, זאָגט ער. דאָס איז א זעהר סימפּאַטי־שער און אינטעליגענטער יונגערמאַן, אָבער א פערשלאָסענער ביז גאָר. די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיצען ביידע אויף דעם פעלז, האַלט איך אין איין רעדען, אין איין דערצעהלען, און ער שווייגט. ער הערט מיר אוים מיט פּעראינטערעסירונג, מיט אויפמערקזאַמקייט און שווייגט. זעלטען, זעלטען, ווען ער זאָגט ארוים א פּאָר ווער־טער וועגען זיין אייגענער פּערזאָן, וועגען זיין אייגענער לאַגע. ווי איך פערשטעה, טראָגט ער אין הארצען א וויכטיג געהיימניס און מוז נישט געהערען צו די גליקליכע.

— פון וואָס דרינגסט דו דאָס ארוים?

— ווען איך האָב איהם דאָס ערשטע מאָל געפרעגט, וואָס עס ציהט איהם צו דעם איינזאַמען פעלז, האָט ער מיר געענטפערט: „די שטילע איינזאַמקייט”... גליקליכע לויפען נישט פון מענשען און זוכען נישט קיין איינזאַמקייט.

— דו האָסט רעכט, מיין ליעבע. דאָס איז נישט קיין גליק־ליכער מענש.

— דאָ לעצטענס רופט ער זיך פּלוצלינג אָן:

„— פאַרוואָס בין איך נישט רייך, גלאַפירא ניקיטישנא!...

„— און וואָס וואָלט געווען, ווען איהר וואָלט יאָ זיין רייך? — האָב איך געפרעגט.

„— וואָלט איך געבעטען אייער האַנד, און מיר וואָלטען צו־זאַמען געפאָהרען אין דאָס גאָלדענע לאַנד.

— הייסט עס, אז ער איז אין דיר פערליעבט, גלאַשורא? נו, און דו? דו וואָלסט מיט איהם געפאָהרען?

— יאָ, ראַשענקע. איך וואָלט מיט איהם געפאָהרען, — האָט גלאַשאַ געענטפערט מיט א פעסטער ענטשלאָסענהייט. דער מענש געפעלט מיר. איך פיהל צו איהם מעהר, ווי צוטרוי... איך פיהל צו איהם אכטונג און... ל י ע ב ע.

— און ליעבע זאָגסטו?

— יאָ, ראַשענקע. אַכטונג און ליעבע... אָיך וואָלט מיט איהם געפאָהרען אין עק וועלט. איז ער אָבער אָרים. האָט ער אָבער נישט די נויטיגע מיטלען אויף אַזאַ וויטע רייזע פאר אונז ביי־דען... און ער מוז פאָהרען. ער קאָן דאָ לאַנג נישט בלייבען. דאָס אין זיין געהיימניס. און איך וועל דאָ בלייבען אָהן א היינט און אהן א מאָרגען... אָ, ראַשעל, ראַשעל, שווער איז מיין גורל.

— הער, גלאַשאַ, וואָס איך וועל דיר ראַטען, — האָט ראַ־שעל געזאָגט נאָכדענקענדיג אַ געוויסע ווייל.

— איך הער, מיין גוטע, קלוגע ראַשענקע.

— דו וועסט זיך מאָרגען מיט איהם זעהן?

— אונבעדינגט. מאָרגען זעהען מיר זיך צום לעצטען מאָל. איבערמאָרגען געהט אָב די שיף, מיט וועלכער ער פעררייזט.

— ווייסטו וואו ער וואוינט?

— געווים ווייס איך.

— טאָ וואַרט נישט ביז צום אָוועגד. געה באלד אין דער פריה און קום מיט איהם אַהער.

— טייערע ראַשעל, איך האָב איהם שוין נישט איין מאָל געמאכט דעם פאָרשלאַג. צו געהן מיט מיר אַהער. איך האָב איהם פערזיכערט, אז דער גוטער, דער איידעלער [סאַמואיל לאַזאַרע־וויטש וועט אונז קומען צו הילף מיט זיין מילדער האנד און וועט מיטווירקען צו דער פערווירקליכונג פון אונזער שטרעבען.

— אָהן אַ שום ספק, גלאַשאַ. זאָל ער נאָר קומען.

— האָט ער זיך געוואַקעלט די גאַנצע צייט און האָט גע־ענטפערט אויף מיין פאָרשלאַג אוסווייכענד. נאָר היינט אין אָוועגד, ווען איך האָב איהם געבעטען מיט טרעהרען, ווען איך האָב איהם געהאלזט און געקושט, און געבעטען, ער זאָל זיך בעזינען, ער זאָל נעהמען אין אַכט, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אונזערביידענס גליק, אז די שילקאַ איז נאָך נישט אויסגעטריקענט, אז מיין פער־צווייפעלטע עלענדקייט נאָך זיין אַוועקפאָהרען וועט מיך שנעל ברענגען צו אַ פערצווייפעלטער טהאַט — האָט ער מיט זיינע הייסע ליפען אויסגעקושט די טרעהרען פון מיינע אויגען און, איבער־

געבענדיג מיר אַ פּערקלעבטען קאָנווערט אָהן אַ אויפשריפט, האָט ער געזאָגט:

„— אָט דעם קאָנווערט גיעב איבער דער יונגער מאַדאַם קאָלמאַר. פון איהר ענטפער איז אָבהענגיג מיין ענטשלוס: געהן אָדער נישט געהן אין „קופּער-קעניגס" פּאַלאַץ. נאָר זיי פּאָרזיכטיג. קיינער טאָר פון דעם בריעף נישט וויסען.

און איידער די זעהר ערשטוינטע ראַשעל מאַרקאָוונא האָט זיך אָריענטירט אין גלאַשאַ'ס ווערטער, איידער זי האָט בעוויזען אויסצודריקען מיט ווערטער איהר ערשטוינונג, האָט גלאַשאַ ארויס-גענומען פון בוזעם און איהר איבערגעגעבען דעם פּערקלעבטען קאָנ-ווערט אָהן אַ אויפשריפט, זאָגענדיג:

— אָט דאָ האָסטו זיין שרייבען. לאַנג האָב איך זיך געשלאָ-גען מיט דער דעה, צי זאָל איך דיר איבערגעבען דעם בריף, וואָס זיין אינהאלט איז פון מיר פערהוילען.

ראַשעל האָט גענומען דעם קאָנווערט, זי האָט איהם פּאָרזיכ-טיג און נאָכדענקענד אויפגעעפענט, זי האָט פון קאָנווערט ארויס-גענומען דעם בריף, און ביי דעם ערשטען בליק, וואָס זי האָט גע-וואָרפען אויף די צייל‍ען, האָט דאָס בויגעלע פּאַפּיר אָנגעהויבען פלאַטערען אין איהרע ציטערענדע פינגער, אַ טויטע בלאַסקייט האָט בעדעקט איהר געזיכט, און זי האָט געמוזט אָנווענדען איהר גאַנצע ווילענסקראַפט נישט אויסצושרייען „— ליאָוואַ!"...

— ראַשענקע, וואָס איז מיט דיר?... וואָס ביזטו פּלוצלונג אזוי בלאַס געוואָרען? וואָס שרייבט ער דיר? — האָט געפרעגט גלאַ-שאַ, וועלכע האָט נישט אראָבגעלאָזט פון ראַשעלס געזיכט איהר שאַרפען בליק:

— נ-נ-ניין... גאָרנישט, מיין טייערע, — האָט ראַשעל גע-ענטפערט, בעמיהענדיג זיך מיט די לעצטע קרעפטען צו בעהערשען איהר אויפגערעגטקייט און צוגעבען איהר שטים אַ רוהיגען טאָן. — ווי, האָסטו געזאָגט, רופט מען איהם?

— פּאַוועל, — האָט גלאַשאַ געענטפערט, קוקענדיג פערדעכ-טיג אויף די יונגע פרוי. — פּאַוועל פּאַולאָוויטש יאַקעלסאָן.

— מ-מ-מ... יאָ, ריכטיג.

— וואָס שרייבט ער דיר?... וועט ער קומען אהער?... וועס־טו איהם אָבענטפערען?

— באלד, מיין טייערע, איך מוז זיך וועגען דעם בעראַטען מיט גרישא׳ן, אָדער מיט דעם פּאַפּאַ קאָלמאַר, — האָט ראַשעל גע־זאָגט, אויפשטעהענדיג פון דעם שאָקעל־שטוהל, און איז אוועק מיט דעם בריף אין דער האַנד אין די אינערליכע צימערן פון דעם פּאַלאַץ.

עס האָט געדויערט א פּאָר מינוט, און ראַשעל איז צוריק ארויסגעקומען אויף דעם טאַראַס.

— נו, וואָס האָט גרישא געזאָגט? — האָט גלאַשא געפרעגט מיט אונגעדולד.

— גרישא שלאָפט שוין, — האָט ראַשעל געענטפערט, שטע־הענדיג אין א געוויסער פערלעגענהייט.

— און סאַמואיל לאַזאַרעוויטש?

— יאָ, מוז מען זיך ווענדען צום פּאַפּאַ, — האָט ראַשעל גע־זאָגט און זי איז אוועק אין גרויסען ביבליאָטעק־צימער, וואוהין דער „קופּער־קעניג” איז איבערגעגאַנגען נאָך דעם, ווי סערגיי אפּאָ־נאַסיעוויטש זוויעזדין האָט זיך פון איהם פעראָבשיידעט.

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש איז געזעסען אויף דער קושעטע מיט א בוך אין דער האַנד, און, בעמערקענדיג ראַשעלס אריינקומען, איז ער איהר אנטקעגען געגאַנגען.

— דו שלאָפסט נאָך נישט? — האָט ער צערטליך געפרעגט און געקושט איהר קאָפּ.

— איך האָב זיך געקליבען צו געהן שלאָפען, האָט מען מיר איבערגעגעבען אָט די דאָזיגע צייליען, — האָט ראַשעל געענט־פערט מיט א נישט בעהערשטער אויפרעגונג און האָט אָנגעוויזען אויף דעם בויגעלע פּאַפּיר, וואָס זי האָט געהאַלטען אין איהרע לייכט ציטערענדע פינגער.

— וואָס טהוט גרישא?? — האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש גע־פרעגט, קוקענדיג פערוואונדערט אויף ראַשעלס פערענדערט געזיכט און אויף דעם בויגעלע פּאַפּיר.

— גרישא שלאָפט שוין.

— און וואָס זענען דאָס פאַר א ציילען?

— נעהם, פּאַפּאַ, לייען... און זאָג מיר, וואָס האָב איך צו ענטפערען?

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש האָט גענומען דאָס בויגעלע פּאַפּיר און האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט פאָלגענדען אינהאַלט:

„גוטע ראַשעל! אינטערעסירט דיך נאָך דאָס שיקזאַל פון דעם לייכטזיניגען ליאָווא, צוליעב וועלכען עס האָט אייער הויז דאָס אונגליק געטראָפען? טראַגסטו אויף איהם אין הארצען א פערדיענטען האַס? אָדער האָסטו איהם שוין לאַנג מוחל געווען, נעהמענדיג אין אכט, ווי טייער ער אליין האָט בעצאָהלט פאַר זיין לייכטזין?... נאָר, ווי עס זאָל נישט זיין, האַלט איך פאַר מיין פליכט דיר מיטצוטיילען, אז די טויט-שטראַף איז מיר פערביטען געוואָרען אויף קאַטאָרגע, אז מיר איז געלונגען צו לויפען פון דער טורמע, אז איך געפין זיך צייטווייליג דאָ אין סריעטיענסק, אז פון דאַנען וועל איך אין קורצען אַבפאָהרען נאָך אמעריקא, און אז איך וועל דיר אייביג דאַנקבאַר זיין, אויב דו וועסט בעוויליגען גרויסמוטיג צו געבען מיר די מעגליכקייט, איך זאָל דיר פערזענליך ווינשען א גליקליך צוזאַמענלעבען מיט דיין אויסדערוועהלטען, דריקען דיין פריינדליכע האַנד און זאָגען דיר מיין לעצטען זיי געזונד“...

— טאָ וואָס ביזטו אזוי אויפגערעגט, טאָכטער מיינע? — האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש כלומר'שט רוהיג זיך אָבגערופען, איבערלייענדיג דעם בריעף.

— דאָס איז פאַר מיר אזוי אונערוואַרטעט, פּאַפּאַשא..

— סיביר איז א לאַנד פון סורפּריזען, קינד מיינס. דאָ ווערט מען פון קיין זאַך נישט איבערראַשט... נאָר ווער האָט דיר דעם בריעף איבערגעגעבען?

— גלאַשא.

— גלאַשא?...

— יאָ פּאַפּאַשא. זי האָט מיר איהם נאָר וואָס געבראַכט. איך האָב געוואָלט ווייזען דעם בריעף גרישא'ן, איז ער שוין געשלאָפען.

— ווילסטו, הייסט עס, וויסען, אויב און וואס דו האסט צו ענטפערען?

— געוויס. איך וועל שוין די נאכט נישט שלאפען. איך וועל זיין זעהר אונרוהיג... א קלייניגקייט. פון קאטארגע ענטלאפען. ארי-מער ליאווא...

ראשעל איז שיעור נישט אויסגעבראכען מיט א געוויין, זי האט זיך אבער בעהערשט און האט זיך ווידער אנגערופען:

— זאג, פאטער, ווי דארף איך דא האנדלען?

— זיי רוהיג, ראשענקע, האב נישט קיין אנגסט, איז ער געלאפען פון קאטארגע, איז ער נישט קיין שלימזל'ניק און פער-שטעהט, ווי פארזיכטיג צו זיין... דא ביי אונז איז דאס גאר קיין נייעס נישט. א סיביראק, ווער ער זאל נישט זיין, וועט בשום אופן נישט פערראטען דעם אנטלאפענעם קאטארזשניק. אדרבה, ער וועט איהם נאך בייהילפיג זיין מיט וואס ער וועט נור קאנען. גיעה שלאפען, מיין קינד. שלאף רוהיג, מארגען וועט עס ערלעדיגט זיין...

— איך דאנק דיר, פאפאשא, — האט ראשעל געזאגט א געריהרטער, — א גוטע נאכט, אך, ווי גוט דו ביסט...

— א גוטע, א רוהיגע נאכט, מיין קינד, — האט סאמואיל לאזארעוויטש געענטפערט און האט ראשעל'ן א קוש געגעבען אין שטערען, — אבער ווער וועט איהם איבערגעבען דיין ענטפער?

— גלאשא, האט ראשעל קורץ געזאגט און האט פערלאזט די ביבליאטעק.

— „גלאשא" — האט פאר זיך איבערגעחזרט סאמואיל לאזארעוויטש, ווען ער איז געבליבען אליין, — ווידער גלאשא... אומעטום גלאשא... אלץ גלאשא... ווער וועט מיר אויפלעזען דאס רעטעניש דערפון, וואס א ציגיינער-קינד האט זיך פלוצלונג אזוי צוגעקלעבט צו מיין הויז, און מיין הויז צו איהר?...

און דער „קופער-קעניג" איז געבליבען זיצען אין א פאטעל פערזינקען אין זיינע מחשבות, ביז זיין לייב-דיענער טימאשא איז אריינגעקומען און האט איהם געמאלדען, אז עפעס אנ'אונבעקאנ-טער אלטער בעטלער פערלאנגט דורכאויס מיט איהם צו רעדען.

— אזוי שפּעט א בעטלער? — האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש זיך געוואונדערט. — וואָס וויל ער דען? זאָל מען איהם געבען א נדבה, און זאָל ער געהן.

— ער וויל קיין נדבה נישט נעהמען, סאַמואיל לאַזאַרעוויטש. ער בעט דורכאויס, מען זאָל איהם צולאָזען צו אייך. ער זאָגט, אז ער האָט עפּעס זעהר וויכטיגעס אייך צו ענטפּלעקען.

— ווער איז ער דען? ווי רופט מען איהם?

— ער וויל נישט זאָגען. אייך, זאָגט ער, וועט ער אליין דערצעהלען.

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש האָט געקוקט נאָכדענקענד עטליכע סעקונדען אויף זיין טרייען דיענער און האָט געזאָגט:

— זאָל ער אריינקומען.

טימאָשא איז ארויס פון צימער און באלד דרויף האָט זיך אין דער טהיר בעוויזען אַנ׳אַלטער איינגעבויגענער מאַן מיט א לאַנגען שטאָק אין דער ציטערענדער האַנד, און מיט אַנ׳אַלטער שמוציגער און אויסגעקראָכענער קאָזאַצקער פּאַפּאַכא אונטער דער צווייטער האַנד.

דער קאָפּ און דאָס געזיכט פון דעם זאָנדערבארען גאַסט זענען געווען ווילד בעוואַקסען מיט באָרסטיגע געלבליך-גרויע האָר, פון צווישען וועלכע עס האָבען ארויסגעקוקט פון צוויי טיפע פינסטערע לעכער א פּאָר קליינע, רויטליך-ווייסע, פערנעבעלטע, אָבער כיטרע אויגען. דער קורצער און שמאָלער קאַפטאַן, וואָס האָט קוים בעדעקט זיין האַלב-נאַקעטען אויסגעצערטען און האָהריגען גוף, איז בעשטאַנען פון אַלערליי שמוציגע, אויסבלאַקירטע און נישט איבריג קינסטליך צוגענעהטע לאַטעס. זיינע פערפעטסטע און פערגעלטע אַרעסטאַנטען-הויזען, זענען געווען ביי די ברעגעס שטאַרק צעטרענצעלט און האָבען בעדעקט זיינע באָרוויסע אונזויבערע פיס מיט לאַנגע פערשמוצטע פרענזלען. קיין קנעפּ זענען אויף זיין אייגענאַרטיגען קאַפטאַן נישט געווען, און זיינע לענדען האָט עטליכע מאָל ארומגעגירט א צוזאַמענגעשטיקעוועטער שטריק.

סאַמואיל לאַזאַרעוויטש האָט אָנגעקוקט א ווײלע ערשטוינט

דעם משונה'דיגען פארשוין און האָט איהם געפרעגט, נישט אראָב־לאָזענדיג די אויגען פון איהם:

— ווער זענט איהר, און וואָס פערלאַנגט איהר?...

— איהר דערקענט מיך נישט, — האָט זיך אָבגערופען דער אלטער, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ, און אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויזען א זאָנדערבארער שמייכעל. — עס איז קיין וואונדער נישט, אָ־אָ־אָ... שוין העכער צוואַנציג יאָהר... און איך האָב אייך יאָ דערקענט. באלד פון ערשטען קוק האָב איך אייך דערקענט...

— ווער זענט איהר דען?... וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר?...

— איך פערלאַנג, איהר זאָלט מיר מוחל זיין...

— אָבער ווער זענט איהר? — האָט סאמואיל לאַזארעוויטש געפרעגט שוין עטוואָס אונגעדולדיג, האָבענדיג דעם פערדאכט, אז דער אלטער איז נישט ביים קלאָרען שכל.

— איך בין דער מענש, וואָס איז געגען אייך בעגאַנגען א גרויסע עולה, — האָט דער אלטער קלאָר געענטפערט און האָט אויסגעגלייכט זיין איינגעבויגענע פיגור, — קוקט זיך גוט איין, אפשר וועט איהר מיך דערקענען.

סאמואיל לאזארעוויטש האָט שארפער געקוקט אויף דעם אל־טען. ער האָט איהם גענוי בעטראכט פון קאָפּ ביז צו די פיס און האָט זיך אָנגערופען, הויבענדיג די אקסלען:

— איך דערקען אייך נישט... זאָגט ווער זענט איהר?

— איך בין א בראָדיאַגא, שוין דאָס פיערטע מאָל געלאָפען פון קאַטאָרגע... איצט היים איך „איוואן בעזאימעני", אזוי ווי יע־דער בראָדיאַגא. נור אמאָל, ווען איך בין געווען דער וואלד־וועב־טער ביי אייער שווער... ביי ר' יאָסעלע פערעלשיין...

— האָט מען דיך גערופען סענדער סאָלדאַט, — האָט סאמו־איל לאזארעוויטש אויסגעשריען מיט א ערשיטערטער שטים און זיין געזיכט איז בעדעקט געוואָרען מיט א טויטער בלאסקייט.

— יאָ... סענדער סאָלדאַט, — האָט דער אלטער געענטפערט מיט א שולדיגען קול און האָט זיך א וואָרף געטהון אויף די קניע פאר דעם פאָטעל, אויף וועלכען סאמואיל לאזארעוויטש איז גע־

זעסען, ווי א בעטויבטער, ווי א פערשטיינערטער מיט ברייט אויס־געשטאַרטע, דערשראָקענע אויגען, — יאָ.... איך בין סענדע־סאָל־דאַט... דאָס האָב איך, אויס נקמה צו אייער שווער, אונטער־געצונדען די שטאָדט...

— און אונגליקליך געמאַכט אונשולדיגע פאמיליעס...

— איך האָב זיך דאַמאָלס דערמיט נישט גערעכנט...

— און דריי זויגעדיגע קינדער זענען אין די פלאַמען אומגע־קומען...

— נור צוויי, ר׳ שמואלקע... נור צוויי...

— ד ר י י, זאָג איך, דו... דו... דו מערדער! — האָט קאָלמאַר געברילט מיט א משוגה׳דיגען צאָרען, קריצענדיג מיט די צייהן, און די אויגען און דאָס גאַנצע געזיכט זענען איהם פלוצלינג אָנגעגאָסען געוואָרען מיט בלוט.

— צוויי, ר׳ שמואלקע, — האָט דער אַלטער געזאָגט, ציטערענדיג מיט׳ן גאַנצען האלב-נאַקעטען קערפּער, און האָט נידריגער אראָבגעבויגען דעם קאָפּ, פונקט ווי איינער, וואָס ריכט זיך אויף פערדיענטע קלעפּ, וועלכע קאָנען יעדען אויגענבליק פאַלען אויף זיין קאָרק. — צוויי... אייער קינד איז נישט אומגעקומען אין די פלאַמען...

— וואָס? — האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש קוים גע־קאָנט ארויסרעדען, און זיין געזיכט איז ווידער בלאַס געוואָרען, — וואָס?... וואָס האָסטו געזאָגט?... מיין קינד... מיין גיזעלא...

— אייער קינד איז נישט פערברענט געוואָרען... איך האָב אייער קינד צוגענומען איידער די פלאַמען האָבען ארומגעכאַפּט דעם אָרט, וואו די קינדער זענען געלעגען...

— דו האָסט מיין קינד... אָבגעראַטעוועט?... דו...

— איך האָב נישט גערעכענט, אז דאָס פייער וועט זיך אי־בערוואַרפען אויף די זאַכען אין פעלד... איך האָב דעמאָלס גע־וואָלט, אז די משפחה פון דעם מענשען, וועלכער האָט מיך אריינ־געשטויסען אין טורמע און אויף אייביג מיין לעבען צעבראָכען, זאָל וואָס מעהר, וואָס שטאַרקער ליידען פון מיין נקמה... דאָס האָב איך

דעמאָלס געוואָלט, און איך האָב אייער קינד צוגעגנבעט. באַלד ווי די מוטער האָט עס אַרויסגעטראָגן אויפ'ן פעלד...

א שוידער איז דורכגעגאַנגען דורך אַלע גלידער פון דעם „קור-פער-קעניג". אין איהם האָט ערוואַכט דער פערצווייפעלטער טאַטע פון צוואַנציג יאָהר צוריק. פאַר זיינע אויגען איז אויפגעשוואומען דאָס ערשיטערענדע בילד פון יענעם אונפערגעסליכען אונגליק. אין זיין הארצען האָט מיט דער גאַנצער שמערצהאַפטיגקייט זיך אויפ-געעפענט די אַלטע, אייביג בלוטענדע וואונד, און א ווילדער גרימ-צאָרען האָט איהם ערגריפען, און ווי א צערייצטער טיגער, ווי א וואַהנזיניגער, האָט ער זיינע ביידע ציטערנדע הענד איינגעזאַפּט אין דעם אויסגעדאַרטען האַלז פון דעם קניענדען בראַדיאַגאַ, און האָט קוים אַרויסגעבריליט:

— וואָס האָסטו געטהון מיט מיין קינד, דו מערדער?... זאָג, וואָס האָסטו געטהון מיט מיין אָרים קינד?...

זיינע הענד זענען פּלוצלינג שוואַך געוואָרען, און האָבען פון זיך אַליין בעפרייט דעם אַלטענס האַלז, און מעהר מיט געבעט, ווי מיט כעס, האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש מיט טרעהרען אין די אויגען ווידעראַמאָל געפרעגט:

— וואָס האָט איהר געטהון מיט מיין אָרים קינד?

— איך האָב אייער קינד פערקויפט...

— פערקויפט?... וועמען?... שטעהט אויף, שלעכטער מענש... נאָכוואָס קניעט איהר?... שטעהט אויף, זעצט אייך, און זאָגט מיר, וועמען האָט איהר מיין קינד פערקויפט??

דער אַלטער האָט זיך געהאָרכזאַם אויפגעהויבען, ער האָט זיך געזעצט אויף א שטוהל און האָט געענטפערט.

— געדענקט איהר אפשר, אז אין יענער צייט האָט אין יענעם קאַנט גראַסירט א באַנדע ציגיינער?...

— יאָ... עפּעס געדענק איך... עפּעס דערמאָהן איך זיך, — האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש זיך אָבגערופען מיט א פערכאַפּטען אָטעם.

— דער הערשט פון יענער באַנדע איז געווען א שוואַרצער ציגיינער... „דער שוואַרצער יאַכנאַ" האָט מען איהם גערופען...

— נו?... -

— אַט דעם דאָזיגען שווארצען יאכנאַ האָב איך פערקויפט אייער קינד...

— נו?... און וואו איז מיין קינד אהינגעקומען?... זאָגט, רעדט, שלעכטער מענש... וואָס איז געוואָרען פון מיין קינד?...

— ווייס איך נישט... נור...

— נור וואָס?... זאָגט... רעדט...

— נאָר אַט דער שווארצער יאכנאַ איז אצינד דאָ, אין סריע־טיענסק...

דאָ?... אין סריעטיענסק...

— יאָ, יאָ, אין סריעטיענסק. איך האָב איהם דערקענט. דאָ טראָגט ער אַ פאלשען נאָמען... דאָ הייסט ער נאזאר ראָפּוכא...

— נאזאר ראָפּוכא! — האָט סאַמואיל לאזארעוויטש אַ געשריי געגעבען און ער איז אויפגעשפרונגען פון פאָטעל, ווי בעריהרט פון אַ עלעקטרישען שטראָם, דורכדרינגענדיג זיין גאַסט מיט אַ שארפען בליק. — נאזאר ראָפּוכא?... נאזאר ראָפּוכא?... האָט איהר נישט קיין טעות?...

— ניין, ר׳ שמואלקע... איך האָב קיין טעות נישט... נאזאר ראָפּוכא איז דער שווארצער יאכנא... איהם האָב איך פערקויפט אייער קינד. -

ר׳ שמואלקע האָט גענומען לויפען איבער׳ן צימער אלץ האַסטיגער און האסטיגער, רעדענדיג מיט זיך אליין:

— וואָס קומט דאָ פאָר?... גאָט מיינער... גאָט מיינער... איז דאָס מעגליך?... איז דאָס מעגליך... דער אלטער רב... רבי יואלקע... ער האָט געזאָגט...

און אָנשטאָט צו קלינגען, האָט ער מיט דעם גאנצען אימפעט ברייט אויפגעעפענט די טהיר אין קאָרידאָר אריין און האָט גענומען רופען מיט אַ דונערענדען קול:

— טימאָפיי! ערמאָליי! סאָפראָן! יעפרעם אניסימאָוויטש!...

אין פאלאץ איז ענטשטאנען אַ פאנישער טומעל. דעם „קופער-קעניגס" דונערענדער קול האָט געהילכט איבער אלע צימערען, אין קאָרידאָר, פאר דער טהיר פון דער ביבליאָטעק איז זיך

צוזאמענגעלאָפען די גאנצע בעדינונג, און אין צימער זענען גלייכ-
צייטיג, איבעררואשטע און דערשראָקענע אריינגעלאָפען גרישא,
ראשעל און גלאשא, וועלכע זענען מעהר ערשטוינט געוואָרען, דער-
זעהענדיג דעם זאָנדערבארען גאסט, וואָס איז געזעסען אין קאבי-
נעט אין אזא שפּעטער שעה.

— לויפט אין „ארקאדיא" — האָט דער „קופער-קעניג" זיך געווענדעט צו דער בעדינונג מיט אנ'אויפגערעגטען בעפעהלערישען טאָן, — און זאָפּארט זאָל מיט אייך אהערקומען נאזאר ראַפּוכא... ווערט ער נישט וועלען געהן מיט גוטען, וועל איך איהם לאָזען ברענגען דורך פּאָליציי, אזוי זאָלט איהר איהם זאָגען... געהט און קומט באלד צוריק מיט דעם אלטען ציגיינער.

— סלושאיוס! — האָבען זיך געהערט גלייכצייטיג עטליכע שטימען.

— אָט דער דאָזיגער אלטער בעהויפּטעט, אז מיין גיזענקע איז נישט אומגעקומען אין די פלאמען, — האָט זיך סאמואיל לאזארעוויטש געווענדעט צו די אָנוועזענדע אין צימער נאָך דעם, ווי די בעדינטע זענען אוועקגעלאָפען אויספיהרען זיין בעפעהל, און ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם אלטען בראָדיאגא. — ער פערזיכערט, אז ער האָט גיזענקען צוגעגנבעט און האָט זי פערקויפט צו א ציגיינער...

— וואָס רעדסטו, פּאָטער? — האָט גרישא זיך אָנגערופען מיט שרעק, קוקענדיג אויף דעם פּאָטער, וועלכער האָט זיך אינגאנצען פערענדערט אין געזיכט, אין קול, אין די בעוועגונגען אזוי, אז ער איז פשוט נישט געווען עהנליך צו זיך אליין און האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א נישט-נארמאלען מענשען.

— אָט פרעגט איהם, אָט וועט איהר הערען, ער פערזיכערט, אז נאזאר ראַפּוכין איז דאָס דער ציגיינער, וואָס האָט ביי איהם אָבגעקויפט מיין גיזענקע... אָ, גאָט!... איבער צוואנציג יאָהר בעקלאָג איך מיין טייער קינד, מיין אָרים קינד, מיין אונגליקליך קינד און פלוצלונג... און פלוצלונג...

סאמואיל לאזארעוויטש האָט מעהר נישט געקאָנט רעדען, עס האָט איהם פערפעהלט אָטעם. ער איז אויסגעבראָכען מיט א ספּאז-

מישען געוויין און איז אַהנמעכטיג אוועקגעפאַלען אויף דעם פּאָ־טעל.

אין צימער איז ענטשטאַנען אַ שווערע, טיעפע שטילקייט. אַלע אַנוועזענדע זענען געשטאַנען ערשיטערטע מיט בלאַסע געזיכ־טער און האָבען מיט ערשטוינטע אויגען געקוקט אַמאָל אויף סאַ־מואיל לאַזאַרעוויטש'ן, און אַמאָל אויף דעם אַלטען בראַדיאַגאַ, וועלכער איז געזעסען מיט אַנ'איינגעבויגענעם קאָפּ, ווי אַ שווע־רער פּערברעכער פאַר זיינע ריכטער:

— ראַשענקע... ראַשענקע, — האָט זיך דערהערט דעם בלינדען יעלינס קול, און דער כינעזער סון־דזשו האָט דעם בלינדען אַריינגעפיהרט אין צימער. — ראַשענקע, וואָס איז געשעהן?... וואָס איז דאָ פּלוצלונג אַזוי אונרוהיג געוואָרען?...

נאָר איידער ראַשעל האָט בעוויזען צו ענטפערען און בערוהי־גען דעם פאָטער, איז אין צימער אַריינגעקומען נאַזאַר ראַפּוכאַ אין דער בעגלייטונג פון קראַמאַלאָוו'ן און טימאָפייען.

נאַזאַר ראַפּוכאַ האָט מיט בעוואונדערונג בעטראַכט די גאַנ־צע געזעלשאַפט און האָט זיך געווענדעט צום „קופּער־קעניג" מיט דער פראַגע:

— איהר האָט בעוויליגט מיך רופען צו לאָזען, סאַמואיל לאַ־זאַרעוויטש?

אַלע האָבען אָנגעשטעלט זייערע אויערען.

— יאָ, — האָט סאַמואיל לאַזאַרעוויטש פּעסט געענטפערט און האָט אָנגעוויזען אויף דעם אַלטען בראַדיאַגאַ. — קענסטו איהם?...

נאַזאַר ראַפּוכאַ האָט אַ קוק געטהון אויף דעם אַלטען און האָט געענטפערט:

— ניין, סאַמואיל לאַזאַרעוויטש.

— קוק זיך אָקאָרשט גוט צו, אפשר וועסטו איהם דערקע־נען...

דער ציגיינערישער „פּאַטריאַרך" האָט געקוקט אויף דעם אַלטענס געזיכט עטליכע סעקונדען, אין פערלויף פון וועלכע אַלע אַנוועזענדע זענען געשטאַנען אין אַ געשפּאַנטער ערוואַרטונג,

נישט אראבלאזענדיג די אויגען פון דעם אלטען ציגיינער.

— ניין, איך דערקען איהם נישט, — האט נאזאר ראפוכא קאטעגאריש געענטפערט, הויבענדיג זיינע ברייטע אקסלען.

— און איך האב דיך יא דערקענט, — האט ענטשלאסען אויסגעשריען דער אלטער בראדיאגא, אויפשפרינגענדיג פון דער שטוהל. — אמאל האסטו געהייסען יאכנא, דער „שווארצער יאכנא"...

נאזאר ראפוכא האט א ציטער געטהון, זיינע אויגען זענען מיטאמאל פערלאפען געווארען מיט בלוט, זיינע וואנסען און זיינע לאנגע ברעמען האבען זיך אויפגעשטעלט ווי די שפיזען, נאר ער האט זיך מיט אלע כחות ווי עס איז בעהערשט און האט בלומרשט רוהיג געזאגט:

— דו האסט א טעות... ווער ביסטו, דען?... פון וואנען קענסטו מיך?...

— פון די אלטע גוטע צייטען, בע־בע, ווען מיר האבען בשותפות אבגעארבייט געוויסע געשעפטלעך... אנו, יאכנא לעבען, קוק מיך גוט אן. אפשר וועסטו דאך דערקענען דעם אלטען שותף ריינעם?... א נו, א נו... דערמאהן זיך... סענדער סאל־דאט... פון סראקאצק... געדענקסטו די פערדלעך, וואס מיר האבען בשותפות ארויסגעפיהרט פון די פויערישע שטאלען אין די פינסטע־רע נעכט?... א נו, דו הויבסט שוין אן מיך צו דערקענען. א?... און געדענקסטו, ווי דו האסט נאך סראקאצקער שרפה ביי מיר אבגע־קויפט פאר דריי קארבען א קליין קינד, א מיידעלע, א ליאלקעלע, מיט א קמיעלע אויף דעם העלזעלע, מיט זעקס פינגערלעך אויף דעם רעכטען פיסעלע... מיט א ברוינעם בעהארטען פלעק אויף דעם לינקען זייטעלע... פאר גאנצע דריי קארבען, א?...

אלעמענס בליקען און אלעמענס אויפמערקזאמקייט זענען גע־ווען קאנצענטרירט אויף די צוויי אלטע בעקאנטע, און דעריבער האט קיינער נישט בעמערקט, ווי די פארב האט זיך געביטען אין גלאשאס געזיכט, ווי איהר גאנצער קערפער האט געציטערט, אז זי האט זיך קוים אויף די פיס געהאלטען, און איהרע אויגען האבען מיט א בעזונדערען בליק געקוקט אויף דעם אלטען ציגיינער.

— נו, ברודער יאַכנאַ, — האָט דער אַלטער בראָדיאַגאַ פֿאָרט־געזעצט. — אָדער, אויב ס'איז דיר ליעבער נאַזאַר, זאָל זיין נאַזאַר... נאָר שווייג נישט... מיר זענען שוין ביידע אַלט, ברודערקע. מיר שטעהען שוין ביידע מיט אָנדערטהאַלבען פיס אויף יענער זייט. נאָכוואָס מיטשלעפּען אהין א בעלאַסטעטען געוויסען?... זאָג, וואו איז דאָס מיידעלע, וואָס דו האָסט ביי מיר אָבגעקויפט מיט צוואַנציג יאָהר צוריק פאַר א טריאָשניצע?...

נאַזאַר ראַפּוכאַ האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען הויך זיין קאָפּ און האָט אויסגעשטרעקט זיין לינקע האַנד צו דעם אָרט, וואו גלאַשאַ איז געשטאַנען, נאָך איידער ער האָט בעוויזען ארויסצוזאָגען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, האָט אין קאַבינעט א הילך געטהון א משונה'דיג הערצרייסענדער אויסגעשריי, און גלאַשאַ איז געפאַלען אין חלשות...

— — — — — — —

...ווען גיזעלאַ איז געקומען צו זיך און האָט אויפגעעפענט די אויגען, האָט זי געזעהען, אַז זי ליעגט אין פּאָטערס שלאָף־צימער, אויף דעם בעט פון איהר לאַנג פערשטאָרבענער מוטער, אויף דער וואַנד איבער איהר געלעגער איז געהאַנגען איהר מוטערס פּאָרטרעט אין לעבענס־גרויס, און נעבען איהר בעט זענען געזעסען: איהר פאָטער „דער קופּער־קעניג“, איהר ברודער גרישאַ און איהר שוועסטער ראשעל, און זי האָט געהערט, ווי גרישאַ האָט שטיל געזאָגט:

— הייסט עס, אַז אָהן אונזער ווילען און אָהן אונזער וויסען האָט אין אונזערע הערצער געערדט די שטים פון בלוט.

* * *

אויף סט'־ניקאָלאַ־אַווענױ, וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די שענסטע און רוהיגסטע שטאָדט־טיילען פון ניו־יאָרק, אין א פּראַכטפולען צוויי־שטאָקיגען פּריוועט־הויס, אין א גרויסען, מיט דעם עכט אמעריקאַנישען פּראַקטישען קאָמפאָרט איינגעריכטעטען

דיינינג-רום, ארום דעם רייך געדעקטען-רונדען טיש, זיצען אין א געהויבענער יום-טוב׳דיגער שטימונג: סאמואיל לאזארעוויטש קאָל-מאַר, זיין זון גריגאָרי סאמואילאָוויטש, זיין שנור ראשעל מארקאָוו-נאַ, זיין טאָכטער גיזעלא סאמואילאָוונא, זיין איידעם ליאָוו דאווי-דאָוויטש שטרייטער און זיין מחותן מארק באָריסאָוויטש יעלין.

דער העלד פון דעם שטילען, ריין פאמיליען-פעסט איז דער געוועזענער בלינדער „פאָליטישער״ פּאָסעליענעץ, דער גאָט די נשמה שולדיגער מארק באָריסאָוויטש יעלין, היינט איז ער ארויס פון דעם קליניק, וואו א בעריהמטער ניו-יאָרקער פראָפעסאָר האָט מיט ערפאָלג אויסגעפיהרט אנ׳אָפּעראציע אויף זיינע אויגען און האָט איהם אומגעקעהרט די ראיה, און אָט זיצט ער איצט צום ער-שטען מאָל נאָך די לאנגע מארטירערישע יאָהרען אין ענגען פאמיל-יען-קרייז, און קוקט מיט אָפענע ליכטיגע אויגען אויף די ליעבע טייערע געזיכטער...

דער כריעטענסקער „קופּער-קעניג״ און זיינע בני-בית זע-נען נאָך „גרינע״, זיי האָבען זיך נאָך נישט אמעריקאניזירט, און פיהרען זייער היימליכען יום-טוב׳דיגען שמועס אין דער שפּראַך פון דער אלטער היים, וועלכע זיי האָבען ערשט מיט עטליכע הדשים צוריק פערלאָזט אויף סיבירער אופן, דאָס הייסט, נאָך א קורצען ישוב-הדעת.

ומעשה שהיה — כך היה:

באלד נאָך יענער דענקווירדיגער נאכט, אין וועלכער די צי-גאנקע גלאשא איז פערוואנדעלט געוואָרען, און גיזעלא סאמואי-לאָוונא, איז אין קאָלמארס פאלאץ אויפגענומען געוואָרען בסודי-סודות ליאָוו דאווידאָוויטש שטרייטער, און גיזעלא האָט קורץ און דייטליך געמאָלדען דעם פאָטער, אז זי האָט נאָך פריהער פעסט בעשלאָסען, צו פאָהרען מיט איהם צוזאמען קיין אמעריקא, און אז דער דאָזיגער בעשלוס איז אונווידעררופליך:

— איך מוז זיך נוקם זיין ווי א ציגיינערקע, — האָט זי דערביי צוגעגעבען מיט איהר פיגלארישען געלעכטער. — ראשעל האָט חתונה געהאט מיט מיין „געליעבטען״, וויל איך חתונה האָבען מיט איהר געליעבטען...

און פאר דעם „קופער-קעניג" איז ענטשטאנען א דילעמא: אָדער שיידען זיך מיט זיין גיזעלנקע, וועלכע ער האָט נאָר וואָס אויף אזא וואונדערבארען אופן צוריקגעפונען נאָך לאנגע טרויער-פולע צוואנציג יאָהר, אָדער ליקווידירען זיינע געשעפטען, רעאלי-זירען זיין רייכטום און פערלאָזען סיביר מיט זיינע קינדער צו-זאמען.

און נאָך א קורצען ישוב הדעת האָט ער זיך ענטשלאָסען אויף דאָס צווייטע... נאָר איידער ער האָט פערלאָזט זיין „קעניגרייך" אין ווייטען סיביר, האָט ער מיט זיין מילדער האנד פערזאָרגט אין דער באַגאַדעלניע פון דער יודישער געמיינדע אין טשיטא דעם אל-טען בראָדיאגא, וועלכער איז פון דאָרט אין קורצען געבראכט גע-וואָרען צו קבר-ישראל.

ענדע.